STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08181

SOTSYALIZM UN KUNST

Anatoly Vasilievich Lunacharsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

From the Books of

Leon Malmed

Albany, New York

1881 *1956*

סאָציאַליזם און קונסט

אויסגעוועהלטע שריפטען

פון

א. וו. לונאַטשאַרסקי

פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג און קונסט

—— אין דער ——

רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטען־רעפּובליק.

רעדאַגירט פון י. ב. סאַלוצקי

אַרויסגעגעבען פון דער מאַרקס ליטעראַטור געזעלשאַפט

אין פאַרלאַג „נייע וועלט", נויאָרק, 1920.

Copyright, 1920,
by
MARX PUBLICATION SOCIETY

All rights reserved.
Published, May, 1920.



א. וו. לונאטשארסקי

א. וו. לונאטשאַרסקי

סאָציאַליזם און קונסט

פאָרוואָרט צו דער אידישער אויסגאַבע

אז סאָציאַליזם האָט א שייכות מיט דער וועלט פון קונסט ניבען שוין צו לכל הפּחות די געגנער פון סאָציאַליזם, וואָס האָבען אויך שכל אין קאָפּ אחוץ שנאה אין הארצען. מעגען זיי זיין ווער ווייסט ווי אין כעס אויף דעם סאָציאַליזם, זיינען זיי דאָך קלוג גענוג ניט צו לייקענען, אז דער סאָציאַליזם, וואָס האָט, מיט אזאַ קראַפט און גרינטליכקייט הינגעריסען צעהנדליגע מיליאָנען מענשען, באַשריינקט זיך ניט בלויז אויף דער „מאָגען־פראַגע“. א לעהרע וואָס האָט ניט נאָר צוזאַמענגעשמידט ריזיגע מאסען מענשען אין איין געמיינשאַפט פון סאָציאַלע אידעאַלען, נאָר אויך באַשאַפען פאַר זיי א נייעם קאָהעקס פון עטישע נאָרמען, א נייע זיטליכקייט און א נייע מאָס פון אָפּשאַצונג פון וואָס איז רעכט אָדער שלעכט, שעהן אָדער מיאוס, — אזאַ לעהרע באַווירקט ניט נאָר די געדאַנקען פון איהרע נאָכפאָלגער, נאָר אויך זייערע געפיהלען, ניט בלויז זייערע האַנדלונגען, נאָר אויך זייערע פיינסטע, פאַרוויקעלטסטע איבערלעבונגען, כמעט חלומות.

די שייכות מיט דער קונסט באַשריינקט זיך ניט אויף דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז א נאָהענטער מחותן מיט דער קונסט. וואָרים וואָס דען, אויב ניט דאָס לעבען פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען, דאָס לעבען אין זיין גאַנצער, אַלזייטיגער, פאַרשיידענאַרטיגער און דאָך האַרמאָנישער פאַחוויקעלטקייט, זאָל זיין דער נאַטירליכסטער ווירקונגסקרייז פון דער קונסט? אָדער — זאָלען מיר אָננעמען, אז קונסט איז די נעבעלהאַפט־מיסטעריעזע, דורכאויס ניט ערדישע באַשעפעניש, וואָס קאָן געדייהען נאָר אין דער קינסטליך אָנגעוואָרעמטער אַטמאָספערע פון אָראַנזשעריעס? אזאַ קונסט, פאַרשטעהט זיך, ווייכט, ווי דער שטן פון ווייהרויך, פון ליכט און קראַפט, פון פרישען ווינט און שטורעם. אויף אָט דער דעקאַדענטיש־דעגענערירטער, אין זיך אַליין פאַרליעבטער קונסט, וואָס האָדעוועט זיך אין דער מידער, איבערזעטיגטער אומגעבונג פון מיליאָנערסקע זייד־

ציטערען און פּאַראַדירט אונטער דעם פּרעטענציעזען שילד פון „קונסט צוליעב קונסט“, האָט ניט דער סאָציאַליזם און ניט די סאָציאַליסטישע מאַסען־באַוועגונג קיין תביעה און אַזאַ קונסט האָט איבער זיי קיין שליטה ניט. נעמען מיר אָן אַז די קונסט איז אין דער ערשטער שורה אַ פולבלוטיגע און פולקאָלירטע באַגלייטערין און דערגענצערין פונ'ם לעבענדיגען לעבען אין אַלע זיינע פיעלפאַכיגע פּראָצעסען, דעמאָלט איז ניט נאָר סאָציאַליזם פ אַ ר וו אַ נ ד ט מיט דער קונסט, נאָר פיעל מעהר: דעמאָלט איז סאָציאַליזם אַלס טעאָריע און אַלס באַוועגונג ניט פאַר־פולאָהן דער גרינטליכער טעאָרעטישער באַשטעטיגונג פון קונסט, און די קונסט קאָן געפינען איהר אַבסאָלוטע ענטוויקלונגם ערשט אין דעם רעאַלען באָדען פון דעם סאָציאַליזם, דאָס הייסט, אין דעם לעבען פון די שטרעבענדע און קעמפענדע מאַסען. און ניט בלויז אין דעם סאָציאַליזם שיבוא, אין דעם „צוקונפט־שטאַאט“, אַמאָל, ווען עס איז, נאָר שוין איצטער, ווען עס ווערט נאָך ערשט געשפּיעלט די „צוקונפט־מוזיק“, און געשפּיעלט פון הענט און פינגער, וואָס זיינען מעהר געאיבט אין געברויכען די דראָטווע, די שעהר, די לאָפּעטע אָדער דעם האַמער און די האַק. די קונסט קאָן ניט אויפבליהען אין דעם קעניגרייך פון שאָטענס, אונטער די מידע, קאַלטע בליקען פון די אָפּשטאַרבענדע. ערשט דאָרטען, וואו עס ברויזט און רוישט, וואו מען הערט „דעם געוויין פון דעם געפאַלענעם און דעם יובעל־געשריי פון דעם זיעגער“, דאָרט וואו דער „וואָס איז געוועזן אַלץ ווערט גאָרניט“ און ווער עס איז גאָרניט שטרעבט צו ווערען אַלץ, נאָר אין דער אומגעבונג פון קאַמף, פון צייטווייליגער מפלה, פון ווידער אויפגעפלאַקערטען קאַמף און זיעג קאָן געדייהען און קומען צום פולען אויסדרוק די אמת'ע קונסט וואָס לעבט און איז לעבענספעהיג.

אויף אַזוי פיעל האָט מען גע'פועל'ט. „גרויסמוטיגע“ געגנער גיבען צו אַז די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג איז ניט קיין בינעזישער מויער פאַר קונסט. אַז די פאַרקעמפער פון פּראָלעטאַריאַט זיינען ניט דורכאויס אויסער פלאַץ דאָרטען, וואו עס האָבען ביז איצטער געפיהרט דאָס גרויסע וואָרט נאָר די פּאַטענטירטע און טיטולירטע. מען עפענט אַ פאָרטעל פאַר דעם סאָציאַליזם

אין די וויסענשאפטליכע טעמפלען פון דעם עגל הזהב. אבער, דערצעהלט מען אייך, סאציאליזם איז ניט די גאס, ניט די ארבייטער באוועגונג. מען קאן ריידען פון מארקס'ן, געוויס פון זשארעס'ן, אפשר פון פלעכאנאוו'ן. אט די ארויסגעקומענע פון דעם בורזשואזען קלאס, די אנטרונענע, זיי, וואס טראָגן זייער רויטען סוף קומען זיי פון דער „בלויער ביין“, זיי קאנען האבען א צוטריט צו דעם הר המוריה פון די זיעבען קונסטען. אבער ניט די ארבייטער, די וואס קלאפען אזוי, ווען זיי קומען אן, מיט די הילצערנע פאדעשוועס און אייזערנע טשוועקעס איבער דער רוי־שיגער גאס, ניט זיי! ניט שוין זשע ווילט איהר זיי ארייגפיהרען אין דעם שטילען משכן פון קונסט, וואו נאר קדושים זיינען מתפלל און גבונים זיינען זיך מתדבק אן דער שכינה? און צארטע דאַ־מען, פון ביידע געשלעכטען, לייגען אזש צו זיידענע טיכלעך, גע־נעצט אין א־דע־קאלאן, צו די האסטיג קלאפענדיגע שלייפען: דער פראלעטאריער, דער בארבאר געהט אויף דער קונסט!

א פראלעטארישע קונסט, דאס איז שוין צופיעל. און מען פרעגט אייך: וועט איהר האבען אויך א ספעציעלע קונסט ניט נאר פאר אייער קלאס אדער פון אייער קלאס, נאר אויך פאר באזונדערע אינדוסטריעס און פאכען פון אייער קלאס? למשל, קונסט פון און פאר העמדעל־נעהער, קוילען־גרעבער, האלץ־האקער? און אויב אזוי, פאר וואס אויך ניט א קונסט פון און פאר פארטייען, למשל, קונסט פון סאציאל־דעמאקראטען און סאציאל־רעוואלוציא־נערען, פון מענשעוויקעס און באלשעוויקעס?

די בייזע, אויפגערעגטע טענות זיינען, פארשטעהט זיך, ניט מעהר ווי בייזע, אויפגערעגטע און דערפאר גיט קלוגע טענות. גוט האט געזאגט ניט לאנג צוריק דער ענגלישער סאציאליסט סידני וועבב, ווען די „גרויסע“ ענגלישע פרעסע האט זיך געגרוילט אי־בער דער שוידערהאפטער וואהרשיינליכקייט, אז די ענגלישע אר־בייטער פארטיי זאל איבערנעמען די רעגירונגס־מאכט. סידני וועבב האט זיי בארוהיגט: „מיינט ניט, אז ווען מיר ריידען וועגען דער ארבייטער פארטיי מיינען מיר דוקא און אויסשליעסליך די מענשען, וואס ארבייטען אין די פאבריקען און זיינען ניט געביל־דעט; מיר האבען אין זינען אלע די וואס וועלען זיך איינשטעלען

פאַר די אינטערעסען פון די וואָס ארבייטען אין די פאַבריקען, און מיר זעהען, אַז מיט יעדען טאָג קומען אריבער אויף דער זייט פון די ארבייטער אינטערעסען אַלץ נייע אריבערלויפער פון די בורזשואַזע קלאַסען". דער פּראָלעטאַריאַט איז דער גרויסער גרונט־לייוואַנט, אויף וועלכען די געשיכטע מאָלט נייע בלומען און די רייכסטע קאָלירען־פאַרבען. דער פּראָלעטאַריאַט איז דער קלאַס פון די וואָס ארבייטען סיי מיט די הענט, סיי מיט דעם מאַרך, און פּראָלעטאַרישע קונסט איז ניט דוקא בלויז מאַנטעל־מאַכערשע קונסט. אָבער אין דער ערשטער שורה — פּאָרט פּראָלעטאַרישע קונסט.

און וואָס איז שייך צו פּארטיי־קונסט איז פאראַן אין דעם אויסדרוק פיעל מעהר באַדייטונג, ווי די חוזק־מאַכער באַגרייפען עס. דער אָפּגרונט צווישען קונסט און פּארטיי איז ניט אַזוי טיעף, ווי ער ווייזט אויס פון דער זייט. „פּאָליטיק און קונסט, דערהויפּט פּאָעזיע, האָבען גאָר פיעל געמיינזאַמע פּונקטען. ווי די פּאָליטיק, אַזוי די קונסט סטאַרען זיך אויפ'ן שטאַרקסטען אופן צו ערשיטע־רען און דערהויבען דעם מענשען. ביידע, די פּאָליטיק און די קונסט, דאַרפען שטרעבען צו ערשיטערען אויפ'ן טיעפסטען שטיי־גער און אויסצושעפען די מענשליכע נשמה. עס איז דורכאויס ניט אמת, אַז ‚אַ פּאָליטיש ליעד איז אַלע מאָל אַ שלעכט ליעד' — פּאָליטיק און קונסט קאָנען אויף דעם פארשיידענסטען שטייגער באַפרוכטבאַרען איינע די צווייטע. די פּאָליטיק קאָן געבען דעם קינסטלער דעם ערהאַבענעם מאַטעריאַל, די ליידענ־שאַפטליכע אימפּולסען. און די קונסט קאָן, אין אַן אומ־געהויערער מאָס, קרעפטיגען די כחות פון דעם פּאָליטישען קעמ־פער" (קאַרל קאַוטסקי). אַזוי האָט געשריבען מיט יאָהרען צוריק דער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם. און ער האָט אודאי ניט איבער־טריבען. ניט אומזיסט האָט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געוואַרנט די וועלט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער ניויאָרקער צייטונג באַשרייבענדיג דעם מאַסען־סטרייק פון די וועבער־ארבייטער אונ־טער דער פיהרערשאַפט פון די רעוואָלוציאָנערע „אינדוסטריאַליס־טען", אַז „געפעהרליך איז אַ באַוועגונג וואָס זינגט". די פאָלקס־חכמה וויל האָבען אַז „אַ הונגעריגען קריכט ניט אין קאָפּ קיין

געזאַנג“, אָבער די אויסגעהונגערטע וועבער־סטרייקער האָבן זיך געשפּייזט מיט זייער געמיינשאַפטליכן געזאַנג, אויף 19 לשונות, וואָס האָט זיך גלייכצייטיג געצויגן פון צעהנדליגע טויזנטער אַרבייטער ברוסטען. „געפעהרליך איז אַ באַוועגונג וואָס זינגט“, און נאָך געפעהרליכער איז, פאַר דער בורזשואַזיע, אַ באַוועגונג, וואָס מאַכט די קונסט פאַר איהר שותף אין דער גרויסער אַרבייט פון איבערבויען אויף נייע יסודות די וועלט, די קונסט אריינגע־רעכענט. דערפאַר — דער פאַרביסענער קאַמף פון דער בורזשואַזער קריטיק געגען דעם שידוך צווישען דער קונסט און סאָציאַליזם.

הייסט עס, אַז קונסט איז אַ פּאַרטיי־זאַך? אויב איהר ווילט, יע. אָבער דאָס וואָרט פּאַרטיי זאָל דאָ ניט פאַרשטאַנען ווערען פאַלש. און ניט קיין אַנדערער ווי קאַרל מאַרקס האָט אָנגעוויזען, ווי דאָס וואָרט פּאַרטיי זאָל אין דעם פאַל פאַרשטאַנען ווערען. דאָס האָט ער געטאָן אין אַ בריעף צו זיין פריינד, דעם גרויסען דיכטער פון דער דייטשער רעוואָלוציע פערדינאַנד פריילינגראַט, ווען דער דיכטער האָט צו איהם אַמאָל געשריעבען:

„הגם איך בין אַלע מאָל פאַרבליבען טריי, און וועל פאַר־בלייבען טריי צו דעם באַנגער פון דעם ’קלאַס, וואָס איז אַרבייט־זאַם אַם מעהרסטען און איז גלייכצייטיג דער אומגליקליכסטער‘, ווייסטו דאָך אַזוי גוט ווי איך, אַז מיינע פאַרהעלטניסען צו דער פּאַרטיי זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידענע... מיין נאַטור, ווי די נאַטור פון יעדען פּאָעט, נויטיגט זיך אין פרייהייט. איך בין געווען דיכטער פון פּראָלעטאַריאַט און פון דער רעוואָלוציע לאַנג פריהער, ווי איך בין געוואָרען מיטגליעד פון דעם קאָמוניסטישען פאַרבאַנד און מיטגליעד פון דער רעדאַקציע פון דער ’נייער רהיי־נישער צייטונג‘ (וואָס מאַרקס האָט רעדאַקטירט). און אַזוי וויל איך אויך אויף ווייטער פאַרבלייבען שטעהן אויף מיינע אייגענע פיס, וויל געהערען צו זיך אַליין און זיין אַליין מיין אייגענער בעל דעה!“

פריילינגראַט האָט פאַרענדיגט זיין בריעף מיט דער פּרינ־ציפּיעלער ערקלעהרונג, אַז „דער דיכטער שטעהט אַאוף עינער האהערן וואַרטע, אַלס אַאוף דען זיננען דער פּאַרטעי“.

דערויף האָט איהם מארקס געענטפערט: „אונטער דעם וואָרט 'פּארטיי' פארשטעה איך ניט א פארבאנד וואָס איז שוין אבט יאָהר טויט אָדער א רעדאקציע וואָס איז אויפגעלייזט זייט צוועלף יאָהר. אונטער דעם וואָרט פארשטעה איך די פּארטיי אין דעם גרויסען היסטאָרישען זינען".

ווען מארקסיסטען ריידען וועגען דעם קלאסען קאמף און וועגען דער היסטאָרישער שליחות פון דעם ארבייטער קלאס האָבען זיי אין אויג ניט די פאך־אינטערעסען פון א גרופּע ארבייטער דאָ און דאָרטען, נאָר דעם קלאס אלס גאנצע, טראכטען זיי ניט וועגען אויסשליעסליך די פיזישע אָדער האנט־ארבייטער, נאָר אלס די וואָס קאָנען זיך דורכדרינגען מיט דער פילאָזאָפיע פון קלאסען־קאמף. און ווען מארקסיסטען באטראכטען די פּארטיי פון ארבייטער קלאס טראכטען זיי ווידער אמאָל ניט וועגען די טעכנישע מחיצות, וואָס טיילען אָפּ די באוועגונג פון דער ארבייטערשאַפט פון דער אויסערער וועלט, נאָר וועגען דעם סאָציאלען אינהאלט און די ברייטע קלאסען־ציעלען פון דער דאָזיגער פּארטיי. זיי טראכטען וועגען דער פּארטיי אין היסטאָרישען זינען. דאָס דאַרף קלאָר זיין. און דעמאָלט וועט אויך קלאָר זיין אין וועלכען זינען מען קאָן ריידען וועגען פּראָלעטארישער קונסט און שייכות פון קונסט און פּאָליטיק.

אנאטאָל לונאטשארסקי איז דער דענקער און קינסטלער פון ארבייטער קלאס, וואָס האָט אין רוסלאנד אויפגעהויבען, דער ערשטער און אם העכסטען, די פאָהן פון פארברידערונג צווישען קונסט און פּראָלעטאריאט. זיין פארוף איז באגעגענט געוואָרען מיט שפּאָט ניט נאָר אין דער בורזשואזער וועלט. אויך סאָציאליסטען־מארקסיסטען האָבען געזעהען אין זיין ארבייט א פארזוך אראָפּצופיהרען דעם קאמף פון פּראָלעטאריאט פון דעם גלייכען וועג פון סאָציאלער און פּאָליטישער ערקענטניס. מען האָט געזוכט אזוי פאַרצושטעלען די זאך, אז לונאטשארסקי איז אויסען צו פארהייטען דעם באוואוסטזיין אויף געפיהל, אלס א מיטעל און צום קלאסען־קאמף. אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. לונאטשארסקי האָט ניט פארלאָזען זיין פּאָזיציע. ער איז געגאנגען אזוי ווייט און אזוי

אויסגעהאַלטען ביז ער איז דערגאַנגען צו דער פאַרווירקליכונג פון זיינע אַנזיכטען, ווען דער זיעגרייכער פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט איהם געמאַכט פאַר דעם לייטער פון דעם „קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג און קונסט“ אין דער סאָוויעט־רעגירונג פון דער ערשטער און דערווייל איינציגער אַרבייטער רעפּובליק אין דער וועלט.

אויף די ווייטערדיגע בלעטער וועט דער לעזער געפינען אויסגעוועהלטע עסעים פון דעם קריטיקער און קינסטלער וואָס איז געוואָרען, מיט דעם ווילען פון זיין מאַיעסטעט דעם אַל־רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, דער ערשטער אַל־רוסלענדער מיניסטער פון בילדונג, קולטור און קונסט. אין די דאָזיגע עסעים איז זיין שטאַנדפּונקט אַרויסגעבראַכט מיט גענוגענדער קלאָהרקייט, און דער אינטעליגענטער לעזער וועט האָבען די מעגליכקייט אַריינצוקוקען אין דער וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז איצטער דער פונדאַמענט פון דער ריזיגער קולטור־אַרבייט פון דעם רעוואָלוציאָנערען רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט.

רעדאַקטאָר פון דער אידישער אויסגאַבע.

א ויכוח וועגן קונסט

פריי איבערזעצט — א. ליטוואק

א ויכוח איבער קונסט

א גרויסער צימער, דעמאָקראַטיש מעבלירט. אַנגערויכערט. עטליכע טישען מיט בראַנפען, ביער, ברויט, הערינג און וואורשט. א פּאָר צעהנדליג יונגע לייט זיצען, שטעהן, געהן אַרום און כמעט אַלע רעדען, שרייען, טומלען. מען רעדט איבער די פערשידענסטע טהעמעס. מעהר ווי אַלץ וועגען קונסט: דער בעל־הבית פון צימער איז א קינסטלער, א מאהלער, זיין פרוי — א גרויסע ליעבהאָבערין פון קונסט. אייניגע געסט זיינען אויך נאָהענטע מחותנים מיט קונסט. דער טומעל ווערט גרויס און גרעסער. מישט זיך אריין די יונגע בעל־הבית'טע:

— מיינע הערדען! — שרייט זי אויף איהר קלינגענדער שטימע, — אזוי איז אונמעגליך. אַלע שרייען און קיינער הערט ניט, ניט וואָס אנדערע זאָגען, ניט וואָס ער אַליין רעדט. פאַר וואָס זאָלען מיר ניט מאַכען אַן אָנשטענדיגע דיסקוסיע? און טאַקע וועגען קונסט, נאָר רעדען, ווי מענשען, איינציגווייז און אפריהער אויסקלייבען א פּאָרזיצענדען, פּונקט ווי אין אייראָפּאַ. ווייסט איהר גאָר וואָס? איך וועל זיין א פּאָרזיצענדער. ווילט איהר מיך אויסקלייבען?

— גוט! אודאי! מיר ווילען! איינשטימיג! — שרייט מען פרעהליך פון אַלע זייטען.

— נו, איך זיץ שוין. ווערמען גיט מען דאָס וואָרט? יאָ, איך האָב באַמערקט, אז אנקיף פּאָמיטש קאָכט זיך מעהר פון אַלעמען, זאָל ער רעדען דער ערשטער.

אַ יונגער מאַן אין א סטודענטען־רעקעל, מיט א קאָפּ צופּאָל־טעטע האָאָר און א געלע נערוועזע געזיכט האָט מיט א בייזער מינע א קוק געטאָן אויף דער בעל־הבית'טע און אָנגעהויבען צורייצט:

— איך קאָך זיך? פון וואַנען האָט איהר עס גענומען... איהר ווילט, איך זאָל רעדען? וואָס זאָל איך אייך זאָגען? פרעגט מיר

בחרם, וואָס דאָרטען טוט זיך אין דער קונסט אייערער. איך פערשטעה אין קונסט גאָר נישט און וויל ניט פערשטעהן. ווען מענשען האָבען לעדיגע צייט, ווייל זיי איז ניט קיין נויט צו אַרבייטען, איז זיי לאַנגווייליג. די לאַנגווייליגקייט איז די מוטער פון פערוויילונג, און קונסט איז פערוויילונג, צושטרייאונג. אַלץ אין דער וועלט ספּעציאַליזירט זיך. פערוויילונגען ספּעציאַליזירען זיך אויך. אויף אַזאַ'ן אופן בעווייזען זיך ספּעציאַליסטען צו פערווײלען לעדיגע געהער, וואָס האָבען ניט, וואו די צייט אַהין צו טאָן: פּאַיאַצען און בוף־קאָמיקער פון פערשידענע מינים, מענשען, וואָס גיבען זיך אָפּ דערמיט, לערנען זיך אויף דעם, מיט איין וואָרט — בעלי מלאכות פון שפּאַס, איך האַלט, אַז אַ מענש, וואָס האָט זיך אויסגעקליבען פאַר אַ ספּעציאַליטעט צו פערווײלען זיינע מיטמענשען, איז אַ נידעריגער מענש. מיר דוכט, אַז ניט נאָר איך, אַ דעמאָקראַט, כמעט אַ פּראָלעטאַריער, נאָר אַפילו די אַריסטאָקראַטען, וואָס גיבען זיך אַזוי פיעל אָפּ מיט קונסט, פיהלען שטענדיג אַ מין פעראכטונג צו פערשידענע מוזיקער, אַקטיאָרען און אַנדערע קינסטלער, ווי איהר רופט זיי דאָרטען. אַ פּשוט'ער אַרבייטער טרינקט אויס אַ זונטאַג אַ פלאַש פּשוט'ען בראַנפּען, שלעפּט ער זיך אַ שכור'ער איבער'ן גאַס און שרייט אַ הייזעריג ליעדעל — דאָס איז זיין פערוויילונג. אַ רוסישער סוחר לאָקטשעט אויס אַ טוץ שאַמפּאַניער און שלאָגט אויס די שויבען אין אַ רייכען רעסטאָראַן — דאָס איז זיין פערוויילונג. אַנדערע מאַכען עס ניט אַזוי גראָב, ניט אַזוי שרייעדיג, עטוואָס פיינער, אָבער אַלץ דערפאַר, וואָס זיי איז אורמעטיג, לאַנגווייליג; לאַנגווייליג דערפאַר, וואָס זיי האָבען צופיעל און צו שווער געאַרבייט, אָדער דערפאַר, וואָס זיי זיינען צו לאַנג געזעסען לעדיג. אַלץ איינס. דאָס, וואָס אונזער געזעלשאַפט ברענגט אויס אַזוי פיעל געלד אויף טעאַטערען, מוזעען, און דערגלייכען, בעווייזט נאָר, אַז אין דער געזעלשאַפט איז פאַראַנען אַ סך רייכע לעדיג־געהער, אַז אין אונזער געזעלשאַפט זיינען די רייכטימער ניט גלייך צוטיילט.

— איהר האָט געענדיגט? — האָט די בעל־הבית'טע געפרעגט.

— ניין, איך האָב ניט געענדיגט, — האָט דער רעדנער גע־

ענטפערט מיט כעס. נו, גוט, האָט פערגעניגען, ווילט זיך און ברענגט אויס, וואָס איהר באַקומט פון פרעמדע האַרעוואַניע און איהר, שפּאַסמאַכער, איהר „מייסטער פון צושטרייאונג“, טוט אייער אַרבייט, פאַרשאַפט פערגעניגען, העלפט פאַרטרייבען די צייט. אָבער אום גאָטעס ווילען, פעררייסט ניט אַזוי דעם קאָפּ. זאָל זיך אַ קאַרטאָפעל ניט ווערען זיין קיין אַפּעלסין. איז ניין — בלאָזען זיי פון זיך, ערקלערען זיך פאַר דער פער פון דער מענש־הייט, באַשאַפען גאַנצע טעאָריעס וועגען דיענען דער קונסט. שפּרינגט אַזאַ איינער און וואַרפט טעלער אין דער לופטען, וואַרפט און כאַפּט און זאָגט מיט שטאָלץ: וואַרפען טעלער איז אַ הייליגע קונסט און איך דיען איהר מיט מיין גאַנצער נשמה. איך האָב אַמאָל געהערט, ווי אַ גאַראַדאַוואָי האָט זיך צוקריעגט מיט אַ פּאַיאַץ ביים שפּילען אין ביליאַרד. „אַ פּאַיאַץ ביזטו און ווייטער גאָרנישט!“ האָט דער גאָראָדאָוואָי געשריען. און דער פּאַיאַץ האָט געענטפערט: „גאָספּאָדין גאָראָדאָוואָי! אַ פּאַיאַץ איז אויך אַן אַרטיסט!“ נו, און איך זאָג: אַן אַרטיסט איז אויך אַ פּאַיאַץ.

אין צימער איז געוואָרען אַ טומעל. מען האָט דעם רעדנער אי־בערגעריסען, אויפגערעגט געשריען, ניט געוואָלט לאָזען רעדען. דער רעדנער האָט אַלעמען איבערגעשריען:

— באַלעבאַסטינקע, ווילט איהר זיין אַ פּאָרזיצענדער, טו האַלט אָרדנונג, אַז ניט, וועל איך זאָגען, אַז האַלטען אָרדנונג איז בכלל ניט קיין וויבערשע זאַך.

דער עולם האָט זיך צולאַכט. דער רעדנער איז נאָך מעהר אין כעס געוואָרען.

— קאָן איך רעדען צי ניט?

— איהר קאָנט, רעדט, מיר הערען.

— אַ טענצערקע, אַ טענאָר, וואָס רייסט זיך די האַלז, אַזאַ איינער, וואָס מאָהלט זון־פּליטערלעך אויף אַ גרינעם דאַך, און אַלע אַנדערע וואָס דיענען דער הויכער קונסט צו פאַרשאַפען פאַרשידענאַרטיגע פערוויילונגען — זיי רעכענען דאָך אַלע, אַז זייער קונסט איז אַ צוועק פאַר זיך און נויטיגט זיך אין קיין שום אַנדער בע־רעכטיגונג ניט. פאַר וואָס זאָל אַן אָרימער פּאַיאַץ אויך ניט רע־כענען, אַז ער איז אַן אַרטיסט, און וויבאַלד אַן אַרטיסט, איז ער

דאָך וויכטיג, גרויס, הייליג. איז דאָס נאָך קנאַפּ פאַר זיי. מיר ערוועקען, זאָגען זיי, רחמנות צו די געפאַלענע. מיר דעקען אויף די פאַלשקייט פון לעבען, ברענגען ליכט, לערנען ליעבע! אַ, כאַפּט אייך דער טייוועל! איהר זאָגט ליגען! אין גאַנצען ליגען, הגם פיעלע פון אייך מיינען, אַז דאָס איז אמת! די גראָבע בייכער און די דינינקע נערוועז דאַרפען פאַרשידענאַרטיגקייט, רייצונג — אָט וואָס! דאַמען באַגאָסענע מיט פּאַרפיום, ווילען זעהן בחוש, ווי הונגעריגע וועבער מיט איינגעפאַלענע אויגען בונטעווען, זיי ווילט זיך דעם העכסטען גראַד נאַטוראַליזם, די מיאוסע ריחות פון „דעק“. און זיי ווילען זיך דורכרעדען וועגען דעם, אַ לייכטען זיפץ טאָן, אַ ביסעל טרעהרען פאַרגיסען. אָה, וועבער, אָרימע ברידער אונזערע! לאָמיר לאָזען רינען אויפ׳ן „דעק“ אַ טרעהר און אַ זילבערנע מטבע אַ נדבה. דאָס הייסט וועקען רחמנות! איין דאַמע זאָגט: „דער פּאָעט האָט אונז געוויזען, אַז אין טראַנטעס קאָן אויך זיין אַ גוטע נשמה!“ און אַן אַנדער דאַמע גיט צו: „אין גרונט גענומען זיינען מיר דאָך אַלע ברידער!“ אַ באַקאַנטע דאַמע, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „איך לייען גאָרקי׳ן... אַך, די באָסיאַקעס! (טרעמפּס) — דאָס איז דאָך אַ נייע וועלט! אָט וואָס קונסט הייסט! אַזוי וואָלט איך דאָך קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען רעדען מיט אַ באָסיאַק — איך וואָלט מורא געהאַט, און איצט האָט פאַר מיר גאָרקי געעפענט אַ טיעף אינטערעסאַנטע נשמה פונ׳ם באָסיאַק. מיר האָט זיך אפילו גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין אַליין זייערע אַ מיידעל, מאַלווא דאַכט זיך, רופט זי זיך ביי גאָרקי׳ן, און אַרום מיר זיינען באָסיאַקעס, באָסיאַקעס, פאַרליעבטע, ווילדע, גאַנצע, רייכע נאַטורען.“ ווי געפעלט זי אייך, מיין פּאַ־עטישע דאַמע? ווייטער זאָגט מען נאָך, אַז די קינסטלער שטעבען, שמייסען די הייליגע געזעלשאַפט. זאָלאַ, למשל, אין זיין „זשער־מינאַל“ (די קוילען גרעבער). מעגליך, אַז זאָלאַ אַליין טוט עס טאַקע מיט׳ן גאַנצען הארצען. אָבער ווי פערשטעהט ער עס ניט, אַז זיינע שמיץ זיינען די רייכע אַנגענעהם, אַז ניט, ווי וואָלט עס איהם די בורזשואזיע באַצאָהלען פאַר זיינע פאַרשידענאַרטיגע שמיץ אין אַ סך בענדער מיליאָנען האָנאָראַר? ניט די קוילען־גרעבער צו־קויפען דאָך אויף הונדערטער טויזענדער געלינקע ביכעלעך צו דריי

און א האלב פראנק א ביכעל! יעדען מאל ווען מיר קומט ארויף אויפ'ן זינען די דאזיגע קונסט־שמייסער פונ'ם פעטען גאט מאמאן, דערמאן איך זיך אן דעם גענעראל, וואס פלעגט צאהלען פויערשע מיידלאך צו גאלדענעם רענדעל, זיי זאלען איהם אפשמייסען. אייער סאציאלע קונסט איז א נארישקייט. עס לייענען זי אלץ אזעלכע מענשען, אויף וועלכע זי קאן סיי ווי גיט ווירקען. און די, וואס וואלטען קאנען העלפען צו די צרות, די וואס ליידען אליין פון זיי, יענע לייענען ניט. און צו וואס זאלען זיי עס לייענען? דארף דען טאקע דער הונגעריגער האבען א זאטער קינסטלער זאל איהם ערקלערען, אז ביי איהם איז דער בויך פוסט? אבער פאר־וואס איז ער הונגעריג? דאס דארף מען ערקלערען אהן פליטערלעך, אהן קונצען. איצט איז ניט קיין צייט צו קלאפען איבער'ן צימ־בעל. קלינגען אין שטורעם־גלאק, אט וואס מען דארף! און צו קלינגען אין גלאק דארף מען קיין קינסטלער ניט זיין. נו, איצט האב איך געענדיגט.

אויף א ווײַלע איז געווארען א טומעל. אבער די באלבעאסטע האט באלד ווידער געמאכט ארדנונג. דאס ווארט האט באקומען בארים באריסאוויטש, א שעהנער יונגער מאן מיט א געקרייזעלטען קאפ און א יעזוס־בערדעל ארום זיין בלאסע געזיכט.

— איך מיין, אז עס זיינען פאראן צווייערליי קונסט. יע־דערע פון זיי האט א באזונדערע אפשטאמונג און א באזונ־דערע ענטוויקלונג. הגם די צוויי מינים קונסט, וועגען וועלכע איך רעד, האבען זיך אפט איבערגעפלאכטען מיט־אנאנדער. דער ערשטער ווארצעל פון קונסט איז — שפיעל. ווען דער שפיעל, די פערוויילונג, דער שפאס, ווי אנקיף רופט עס, וואלט אפילו געווען בלויז א צייט־פארטרייב, בלויז א רפואה געגען לאנג־ווײַליגקייט, וואלט עס אויך געווען זעהר א וויכטיגע זאך. יעדע רפואה איז א וויכטיגע און ווינשענסווערטע זאך, פאר יעדע קראנק־הייט איז נויטיג א רפואה. אומעט, לאנגווײַליגקייט איז אויך א קראנקהייט, און דער וואס היילט פון לאנגווײַליגקייט פארדיענט ניט ווייניגער אכטונג, ווי דער וואס היילט פון אנדערע, פיזישע קראנקהייטען. אנקיף וועט זאגען: א קראנקהייט נעהמט זיך דער מענש ניט אליין, און לאנגווײַליגקייט איז א הולאת פון לעדיג־

געהער. דאָס איז דאָך אָבער ניט ריכטיג. ליעדער און טענץ, געפּעס מיט מאָלעריי און אויסגעהאַקטע אָדער העל־געפאַרבטע קליידער קען מען געפינען ביי די סאַמע האָרעפּאַשנע מענשען. אנקיף האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז צושטרייאונג איז נויטיג פון שווערע האָרעוואַניע אויך. איז אויב קונסט וואָלט נאָר געהאַט איין צוועק: פאַרוויילען, צושטרייען פון לאַנגווייליגקייט אָדער פון שווערע האָרעוואַניע, וואָלט זי שוין דעמאָלט אויך געווען זעהר וויכטיג און ווינשענסווערט. אָבער אפילו די קונסט, וואָס שטאַמט פון שפּילען, האָט אויך נאָך אַ באַדייטונג. אַ קליין הינטעל שפּילט אין יאַכט (פּאָלעוואַניע) ניט ווייל איהם איז אומעטיג און ניט ווייל ער האָט אַ סך געאַרבייט: ער האָדעוועט זיינע גלידער, ער גיט אוים זייער ענערגיע, כדי אַז דורך דעם, וואָס ער וועט זיי איבען, פריי איבען, זאָלען זיי בעסער וואַקסען, ווערען בויגיגער, עלאַסטישער. דאָס זעלבע, וואָס דער הינטעל, האָט אמאָל געטאָן די יונגע מענשהייט. זי טוט עס איצטער אויך. זי איבט דעם קערפּער און די נשמה. קונסט און יעדער נאָבעלער שפּיעל — דאָס איז אַ ספּאָרט־גימנאַסטיק, אין דעם העכערען זין פון וואָרט. דאָס לעבען, די ווירקליכקייט מיט איהר אַרבייט־צוטיילונג און פאַרשידענע נויטווענדיגקייטען וואָלט געמאַכט דעם מענשען זעהר איינזייטיג, אין איהם וואָלטען אָפּגעשטאָרבען אַ סך זייטען, וואָס קענען איהם אין דעם אָדער יענעם פאַל שטאַרק צוניץ קומען, קענען מאַכען זיין לעבען רייכער. די ווילדע פעלקער שפּיעלען אין מלחמה אין דער צייט פון שלום; דאָס איז אַ שפּיעל, מעהר ניט ווי אַ שפּיעל, אָבר דערווייל איבען זיי. די קונסט מאַכט, אַז אין אונז זאָלען לעבען און אַרבייטען אַזעלכע רעדעלעך פון גייסט און קערפּער, וועלכע וואָלטען אָהן איהר פאַרראָסט געוואָרען פון ניט נוצען, ווייל די וואָכיגע ווירקליכקייט באַריהרט זיי ניט, דערגעהט ניט צו זיי. מען קען זאָגען, אַז די היינטיגע קונסט פאַרשטהעט ניט גוט די דאָזיגע אויפגאַבע און פיהרט זי ניט אין גאַנצען אוים. אָבער די אידעע פון קונסט איז דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, און די דאָזיגע אידעע איז אַ וויכטיגע און אַ הויכע. אַ מיידעלע פאַרוויעגט איהר פּופּע, וואָס איז פאַרוויקעלט אין אַ שמאַטע, — דאָס האָדעוועט זי די צערטליכקייט פון איהר אייגענעם יונגען הערצעל — אין איהר פאַנ־

טאזיע איז עם איהר קינד. א יונגער אינגעל האט זיך צוואויינט איבער דעם שיקזאל פון סאָניע מאַרמאַלאַדאָווא. די דאָזיגע העלדין פון דאָסטאָיעווסקי'ס ראָמאַן איז גיכער, ווי אלץ, גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. אָבער דער יונגער לעזער וועט געוואוינט ווערען ליידען פאַר די ערנידעריגטע און באַליידיגטע, און אָננעהמען זיך פאַר זיי, ווען זיין צייט וועט קומען. אָבער דאָ האָב איך זיך שוין אריינגעמישט אין אין אנדער געביעט... איך האָב בעסער גע־דאַרפט אויסקלייבען אַן אנדער ביישפיעל, ווייל דאָסטאָיעווסקי'ס קונסט געהערט שוין ניט צו דעם מין קונסטשפיעל. דאָס איז שוין קונסט־טהאַט, און זעהר א וויכטיגע טהאַט.

די קונסט, וואָס איך האָב אָנגערופען שפיעל, שטאַמט פון דעם שפיעל פון א קינד און פון א ווילדען, וואָס איז שטענדיג א האַלבע קינד, פון דעם, וואָס זיי זיינען פול מיט קרעפטען, וועלכע זוכען אַן אויסוועג, בעטען זיך אויף דער פריי. פאַראַן אַזעלכע עלעמענטען אין אונזער קערפּער, אין אונזער מאָרך, וואָס זייער ארבייט ווערט ניט ארויסגערופען דורך אויסערליכע נויטווענדיג־קייט; זייער ארבייט נעהמט זיך פון אַן אינערליכער בעדירפניש אין איבונג, ווייל עס האָט זיך אָנגעקליבען א סך ענערגיע, וואָס זוכט אַן אויסוועג. אַן איינפאַכער ביישפיעל. אייערע פיס געהען צו דער ארבייט און פון דער ארבייט. דאָס ווערט ארויסגערופען פון אויסערליכע נויטווענדיגקייט. אייערע פיס טאַנצען — דאָס נעהמט זיך פון אינערליכער באַדערפניש אין איבונג, דאָס וויקעלט איהר פאַנאַנדער א פולקייט פון קרעפטען, וועלכע זוכט אַן אויס־וועג, דאָס לאָזט איהר ארויס ענערגיע, וואָס בעט זיך אויף דער פריי. אָט יענע עלעמענטען לאָזט עס ארויס פריי דער שעפער. און דער וואָס פאַסט אויף, דער וואָס געניסט פון זיין שאַפונג, זיין געניוס איז אַן — אָפּגעשלאָגענער, אַן אָפּגעשיינטער, ווייל ביי איהם הויבען אויף אַן שפּיעלען אַזעלכע סטרונעס, וואָס זיינען געוועסט פאַרשטומט געוואָרען.

דער מין קונסט, וואָס איך רוף אַן טהאַט, נעהמט זיך, דוכט מיר, פון דער שטרעבונג צו איבערציינגען. איבערציינגען געטער אָדער מענשען. כדי דעם מענשען'ס רייד זאָל ווירקען, זאָל זיין איבערצייגענד, מוז עס זיין רייך מיט בילדער, פול מיט ליידענ־

שאַפט. אָדער צו ווענינגסטענס אַזוי: דער פאַרלאַנג צו ווירקען, צו איבערצייגען ברענגט שוין ניט ווילענדיג דעם וואָרט־קינסטלער, לאָמיר זאָגען אַ קלוגען זקן אויף דער פאַרזאַמלונג פון זיין שבט, ער זאָל אויפהויבען העכער זיין שטים, זיינע ווערטער און באַוועגונג זאָלען זיין מיט אַ מאָס, מיט אַ ריטם. זוכענדיג אַרגומענטען ברענגט ער ביישפּיעלען, דערצעהלט לעגענדען, געשעהענישען פון דער פאַרגאַנגענהייט און סטאַרעט זיך צו שילדערען זיי אַזוי לעבעדיג, גלייך ווי ער וואָלט עס איצט געזעהן פאַר די אויגען. און אַז איבערצייגענדע רעדע, אַ פּרעדיגט קען מען מאַכען ניט בלויז מיט'ן מויל, ניט בלויז מיט דעם געשריבענעם אָדער געזאָגטען וואָרט, נאָר אויך מיט סקולפּטור, מיט מאַהלעריי, אויך מיט מוזיק, ווען זי באַגלייט דאָס וואָרט. רעליגיאָן, מאָראַל, פּאָליטיק — זיי האָבען אַלע זיך באַנוצט מיט דער קונסט, זיי האָבען געפונען אין דער קונסט זייער אויסדרוק. און דאָס איז איינפאַך דערפאַר, וואָס אַ שטאַרקער געפיהל פאַרכאַפּט דעם גאַנצען אָרגאַניזם, ברענגט אַלץ אין באַוועגונג, זוכט שטורעמדיג אַן אַרויסגאַנג דורך אַלע וועגען, און דורך אַלע וועגען זוכט ער אויך אַן אַריינגאַנג אין דער נשמה פון דעם, וועמען ער וויל איבערצייגען.

אַ גרויסער פּרעדיגער איז שטענדיג אַ קינסטלער. און אַן אמת גרויסער קינסטלער איז שטענדיג אַ פּרעדיגער. אין דעם איז גערעכט לעאָ טאָלסטאָי; אומגערעכט איז ער נאָר, ווען מיט זיין שמאָלקייט פון אַן אַסקעט, פון אַ נזיר, וואָס איז געגען יעדע וועלטליכע פאַרגעניגען און גענוס, נעהמט ער און פאַראורטיילט אין גאַנצען דעם מין קונסט, וואָס איך האָב אָנגערופען שפּיעל. דאָך בין איך איינשטימיג, אַז די קונסט, וואָס איז אַ פּרעדיגט, איז אַ סך העכער פון קונסט, וואָס איז אַ שפּיעל. וואָס פּרעדיגט אַ מענש? דאָס וויכטיגסטע, דאָס טייערסטע, צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט. און דאָס, וואָס זיין פּרעדיגט האָט זיך דערהויבען צו קונסט, דאָס הייסט, וואָס זי האָט זיך אָנגעטאָן אין געפיהל און געשטאַלטען, וואָס ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע בעסטע קרעפטען זי אַרויסצוברענגען וואָס מעכטיגער, וואָס שעהנער, דאָס באַווייזט, אַז די געדאַנקען, וואָס ער פּרעדיגט, זיינען ביי דעם מענשען באַזונדערס וויכטיג, באַזונדערס הייליג. די קונסט־שפּיעל איז אַ זעהר אָנ־

גענעהמע און ניצליכע גימנאסטיק. די קונסט — פּרעדיגט. דאָס איז די ענטפּלעקונג פון לעבען אין זיין העכסטער גראד פון זיין ענערגיע. און אין דעם זינען זאָג איך: דער אַלטער קריסט, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער אַרענע פון צירק אינ'ם אַלטען רום און אַ מינוט פאַר זיין מאַרטירער־טויט האָט ער מיט אַן עסטעטישען זשעסט געגעבען צו פיהלען דעם המון, אַז ער איז טריי זיין גאָט און אָהן יעדע וואַקלונג וועט ער זיך מוסר נפש זיין, נעהמען אויף זיך טויט און יסורים פאַר איהם — דער דאָזיגער אַלטער קריסט איז אין מיינע אויגען אַ גרויסער אַקטיאָר. און אויב ער וויל ווירקען אויף דעם המון וועט ער ניט ווילענדיג אויסרעכענען דעם מהלך וואָס צווישען איהם און דער מאַסע, אויסרעכענען, עס זאָל ווירקען אויף דעם ווייטסטען, אין דער ווייטסטער רייהע און ער וועט מאַכען זיין זשעסט... סצעניש.

און איך וועל אייך זאָגען, אַז אמת גרויס איז יענער אַרטיסט, וועלכער פּרעדיגט זיין גאָט דורך קונסט, וואָס קען לויט דעם מין טאַלאַנט, וואָס ער באַזיצט, מיט וואָרט אָדער מיט'ן פּענזעל, דורך שטיין אָדער טענער אין דער ווירקליכקייט אויך קעמפען און לײַדען פאַר איהם מיט דער גאַנצקייט פון קונסט, מיט דער שעהנהייט פון אַ קאָנצענטרירטער, באַוואוסטזיניגער קראַפט.

אויף אַזאַ'ן אופן איז דער העכסטער מין פון קונסט — די קונסט, וואָס איז אַ פּרעדיגט, די קונסט, וואָס איז אַ טהאַט. נאָר דאָ זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע גראַדאַציעס, אַלערליי מדרגות. איך רעד שוין ניט וועגען אַ פּרעדיגט, וואָס איז ניט אויפריכטיג; וועגען אַ פאַרקויפטען אודאי ניט. מיר וועלע רעדען וועגען אַ השתפכות הנפש פון אַ קינסטלער, ווען דער שעפער זינגט אַרויס זיין טייערסטען, זיין איניגסטען אני מאמין פּרעדיגען קען מען פאַרשידענע זאַכען. לאָמיר זאָגען: ניט רויבערען, פאָלגען טאַטע און מאַמע און אַלערליי קליינינגקייטען... מען קאָן פּרעדיגען דאָס, וואָס איז גרויס... אָבער וואו איז די מאָס איינצושטעלען די גראַדאַציעס; וואו איז די מאָס צו בעשטימען וואָס העכער און וואָס נידעריגער?

פאַר מיר איז די מאָס קלאָר: עס איז ניטאָ קיין אידעע, וואָס זאָל זיין העכער פאַר דער אידעע, אַז דער מענשליכער גע־

שלעכט איז איינהייטליך; די העכסטע פּרעדיגט איז די, וואָס וויל איבערצייגען, אַז די מענשהייט מוז זיך פאַראייניגען אויף דעם יסוד פון ברידערליכער מיטאַרבייטערשאַפט פאַר דעם גליק און ענטוויקלונג פון יעדען איינצעלנעם. איך האָב זיך אייגענטליך געדאַרפט אונטערשרייבען מיט ביידע הענט אונטער טאָלסטאָי'ס מיינונג, אַז גוט איז די קונסט, וועלכע פאַראייניגט, און שלעכט — די, וואָס צוטיילט, וואָס צושפּאַלט. איך שרייב אָבער טאָלסטאָי'ס מיינונג ניט אונטער. פאַרקעהרט, איך פּראָטעסטיר שאַרף געגען זיין מיינונג. און איך וועל אייך זאָגען פאַרוואָס. די קונסט וואָס צוטיילט די מענשען, איז שלעכט. אָבער די אינסטיטוציעס, וואָס צוטיילען זיי, זיינען נאָך ערגער. אינסטיטוציעס הענגען ניט אין דער לופטען. זיי ווערען אויפגעהאַלטען פון מענשען. פאַראַנען מנשען גרופּען און גאַנצע קלאַסען פון אַזעלכע מענשען, וואָס צו־טיילען; פאַראַנען פּערזאָנען און פאַראייניגען, וועלכע זיינען פאַר־אינטערעסירט אין דעם, אַז די מענשען זאָלען זיין צוטיילט און יע־דער איינער, וואָס וויל די מענשען פאַראייניגען, מוז זיך מיט אָט די צוטיילער צוזאַמענשטויסען, ער מוז מיט זיי קעמפען. אָבער ווי קעמפט מען? ניט שוין זשע ווי יענער קאראַם, שטשעדרינס אידעאַליסטישע פישעל, וואָס האַלט פאַר זיין מערדער דעם העכט אַזאַ מין נאָבעלע דרשה: „ווייסטו, רבי העכט, וואָס ליעבע איז? ווייסטו פון יושר?" דאָס וואָלט געווען צו נאַאיוו, צו קינדיש.

טאָלסטאָי'ס כלל: קעמפט ניט געגען שלעכטס מיט געוואַלט. ווען אַ ווילדער וואָלט ביי מיר צוגענומען מיין קינד און איהם אויפ־געגעסען פאַר מייענע אויגען, וואָלט איך געגען איהם ניט געקעמפט מיט כח נאָר מיט וואָרט און איבערצייגונג — דעם דאָזיגען כלל איז איצט אַפילו איבעריג צו באַשטרייטען. גרויסע ליעבע איז ענג פאַרבונדען מיט גרויסער פיינדשאַפט. דאָס איז אַן אַלטער אמת. עס וועט אויפהערען צו זיין אמת ערשט דעמאָלט, ווען דער לעצטער עקספּלואַטאַטאָר וועט פאַרשווינדען פון דער עדר. ווער עס וויל דיענען דער ליעבע מיט מעשים, ניט בלויז מיט ווערטער, יענער מוז קומען צו פיינדשאַפט. קריסטוס, דער סימבאָל פון ליעבע, האָט געשטורעמט די פאַריסעער מיט צאָרניגע ווערטער און ער הט פאַרטריבען די הענדלער פון בית המקדש — מיט אַ בייטש.

דעריבער האָט די העכערע קונסט צוויי פאָרמען: אויפדעקען די איינהייט אין די מענשען, אין אַלע מענשליכע פאַרשידענהייטען, אין אַלע זייערע מינים און אַרטען זוכען דאָס איינציגע, דאָס פאַר־איייניגענדע, זוכען דעם מענשען; פּרעדיגען ברידערשאַפט, מיט־לייד... דאָס איז איין זייט, פון דער אַנדער זייט, די קונסט פון צאָ־רען, וואו דר קינסטלער דאַרף אַראָפּרייסען מאַסקעס, לעגען אַ שטעמפּעל פון שאַנד אויף'ן שטערען. איך ווייס, דאָס זיינען אַלטע געדאַנקען, אַלף בית. אָבער די אַלטע געדאַנקען זיינען אמת, און ווען מען פאַרגעסט זיי, ווען מען וויל זיי באַשטרייטען, מוז מען זיי איבער'חזר'ען, מוז מען זיי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל באַגרינ־דען.

אנקיף לאַכט אויס די קינסטלער, וועלכע וועקען רחמנות, וועלכע שטראָפען, שמייסען. ער איז אומגערעכט. זיין מיינונג איז אויבערפלעכליך. ער פרעגט, פאַר וועמען דאַרף מען דאָס? אויף דעם באַדריקער וועט עס גיט ווירקען און די געדריקטע איז איבעריג צו דערצעהלען, אַז זיי טראָגען דעם יאָך. ער פאַרגעסט, אַז די געדריקטע האָבען זיך צוגעוועהנט; די שטענדיגע ליידען האָבען זיי פאַרטעמפּט. די געוועהנשאַפטען האָט ביי זיי פאַרשלע־פערט דעם צאָרן, אויסגעלאָשען די האָפנונג. מען דאַרף זיי אויפ־טרייסלען, וועקען דעם געפיהל פון פּראָטעסט, וועקען דעם גלויבען אין די אייגענע קרעפטען. זיי טרינקען דעם ביטערען כוס טראָפּען פאַר טראָפּען און יעדען טאָג פיהלען זיי נאָר דעם טראָפּען פון היינט. דער קינסטלער דאַרף צונויפנעהמען אַלע טראָפּענס און ווייזען זיי דעם גאַנצען ים פון זייערע צרות, זיי זאָלען דערזעהן און פאַרציטערט ווערען. יעדער געדריקטער זעהט נאָר זיינע צרות און זיינע קרעפטען. מען דאַרף איהם ווייזען אין איין ברען פונקט די צרות פון מיליאָנען און די קרעפטען פון מיליאָנען.

חוץ דעם האָט אנקיף פאַרגעסען אָן דער אינטעליגענץ, אי־בערהויפּט די אינטעליגענטע יוגענד. די דאָזיגע יוגענד האָט דאָך געשפּיעלט אַ ראָלע אין קאַמף פאַר באַפרייאונג. ניט די גאַנצע בורזשואַזע יוגענד, אָבער אַ טייל געוויס. נאָך היינט באַקומט די באַפרייאונגס־אַרמעע איבערגעלאָפענע אינטעליגענטע קרעפטען פון דער בורזשואַזיע. אָט די אינטעליגענץ, אָט די יוגענד האָט מען

דאָך געדאַרפט ערציהען, און דאָס האָבען געטאָן ניט בלויז פּובלי־ציסטען, ניט בלויז היסטאָריקער און עקאָנאָמיסטען, נאָר אויך גרויסע שריפטשטעלער־קינסטלער, בעלעטריסטען־פּרעדיגער.

פאַראַנען אַן אַלטע לעגענדע, אַז אין׳ם אַלטען גריכענלאַנד האָ־בען אַמאָל איינוואָהנער פון אַטהען געדאַרפט שיקען הילף דעם מיליטער פון ספּאַרטאַ. און וועמען האָבען זיי געשיקט? אַ דיכ־טער, אַ פּאָעט. און איך זאָג אייך — דאָס איז געוועןן אַ גרויסע הילף. די אַרמעען פון ליעבע און היילינען צאָרן דאַרפען האָבען מענשען, וואָס זאָלען שלאָגען אין פּויק און בלאָזען אין טרומייט, וואָס זאָלען אַריינפליסען מוט אין די נשמות פון די קעמפער, אויפ־בלאָזען אין זיי דעם צאָרן, פאַרשטאַרקען די ליעבע, וואָס זאָלען רופען און געווינען די יוגענד. איך האַלט אויך, ווי אַנקיף, אַז איצט איז אַ צייט, ווען מען דאַרף ציהען דעם שטורעם־גלאָק. נאָר אַנקיף מיינט, אַז דערצו דאַרף מען ניט זיין קיין קינסטלער, און איך מיין, אַז מען דאַרף, מען מוז. יעדער אַגיטאַטאָר דאַרף זיין אַ קינסטלער, פּונקט ווי יעדער קינסטלער וואָלט אין גרונט גענומען באַדאַרפט זיין אַן אַגיטאַטאָר. מיר ציהען דאָך ניט קיין גלאָק פון קופּער, מיר שלאָגען אַ שטורעם אין׳ם האַרץ פון מענשען, און דאָס איז אַ פיינער מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

אַ טייל פּובליקום אַפּלאָדירט. אַ טייל איז ניט צופרידען. אין צימער ווערט ווידער אַ טומעל. מען רעדט אין אַלע ווינקעלעך. דער בעל־הבית, דער מאהלער סקאָבעליעוו, אַ שעהנער יונג מיט אַ פרעהליכע געזיכט, באַלויכטען פון אַ פּאָר בלויע אויגען, שרייט אי־בער אַלעמען. ער בעט זיך ביי זיין ווייב:

— נו, איצטער וויל איך רעדען. נייןן, לענאַ, לאָז מיר רעדען. דו דאַרפסט אַמאָל געבען פּראָטעקציע דיין מאַן אויך. לאָז מיר רעדען. די צונג בייסט. אַ שעהנעם דאַנק אייך, באָרים באָריסאָ־וויטש, פאַר דעם אָרט פון אַ פּויקער, וואָס איהר טיילט מיר צו אין אייער אַרמעע. איך וויל זיך דאָך ערלויבען צו זיין אַן עזות פּנים און אָפּזאָגען זיך פון אַזאַ שעהנע שטעלע. איך וויל אייך זאָגען, ליעבער פריינד, אַז איהר האָט קיין שום באַגריף ניט וועגען דער נשמה פונ׳ם קינסטלער. מען קען עס ניט באַהאַלטען, געוויס זיינען פאַראַנען צווישען אונז אַזעלכע, וועלכע מאַכען די קונסט

צו דיענען דער אידעע און ניט פארקעהרט. נאָר דאָס זיינען אזעלכע קינסטלער, וואָס די סאָציאלע מאָטיווען האָבען זיי איבערגעפיהרט, אזעלכע, וואָס שאפען אמאָל רעכטס ניט א דאַנק דער אידעע, נאָר טראָץ די אידעע. היינע האָט געזאָגט וועגען דעם גרויסען האָלענדישען מאהלער רובענס, אז ער האָט זיך אויפגעהויבען אויפ׳ן הימעל ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס צו זיינע פיס זיינען געווען צוגעבונדען הונדערט קילאָגראַם האָלענדער קעז. אזוי האָבען אייניגע מאהלער פון דער סאָציאלער אידעאישער שולע זיך אויפגעהויבען הויך טראָץ דעם, וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען די זינד פון אונזער וועלט. אָבער אָט דער זינד, אָט די „פּרעדיגט“, וואָס איהר האָט אזוי ליעב, ציהט זייער פוס, ווי די קייטען פון א קאטאָרזשניק, און יעדערער פון זיי וואָלט פריי אָפּגעאטעמט, ווען זיין געוויסען, וואָס איז קראנק אויף דער סאָציאלער קרענק, וואָלט איהם ערלויבט אראָפּצושליידערען די קייטען. אונזער מאהלער קראמסקאָי, אליין א געבונדענער, האָט נעבעך גע־טרוימט וועגען דעם. דאָס לייווענד דארף זיין שעהן — שרייבט ער אין א בריעף צו א פריינד: אידעען, צער און צאָרן — דאָס אלץ וועט פארגעהן; שעהנקייט וועט בלייבען. דער אוראייניקעל וועט גלייכגילטיג פארבייגעהן פארביי היסטאָרישע דאָקומענטען און ער וועט זיך אָפּשטעלען אין ענטציקונג פאר א שעהנעם לייוועגד. — איבעריגס, צום טייוועל מיט׳ן אוראייניקעל! די קונסט בויגט ניט איהר קאָפּ פאר דעם אוראייניקעל אויך. איהר מיינט, אפשר, איך וויל אייך דאָ ענטוויקלען עפּעס א שטיק **מעטאפיזיק**, א טייוועלשע פארדרעהניש... האָט קיין מורא ניט.

— רעדט, רעדט! זאָגט, וואָס איהר ווילט!

—איך בין גאָר ניט קיין מעטאפיזיקער. מען זאָגט, א טעאָריע אזעלכע, אז קונסט איז נאָר צוליעב קונסט. איך האָלט ניט פון דער דאָזיגער טעאָריע, ווייל איך אינטערעסיר מיך בכלל מיט קיינע טעאָריעס ניט. נאָר... איהר הערט? א פויגעלע זינגט!.. אָט האָט איהר אייך א קינסטלער. דאָס האַרץ קוועלט אָן. די ברוסט אָטהעמט הויך. געהסט און קוקסט אַרום זיך מיט לאַכעדיגע אויגען. באמערקסטו, ווי אין א ווינקעל האָבען זיך מאַי־בלימעלעך פאַנאַנ־דערגעבליהט און אזוי שעהן, אזוי רייך. ניטאָ כמעט קיין בלע־

טער, וואָלקענס זיינען דאָס, וואָלקענס פון אַלערליי קאָלירען...
אוך! ווי אַ שעהנע מוזיק האָט עס אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויגען,
אַ גאַנצע גאַמע פאַרביגע פלעקען, ס'האָט זיך אָפּגערופען אין האַר־
צען, אַנגעהויבען זינגען... און די זון פערגיסט אַלץ מיט גאָלד, מיט
גאָלד, מיט גאָלד. שטעהסטו אַזוי, זיס פאַר'שכור'ט און גלאָצסט
די אויגען אויף דיינע ליעבינקע מאַי־בוימעלעך... און נאָכהער
טראַכסטו, ריכטיגער געזאָגט, דו בעטסט, טוסט תפילה: „לאָז זיך;
וואונדער שעהנע, גיב זיך מיר, אָרימען!“ און עס הויבען זיך אָן
יסורים, הויבסט אָן געבוירען עסקיזען... אָבער עס איז נאָך אַלץ
ניט דאָס... דו מאַטערסט זיך און ביזט מלא שמחה פון זיעג...
געענדיגט דעם עטיוד איז דיר ביטער און גוט...“

— און הינטער'ן פּלויט פון גאָרטען קלינגען פעטש, — האָט
אַנקיף אויסגעשאָסען: אַ גאָראָדאָוואָי גיט דאָרטען אין די צייהנער
אַ שכור'ען אַרבייטער.

— אַז איך וועל זעהן, ער גיט אין די צייהנער, וועל איך איהם
אַריינפאָהרען מיט אַ שטעקען... ס'האָט זיך שוין געמאַכט אויך...
אָבער האַלטען יעדען אויגענבליק אין זינען, אַז וואו עס איז גיט
ווער עס איז וועמען עס איז אין די צייהנער, דאָס קען איך ניט
און וויל ניט אויך איך וויל לעבען, איך וויל מאָהלען. דאָס
לעבען איז שעהן, עס מוז זיין שעהן. איך שווער ביי גאָט, און
מיינע חברים ווייסען עס אויך — אַז ווען מען וועט מיך דאַרפען,
גיט נאָר אַ רוף, וועל איך קומען צו לויפען. איך וועל אַרויס אויפ'ן
גאַס, אויב מען וועט דאַרפען, און ניט דער לעצטער... — איך בין
ניט קיין שרעקעדיגער האָז. אָבער כל זמן איך לעב: אָך, די
ליעבינקע זון, די מאַמעלע וואַסער, פיעל פאַרביגע... דער קינסטלער
גופא איז דאָך שטענדיג פריי... זעצט אַריין אַ סאָלאָוויי אין שטיי־
געל — זיין גוף איז געפאַנגען, אמת. אָבער זיין ליעד איז פריי
— עס פליהט!

— אודאי, קאַנאַריקעס און אַנדערע פון דער קליינער חברה
זיינען אין שטייגעל אויך פריי. אָבער ווי איז עפּעס דעם אָדלער
צו זיצען אין שטייג, — האָט אַנקיף איהם איבערגעשלאָגען מיט
אַ צופרידענעם געלעכטער פון אַ זיעגער.

— שטעך זיך ניט, איך האָב דערפאַר קיין מורא ניט. איהר

וועט מיר קיינמאָל ניט דערווייזען, אז עס איז ניט גוט ליעב צו האָבען ליכט און פאַרבען, אז עס איז ניט גוט זיי צו מאָהלען... אזוי בין איך שוין באַשאַפען... איך וויל ניט שטאַרבען און וויל זיך ניט בייטען; לעבען וויל איך, לעבען און זיין א קינסטלער. איך ווייס — ניט ליכט און פאַרבען אליין. די נשמה פונ'ם מענשען איז אויך שטאָף פאַר'ן קינסטלער. אן אנדערס מאָל געלינגט עס מיר אויך. אָט שפּיעלט זיך א קליינע מיידעלע מיט א גרויסען הונט... זי לאָזט זיך האַלב ארונטער, ווי זי וואָלט זיך וועלען צוזעצען, קנייטשט צונויף איהר פּנים'על געשייט, א קליינער גנב! און באַהאַלט דעם באָל צווישען די פיסלעך... דער הונט בויגט צו דעם קאָפּ צו דער ערד און קוקט, קוקט, און זיינע הינטישע אויגען לאַכען... מיט אַמאָל לאָזט דאָס מיידעלע ארויס א געשריי פון שמחה, טוט א שליידער דעם באָל אין דער הויך, און זי לאַכט און לאַכט, פאַרגעהט זיך פאַר געלעכטער, און דער הונט טוט א קורצען אָפּגעהאַקטען ביל און לאָזט זיך לויפען נאָך דעם באָל... וואָלט איהר א קוק טאָן אויף דאָס מיידעלע אין דער מינוט, ווען זי גרייט זיך צו וואַרפען דעם באָל, אָט־אָט לאָזט זי איהם ארויס פון האַנט, וואָס וועט איהר דעמאָלט ניט געפינען אויף איהר פּנים'על! עפּעס א שרעק און אַן ערוואַרטונג, א פעסטען באַשלוס און א פרייד... איך האָב פון דעם דאָזיגען שפּיעל געמאַכט א סך עטיודען.

— ווייסטו אָבער, וואָס דערנאָך איז געוועזן? — האָט איהם אַנקיפּ ניט געלאָזט ריידען ווייטער. — דערנאָך האָט דאָס מיידעלע געטראָפען מיט'ן באָל ביי דעם פאָלקאָווניק גליעבאָוו אין פענסטער, און די מאַמע האָט איהר געריסען פאַר די אויערען. אוי, האָט זי געריסען... פאַר וואָס האָסטו ניט געמאַכט קיין עטיודען דערפון? האָסט געדאַרפט א קוק טאָן אויפ'ן פּרצוף פונ'ם אַלטען פאָלקאָווניק, בעת ער האָט געשריען דורכ'ן פענסטער... און די צורייצטע, קרענקליכע, קנעכטישע מוטער... האָסט געדאַרפט א קוק טאָן אויף איהר פּנים, בעת זי איז ארייגגעקומען אין ווילדען כעס און האָט שיער ניט אָפּגעריסען איהר מיידעלע די אוירען

— איך האָב דאָס ניט געזעהן.

— א שאָדען, ברודער. עס וואָלט געווען אַן אויסגעצייכענטער סוזשעט.

— דו ביזט ווי א בייזע שוויגער. זעהסט נאָר וואָס שלעכט. אָבער עס שיינט די זון און עס לעבט די קונסט. און מיר זינגען פון זיך ארויס אונזער שאפונג, ווי דער סאָלאָוויי זיין ליעד. וואָס דערפון וועט ווערען — דאָס איז שוין ניט אונזער זאך. איך קען זיין א מענש פאר דער געזעלשאפט און איך מוז עס זיין. אָבער דאָס איז אן אנדער אָפּטיילונג מיט אן אנדער טיר.

— דו פארנעהמסט א גרויסע דירה. וואָס זאָלען מיר אָרימע טאָן — מיר האָבען אין הארצען נאָר איין קליין צימערעל. דאָ שלאָפען מיר, דאָ עסען מיר, דאָ ארבייטען מיר — אלץ אין דעם איין צימערעל.

— איהר קענט מיר פארדענקען! — האָט סקאָבעלעוו גע־ענטפערט, — נאָר, איך וועל אייך זאָגען: די צרות וועלען פאר־ביי, אייער קונסט, וואָס קעמפט אָדער בעט החמים, וועט מען מעהר ניט דארפען. און מענשען, וואָס זיינען פול מיט לייד און קענען זיך אין גאנצען אָבגעבען צום קאמף פאר די ליידענדע, וועט מען אויך ניט דארפען מעהר. אָבער דאָס לעבען וועט זיין רייך, שעהן, און א „שעהנער לייוונד" וועט ווערען א וויכטיגע, א גרויסע זאך... דעמאָלט וועט מען די גרויסע בילדער ארומטראָגען מיט פאראד, ווי אמאָל אין דער אלטער פלאָרענץ... די גרעסטע געשעהעניש פון טאָג וועט דעמאָלט זיין דער פאקט, וואָס א גרויסער קינסטלער האָט אויסגעמאָהלט דעם אייביגען מאָרגען־שטערען אויפ'ן אייביגען ים און אין אן אייביג פרישען, אייביג יונגען מענשען, וועלכער קלייבט נחת קוקענדיג אויף זיי.

— גוט! זעהר גוט גערעדיגט! — האָט מען פון אלע זייטען געלויבט דעם מאהלער.

דאָס וואָרט האָט באקומען דער יונגער מוזיקער עהרליך, א דעקאדענט. ער האָט גערעדט לאנגזאם, אזוי ווי פארקלעהרט, זיך אָפּגעהאקט, געזוכט ווערטער.

— איך האַלט דוקא פון מעטאפיזיק. די קונסט דארף זיך אָפּגעבען מיט אלגעמיינע פילאָזאָפישע פראָבלעמען. זי דארף זיך אויפהויבען צו די העכסטע פראָבלעמען פון וועלט־אל, פון אייביג־קייט, פון אונענדליכקייט, פון אונבאוועגליכקייט. יאָ, פון אונ־באוועגליכקייט. ווארום דאָס, וואָס באוועגט זיך, וואָס עס בייט

זיך, וואָס עס ציהט צו און שטויסט אָפּ, ליעבט, האַסט און קעמפּט — דאָס איז גאָר ניט, הבל הבלים, נאָר אַ חלום, אַ אילוזיע, נאָר שוים אויף דעם אויבערפלאַך פון דעם אמת'ן תוך. דער עצם, דער תוך פון אַלץ איז דאָס, וואָס איז אונבאַוועגליך, באַגעהרט ניט, בייט זיך ניט, דאָס אייז קאַלטע, איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגלי־ווערטע. דאָס ניט־זיין איז דאָס אמת'ע זיין. דער וועלט־אַל, דער תוך פון אַלע איז דאָס שטיל־שווייגען, דער שטילער טרויער. ניט דער טרויער פון אַ מענשען, וואָס איז פאַרבונדען מיט פאַרלוסט, מיט בענקעניש, מיט אונצופרידענהייט. נאָר דער שטילער, קאַל־טער טרויער פון אַ וועלט. דאָס גרויסע שווייגען. דאָס איז דער תוך פון זיין, דאָס איז די שעהנקייט. דאָס דאַרף זיין די קונסט.

אויב קונסט דיענט דעם הונגער, אַלץ איינס דעם הונגער פון קערפּער אָדער פון גייסט, אויב זי שטעלט צופרידען (ס'הייסט, עס דוכט זיך, אַז זי שטעלט צופרידען) אָדער פלאַמט אויף דעם באַגעהר... איז עס שלעכטע קונסט. די העכערע קונסט איז די, וואָס פאַרקיהלט, וואָס פאַרוואַנדעלט אַלץ אין ווייסען אונבאַוועגלי־כען מאַרמאָר. די קונסט האָט זיך צוגעריהרט — איז יעדע באַ־וועגונג פאַרגאַנגען. אָבער די העכסטע קונסט איז די, וואָס דורך פאַרשידענע מיטלען מאַכט זי אונז פאַרגעסען זיך אַליין, וואָס פאַר־שלעפערט... בעת מען הערט אויף צו פיהלען די צייט און מען ווערט פאַרזונקען אין שטילשווייגען פון אייביגקייט. דער קינסטלער דאַרף אונז געבען אַזעלכע מאָמענטען.

איהר געדענקט? דער מאָנאַך אַלאַף פון קלויסטער, וואָס לעבען קאַרלסקרוין, האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז אין גן־עדן איז פאַראַן אייביגע געגוס אָהן ערמידונג. און אין איין פריהמאָרגען, בעת ער האָט שפּאַציערט אין וועלדעל, איז צו איהם אַראָפּגעפלוי־גען אַ פויגעלע פון גן עדן און האָט אָנגעהויבען זינגען... דער מאָ־נאַך האָט געהערט... און זיין גרויער באָרד איז געוואַקסען, די האָאָר זיינען געפאַלען, קייבייטשען האָבען צואַקערט זיין פּנים, דער קער־פּער האָט געדאַרט... דאָס פויגעל האָט אַ שוועב געטאָן אין דער הויך און איז אַוועקגעפלויגען. פאַרזונקען אין זיך האָט זיך דער מאָנאַך דערשלעפּט צום קלויסטער. אָבער קיינער האָט איהם דאַרטען ניט

נעקענט. אַ סך יאָהר איז שוין אַריבער אויף דער ערד. אַט דאָס איז די זאַך פון קינסטלער. צו דעם דאַרף ער דיענען.

איך בין אַ פּיאַניסט, מיינע הערדען. נאָר בעת די מוזיק טאַנצט, רוישט און ברויזט — איז זי שלעכט, בעת זי בליצט מיט אַ קאַלטע ריינע פאָרם — איז זי גוט; בעת זי נעהמט אייך אויף פליגלען און טראָגט אייך אַוועק ווייט פון דער ערד און פון די שטערען — דעמאָלט איז זי געטליך.

און דאָס שווייגען וועט זיעגען. אַלץ פיהרט דערצו. זיעגען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, ווייל דער פּראָגרעס מאַכט אַלץ דינער, פיינער די נערווען פון מענשען און דורך דעם שטויסט ער איהם פּאַמעלאַכען צום טיר, ארויס פון דעם קלומר'שדיגען זיין. זיעגען אין דער געשיכטע פונ'ם וועלט־אַל, ווייל אַלץ פיהרט דערצו, אַז די וואַרימקייט זאָל גלייך פאַרטיילט ווערען איבער אַלע פונקטען, און עס זאָל אויפהערען יעדע באַוועגונג, אַלץ זאָל פאַרגליווערט ווערען. דעמאָלט וועט הערשען דאָס שטילשווייגען, דאָס בעסטע פון אַלע ליעדער, די העכסטע האַרמאָניע.

דאָס וואָס איז פול חשק, שמוציג, פּולבלוטיג, אַט דאָס אַלץ, וואָס שרייט, באַגעהרט — זאָגט אַליין, איז עס ניט מיאוס, ניט עקעלהאַפט? דאָס זיינען דאָך מיאוס'ע גרימאַסען, אַ קאָנוואַול־סיע איז דאָס. איהר געדענקט אָרפעאוס, דעם גאָט פון מוזיק ביי די אַלטע גריכען? אונטער די קלאַנגען פון זיין ליעד האָבען שטיי־נער זיך אַליין צוזאַמענגעלעגט אין אַ בנין. איך מיין, עס וועט אַמאָל זיין אַנדערש. אָרפעאוס זינגט און אונטער זיינע טענער צופאַלען זיך שטיל גאַנצע בנינים אויף איינצעלנע שטיינער. שטיי־נער אויף מאָלעקולען, אַלץ צושווימט; די זון, די לבנה, די ערד און דער הימעל — אַלץ צופאַלט, צוגעהט אין איינהייטליכער איי־ביגקייט. אפילו די אייז־קאַלטע קונסט־שאַפונגען פון מאַרמאָר, אין וועלכע דער גייסט האָט זיך געראַטעוועט פון באַוועגונג, זיי צוגעהן אויך, אָבער ניט צו ריענען, נאָר צו פאַרגעהן אין אונזיכט־באַרען דאַמף, אין אַ מוזיק אָהן קלאַנגען.

דער דעקאַדענט האָט גערעדט שטיל, יום־טוב'דיג געלאַסען, ווי אַ טיעף גלויביגער. אויף אַ ווייל איז געוואָרען שטיל. אי־בערגעריסען די שטילקייט האָט אַנקיף מיט זיין שניידיגער שטים:

— אויב א גרימאסע, א קאנוואולסיע, איז דאס די ראָלע, וואָס איהר האָט אויף זיך גענומען. ווי קען מען עס זיך אריינשלאָגען אין קאָפּ אזא אונזין.

דער דעקאדענט האט א ציטער געטאָן און געענטפערט לעב־האַפט:

— עס איז ניט קיין ראָלע, ניט קיין פּאָזע. איך זאָג, וואָס איך פיהל.

— מיינע הערדען! אפשר וועלען מיר מאַכען א קליינע פּויזע?

— האָט געפּרעגט העלענא. ווער נאָך וויל רעדען וועגען קונסט?

דער געלער נאום וויקטראָוויטש פּארטוגעז איז צוגעגאנגען צו א באיאָהריגטער פרוי מיט קורצע האָאר און זיי האבען א ווייַלע גערעדט צווישען זיך שטילערהייט.

— איך וועל נאָך רעדען און פּאָלינא אלעקסאנדראָוונא אויך.

— אָה, א שרעק! — האָט אנקיף א געשריי געטאָן, — פּאָלינא אלעקסאנדראָוונא'ן קען איך ניט. נאָר אויב זי איז ענליך אויף נאום וויקטראָוויטש'ן, וועלען מיר דאָ פּארפראָרען ווערען אונטער'ן האָגעל פון סטאטיסטיקס.

— וואָס פאר א סטאטיסטיקס? — האָט געפּרעגט פּאָר־טוגעז.

— איהר זייט דאָך עפּעס סאָציאל־דעמאָקראטען, מארקסיס־טען. קען דען א מארקסיסט אויסקומען אָהן סטאטיסטיק?

— נארישקייטען — האָט פּארטוגעז געזאָגט מיט זיין רו־היגען באס.

— ניין, מיר וועלען היינט אויסקומען אָהן סטאטיסטיקס, — האָט פּאָלינא אלעקסאנדראָוונא אויך צוגעזאָגט.

— הייסט עס, צוויי רעדנער, — האָט העלענא דימיטרעוונא געזאָגט. — עס וועלען נאָך געווים זיין אלגעמיינע דעבאטען אויך. איך לעג פאָר א פּויזע. אפשר וועט אונז דערווייל עהרליך עפּעס שפּיעלען.

אלע זיינען געווען איינשטימיג מיט דער ווירטהין פון הויז. עהרליך, דער יונגער דעקאדענט, וועלכער האָט נאָר וואָס גערעדט איבער קונסט, האָט זיך א ביסעל געלאָזט בעטען, זיך געקלאָגט, אז דער קאָפּ טוט איהם וועה. ער האָט זיך אָבער באלד געלאָזט

איבעררעדען און איז צוגעגאַנגען צום פּיאַנאָ.

ער האָט זעהר גוט געשפּיעלט. דאָס איז געווען אַ משונה מין פאַנטאַזיע. אַ שטורעם פון אייליגע קלאַנגען האָט זיך געטראָגען איבער'ן צימער. די קלאַנגען האָבען איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע; די נאָטען האָבען אויפגעשריען, זיי זיינען געפאַלען, האָבען זיך אויפגעהויבען, געלאַכט מיט טריאומף, פורכטבאַר געדונערט, ווילד געקרעכצט.

— מוזיק פאַרעדעלט דעם ים פון לעבען... אָבער מעהר ניט אונגעפעהר, ניט אין גאַנצען, — האָט עהרליך שטיל געזאָגט צו דער הויז־ווירטין, וועלכע איז געזעסען לעבען איהם. — און איצט אַ שטילער ראָמאַנס, — האָט ער צוגעגעבען נאָך שטילער, פּונקט ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד. און אָשטאַט דעם דונערען, אַנשטאָט דעם ברען פון קאַמף איז געקומען אַן איינפאַכער, אַ גאַנץ איינפאַכער ראָמאַנס. נאָר ער איז געווען אַזאַ ווייכער, אַזאַ פאַרטראַכטער...

— איך זיץ מיר אַזוי ביי מיר אין צימער, — האָט עהרליך געפליסטערט, — און שפּיעל עפּעס אונבאַשטימטעס, אַזוי זיך, פאַר זיך. מיט אַ מאָל עפענט זיך אויף די וואַנט, און עפּעס אַ ווייסער, אַ גרויסער געהט איבער דער ערד... אַ געוואַלדיג גרויסער.. און ער הויבט אויף אַ ווייסע האַנט, אַ פאַרוויקעלטע... און לעשט, לעשט די שטערען... די מענשען, מיין איך, שלאָפען און זיי זעהען ניט... נאָר ניין. וואו נאָר דער ווייסער שלייף האָט דורכגעצויגען, דאָרטען איז אַלץ אָפּגעשטאָרבען... הינטער דער פיגור איז שוין גאָר נישטאָ דאָרטען איז אַלץ פאַרזונקען אין שווייגען... מיר כאַפּט אָן אַ גרויל... אַ פינסטערער שווערער מאַרש איז אָנגעוואָקסען, געוואָ־ען שווערער, פינסטערער, ווי ער וואָלט וועלען אַלץ צוטרעטען, אַלץ דריקען; מיט אַמאָל האַקט ער זיך איבער מיט קורצע אויפשרייען פון שרעק... די ריזיגע פיגור קומט צו אַלץ נעהנטער. זי האָט פאַרלאָשען דעם שטערענדעל פון מיין לעבען איבער'ן דאַך פון מיין הויז... אָט איז זי אויף מיר. אַלץ האָט זי באַדעקט מיט אַ פינסטערניש, אַ מילכפאַרביגע, נעבעלדיגע... און פּלוצלונג... אַזוי גוט, גוט... איך געה אויס, איך פאַרגעה זיס, זאַנפט, וואַרים... ווי גוט...

— דער לאַמפּ געהט אויס, — האָט אַנקיף געזאָגט.

מען האט אנגעגאסען קעראסין. דער לאמפ האט ווידער גע־נומען העל ברענען. ווארט האט באקומען נאום וויקטאראוויטש פארטונעז — דער מארקסיסט.

— נאר אהן סטאטיסטיק, — האט זיך אנקיף געבעטען.

— איך האב דאך אייך צוגעזאגט, — האט איהם דער מארקסיסט בארוהיגט. — נו, הויב איך אן. דער געגענשטאנד, מיינע הערדען, איז זעהר א ברייטער. איך האב ניט ליעב קיין האלבע ווערטער, קיין אפגעריסענע געדאנקען. אבער איך וועל דעם מאל דאך מוזען געבען בלויז אן עסקיז, ניט קיין גאנצע זאך. די, וואס האבען גערעדט פאר מיר, האבען אויך געגעבען נאר עס־קיזען. וואס הייסט קונסט? וואס הייסט שאפען קונסט, — דאס הייסט שאפען נוצליכע זאכען פון א באשטימטען סארט. דאס איז א באזונדערער צווייג פון דער אינדוסטריע בכלל, ריכטיגער גע־זאגט, א טייל פון דער אלגעמיינער מענשליכער ווירטשאפט. איך האב קיין צייט ניט זיך אפצושטעלען אויף דעם, מיט וואס די ווערק פון קונסט זיינען עהנליך צו די פראדוקטען, וואס א בעל מלאכה ארבייט אויס, און מיט וואס זיי אונטערשיידען זיך איינע פון די אנ־דערע. נאר קיינער וועט ניט לייקענען, אז קונסט האט זיך ענט־וויקעלט אין דער ענגסטער פארבינדונג מיט מלאכה, מיט האנד־ווערק. פאר דער ענטוויקלונג פון מוזיק, מאהלעריי, סקולפטור און ארכיטעקטור איז נויטווענדיג די ענטוויקלונגען פון טעכניק. ווייל אט די אלע מינים קונסט זיינען דאך לויט זייער פארם בא־זונדערע ארטען פון טעכניק: געצייג ווערען דאך ערפונדען און ענטוויקעלט לויט די אלגעמיינע געזעצען. כדי די קונסט זאל אויפבליהען, איז דורכאויס נויטיג, אז די טעכניק פון האנד־ווערק זאל דערגרייכען א מעהר אדער וועניגער הויכע מדרגה פון טעכנישער ענטוויקלונג. דער קינסטלער קען זיך אויסטיילען פון דער געזעל־שאפט, אלס ספעציאליסט, אלס אזעלכער, וואס גיט זיך אפ אין גאנ־צען צו זיין קונסט, נאר דעמאלט, ווען די ארבייטס־צוטיילונג אין דער געמיינדע האט שוין דערגרייכט צו א הויכער מדרגה. פריהער האבען עקזיסטירט נאר קינסטלער־דילעטאנטען, ביי וועלכע די קונסט איז געווען א נעבען־זאך. א מענש האט געמייסטרעוועט שפיעזען אדער טעפ און ער האט זיי באפוצט, דערביי האט ער זיך

אַליין ניט אָפּגעגעבען קיין גענויעם חשבון, וואָס איז דאָ נויטווענ־דיגקייט און וואָס פאַנטאַזיע. ווייל אין דעם שאַפען פון אַן איינ־צעלנעם, וועלכער האָט זיך נאָך שוואַך אויסגעטיילט אויפ׳ן גוף פון זיין געמיינדע האָבען סיי די נויטווענדיגקייט, סיי די פאַנטאַזיע ניט געקענט ווייט אוועק פון די טראַדיציאָנעלע, פון לאַנג אָן אָנ־גענומענע פאָרמען, — ביידע זיינען געווען נאָר אַ שוואַכע וואַ־ריאַציע, עטוואָס אַנדערש פון דעם, וואָס אַלע האָבען געטאָן. זינגען און טאַנצען איז די ערשטע צייט געווען די שאַפונג פון דער גאַנ־צער געמיינדע. אָט די סאָרטען קונסט זיינען געווען די ערשטע ימים טובים, די ערשטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, און צוגלייך מיט די קרבנות האָבען זיי ערצויגען און באַפעסטיגט יענע איינהייט־ליכע סאָלידאַרישע געמיינדע־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איז דעמאָלט גע־ווען אַזוי נויטיג אין קאַמף פאַר׳ן לעבען. נאָר שוין גאַנץ פריה האָט זיך גענומען אויסטיילען דאָס אינדיווידועלע ליעד, די שאַפונג פון דעם איינצעלנעם. דאָס איז געווען אַן ערצעהלונג וועגען דער־אַלטער צייט, אָדער אַן אויסדרוק פון געפיהלען צוליעב וועלכער עס איז פייערליכער געשעהעניש אינ׳ם פּערזענליכען לעבען, איבערהויפּט צוליעב אַ חתונה אָדער אַ לויה. און דאָ האָט זיך אויך געקענט אויסטיילען אַ ספּעציאַליסט נאָר דעמאָלט, ווען די ווירטשאַפט האָט אָנגעהויבען געבען איבעריגע, און עס איז געוואָרען מעגליך, אַז אַ סך, וואָס אַרבייטען, זאָלען אויסהאַלטען איינעם, וואָס אַרבייט ניט. נאָר וואָס פאַר אַ ספּעציאַליסטען זיינען דאָס געווען? סיי דער גרויער דיכטער פון אַלט־גריכענלאַנד, האָמער, סיי דער קאָרזער פון קליין־רוסלאַנד, וואָס שפּילט צו אויף דער באַנדורע די טרויעריגע העלדען־ליעדער פון זיין פאַטערלאַנד, סיי די זינגער פון אַלע פעל־קער אין דעם גרויען עלטער פון דער געשיכטע זיינען געווען זקנים, בלינדע, מענשען ניט אַרבייטס־פעהיגע. אָט אַזעלכע מענשען האָ־בען זיך דאָס ספּעציאַליזירט אין אויסטראַכטען און געדענקען לידער וועלכע זיי פלעגען איבערגעבען זייערע תלמידים, אַזעלכע אומ־גליקליכע קאַליקעס, ווי זיי אַליין. דער אָנפאַנג פון דעם אינדיוי־ווידועלען ליעד איז געווען טרויעריג. ווי שפּעט עס האָבען זיך ענטוויקעלט די מינים קונסט, וואָס זיינען ענג פאַרבונדען מיט טעכניק, קען מען זעהן דערפון, וואָס ערשט צום סוף פונ׳ם דריי־

צעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך דער צעך פון סקולפּטאָרען אין פלאָרענץ אָפּגעטיילט פון די בוי־ארבייטער, פון די געוועהנליכע מוליארעס. און ערשט אין יענער צייט האָבען זיך די קונסט־מאָהלער צוזעגענט מיט די פאַרבער און פשוט'ע מאָהלער בעלי מלאכות. אָבער די גאַנצע צייט פון רענעסאַנס האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין אָפּגרונד צווישען דעם קינסטלער און דעם בעל־מלאכה. עס איז זעהר שווער צו באַשטימען, וואָס איז אַזוינס אַ יובעליער, אַ בעל־מלאכה, צי אַ קינסטלער. גו, און אַ טעפּיך־מאַכער, און אַ מייסטער פון געוועהר? אין דער גאַנצער צייט פון רענעסאַנס פלעגט דאָס געוועהר זיין באַפּוצט און אין יענער צייט איז גאָר שווער געווען זיך פאָרצושטעלען אַ מייסטער פון געוועהר, וואָס זאָל ניט זיין קיין קינסטלער. דאַן אין יענער צייט האָט יעטוועדער קינסטלער געקענט אַ סך מלאכות. אויפ'ן גרונט פון פיעלע פאַקטען בין איך געגויגט צו קלעהרען, אַז אינ'ם אַלטען גריכענלאַנד, אין דער בליהענדער עפּאָכע פון דער גריכישער קונסט, איז אויך אַזוי געווען. וועגען דער רוימישער עפּאָכע און וועגען דער קונסט פון מיטעל־אַלטער איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דער קינסטלער איז דעמאָלט געווען פשוט אַ האַנד־ווערקער, אַ מעהר אָדער ווייניגער קוואַליפיצירטער (טעכניש געלערנטער) בעל הבית פון אַ ווערקשטאַט. אין דער רוימישער עפּאָכע — כמעט שטענדיג אַ שקלאַף.

פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, איז שוין קלאָר, אַז די קונסט וואַקסט און פאַלט נאַטירליך צוזאַמען מיט דעם, ווי עס וואַקסט און פאַלט דאָס האַנד־ווערק בכלל. יעדע גרויסע קונסט איז אַ קינד פון אַ ניט־ווייניגער גרויסען האַנד־ווערק. דער אַלט־גריכישער קלאַסיציזם, די מיטעל־אַלטערליכע גאָטיקע, דער רענעסאַנס זיינען געווען עפּאָכען פון גרויסען האַנד־ווערק. וואָרום זיי דאַרף מען שטודירען און ליעב האָבען ניט בלויז אין די גרויסע סטאַטועס, נאָר אויך אין די וואַזעס, וואָס מען האָט באַנוצט ביים טיש אין אַ פאַמיליע פון מיטעלען וואוילשטאַנד אין אַלטען אַטהען. ניט בלויז אין דעם גרויסען קאַטעדראַל פון קעלן, נאָר אויך אין דעם איינבונד פון אַ מאַנוסקריפּט ערגעץ וואו אין אַ קלויסטער. ניט בלויז אין די גרויסע בילדער ראַפאַעל'ס, נאָר אויך אין דער

קליין־מאַהלעריי, מיט וועלכע ער האָט באַפּוצט דעם וואַטיקאַן, דעם פּאַלאַץ פון'ם פּאַפּסט אין רוים. אויף אַזאַ'ן אופן איז קלאָר, אַז כדי עס זאָל עקזיסטירען אַ גרויסע קונסט, איז טעכניש נויט־ווענדיג, עס זאָל עקזיסטירען אַ ברייט ענטוויקעלטע האַנד־אַרבייט.

איז דאַרום פאַרשטענדליך, וואָס ביי אַזעלכע סאָציאַלע עס־טעטיקער, ווי מאָרים און ראָסקין איז די פראַגע וועגען אויפלעבען דעם געשמאַק און די קונסט ענג פאַרבונדען מיט דער פראַגע וועגען דעם, ווי מאַכט מען, אַז די האַנד־ווערקער זאָלען איבער אַ נייעס פאַרנעהמען דעם אָרט פון די פאַבריקען און מאַשינען. אָבער אַן עקאָנאָמיסט מיט אַ געזונדען קאָפּ קען אפילו ניט דערלאָזען דעם געדאַנקען, אַז אַזאַ זאַך זאָל ווען עס איז מעגליך זיין. מיר געהען צו דעם, אַז די פּראָדוקציאָן זאָל ווערען נאָך מעהר קאָמפּליצירט, אַז די נאַטור־קרעפטען זאָלען נאָך אין אַ גרעסער מאָס, ווי איצטער, אַרבייטען פאַר'ן מענשען. עס איז גרייליך מעגליך, איבערהויפּט אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַז די פאַבריק־אינדוסטריע זאָל סוף כל סוף אין גאַנצען פאַרלירען דעם כאַראַקטער פון פיזי־שער אַרבייט, אַז זי זאָל זיך פאַרוואַנדלען דורכאויס אין קאָפּ־אַרבייט. אַלץ וועט געשאַפען ווערען מיט דער ענערגיע פון די נאַ־טור־קרעפטען, אַלץ דורך מאַשינען. דער מענש וועט נאָר דאַרפען אויפמערקזאַם אַכטונג געבען אויף דעם גאַנג פון די מאַשינען. און אַזוי ווי צוליעב זיין האַרמאָנישער ענטוויקלונג נויטיגט זיך דער מענש אין פיזישער איבונג פאַר זיינע מוסקולען, וועט ער דעמאָלט צופרידען שטעלען דורך פאַרשידענע מינים פיינעם, קרעפטיגענדען ספּאָרט און אויך דורך קונסט־האַנד־ווערק. אין דער שולען־בילדונג, וואָס אַ מענש מאַכט דורך אין דער יוגענד, וועט אריין דער אָדער יענער מין קונסט־אַרבייט, לויט די נאַטירליכע נייגונגען פון דעם קינד. דעמאָלט קענען מיר ווידער ערוואַרטען אַן עפּאָכע פון גרוי־סער קונסט; אַזאַ גרויסע קונסט, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען, וועט ווידער אַ מאָל אַרומנעהמען דעם מענשען. די פאַבריק וועט צושטעלען אין גרויסע מאַסען און ביליג האַלב־פאַב־ריקאַטען, פּראָדוקטען, וועלכע מען דאַרף נאָך פאַרענדיגען; און די גאַנצע באַפּעלקערונג, דורכאויס פרייע האַנד־ווערקער, וועט זיי פאַרענדיגען, בעאַרבייטען, באַפּוצען, יעדער לויט זיין פרייען גע־

שמאַק, לויט זיין אינדיווידועלן געלוסט. איך וועל זיין געצוווּנגען איינצובינדען ביכער מיט אַ ראַפינירטען געשמאַק, און אַט די קונסט־זאַכען וועל איך צושטעלען אין אַ שטאָדטישען מוזעאום, און פון דאָרטען וועט זיי קענען נעהמען יעדער חבר. ווען זיי וועלען נאָר געפעלען ווערען. איך אַליין וועל פונ׳ם זעלביגען מוזעאום נעהמען אַנדערע קונסט־זאַכען לויט מיין גוסט, פאַר מיין געברויך.

— וואָס פאַר אַן אוטאָפּיע! — האָט דער מוזיקער עהרליך געפּליסטערט, טרויעריג צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אונגעפעהר אַזוי ברענגט האַבסאָן דעם סאָציאַליזם מיט דעם קונסט־האַנד־ווערק צו איין האַרמאָנישער פאַראייניגונג. אַזוי האַלט אויך דער בעלגישער סאָציאַליסט דעסטרע און בכלל זעה איך ניט איין פאַר וואָס דאָס קען ניט פאַרווירקליכט ווערען. נאָר לאָמיר אָוועקוואַרפען דאָס, וואָס איהר רופט אַן אוטאָפּיעס. איך וויל נאָר זאָגען, אַז דער מאָדערנער קינסטלער האָט זיך אָפּגעריסען פון האַנד־ווערק. מיר אַלע — די רייכע נאָך מעהר ווי די אָרימע — לעבען אין אַ גראָבער, עקעלהאַפטער אַטמאָספערע. דעריבער איז אונזער קונסט־קולטור ניט קיין גאַנצע, ניט פון איין סטיל, נאָר פון פאַרשידענע קאָלירען, ניט האַרמאָניש צוזאַמענגעזעצט, און סוף כל סוף אַ באַרבאַרישע.

אַזוי, צום ווייניגסטען, באַהויפּטען די גרעסטע עסטעטישע טאַלאַנטען פון אונזער צייט; ראַסקין, ווייילד, מאָפּאַסאַן, ניטשע, מאָרים און אַ גאַנצע רייהע קלענערע טאַלאַנטען. די מאָדערנע קונסט־טעכניק איז אַ שרייעדינע, אָהן אַ גלייכגעוויכט; זי האַלט שטענדיג אין איין זוכען, אָבער מען מוז זאָגען דעם אמת, זי זוכט ניט אַזוי שעהנקייט, ווי נייעס, סענסאַציע, עפעקטען... און דאָס איז ניט בלויז דערפאַר אַליין, וואָס די שילדערענדע קונסט פון אונזער צייט האָט ניט קיין פעסטע שטיצע, וואָס איהר פעהלט אַ ברייטע קונסט־האַנדווערק, וואָס זאָל אַריינדרינגען אין אַלע שפּעלטעלעך פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אויך דערפאַר, וואָס דער קינסטלער שאַפט איצטער ניט לויט דעם געזעץ פון דער לעבעדיגער ענער־גישער געמיינדע, וועלכע איז איהם נאָהענט און אייגען אין גייסט, אפילו ניט לויט דער באַשטעלונג פון אַ מעצענאַט, וועלכער רעכענט

זיך מיט זיין אינדיווידועלען געשמאַק. דער קינסטלער שאַפט איצ־טער פאַר דעם מארק, וואָס האָט קיין נאָמען ניט. און די מארק־קונסט גיט דעם טאָן.

— יאָ, געווים... טיילווייז איז עס אזוי... — האָט דער מאהלער סקאָבעליעוו צוגעגעבען.

— דער קינסטלער ארבייט מיט זיין גאנצער נשמה, ווען ער פיהלט, אז צווישען איהם און זיין שאַפונג איז פאראַן א צוזאַמענ־האנג מיט אזא גרויסע, טיעף געליעבטע און פארעהרטע זאַך, ווי, למשל, זיין שטאָדט. און איך וועל אייך זאָגען, אז ביז איצטער איז די גרויסע קונסט שטענדיג געוועזן אזוי צו זאָגען א מוניציפאַלע און אלגעמיין־שטאָדטישע. די גרויסע שטאָדט, די גרויסע, קרעפ־טענפולע, ניט אנדערש מעהר אָדער וועניגער דעמאָקראַטישע, שטאָדטישע געמיינדע — זי איז דאָס געוועזן די גרויסע קינסטלערין. די דעמאָקראַטישע שטעדט פון אלטען גריכענלאַנד, אטהען, למשל; די דייטשע פרייע געמיינדען; מילאן, פלאָרענץ, פיזאָ אין איטאַ־ליען אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס. און פארגעסט ניט, דאָס איז אַלץ געוועזן אַן עפּאָכע פון פארהעלטניסמעסיגער פרייהייט, ריכ־טיגער, פון קאַמף... כל זמן די אריסטאָקראַטיע און דער דעמאָס, די טיראַנען און דאָס פאָלק, פיהרען צווישען זיך א קאַמף און לאָ־זען ניט איינע די אנדערע אריבערוועגען, כל זמן ביידע צדדים שטעלען נאָך העכער פאַר אַלץ דעם גליק פון זייער שטאָדט — לעבט נאָך די גרויסע באַגייסטערונגספולע קונסט. נאָכהער קומט די צייט פון מעצענאַטען, איינצעלנע גבירים־באַשטעלער, וואָס פון זייער „גנאָד“ לעבען די קענסטלער. דעמאָלט קומען די קינסטלער־עפּיגאָנען, וואָס ענטפּלעקען אליין קיין נייע קוואַלען פון קונסט, נאָר זיי שעפּען פון די ברונימער, וואָס זייערע גרויסע פאָרגענגער האָבען געגראָבען. אָט די עפּיגאָנען נעהמען די פראַכטפולע פאָר־מען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט די אידעאַלען פון א פרייער גע־מיינדע און קאָמבינירען זיי, בינדען צונויף פארשידענע פאָרמען אָהן אן איינהייטליכען גייסט און כדי צו מאַכען זייער ארבייט פי־קאַנט, פארקריכען זיי אין ווילדע עפעקטען, לאָזען זיי זיך אויף גוזמאות, אויף איבערטרייבונגען; זיי פיהרען די שעהנע פאָרמען צו א ירידה, צו אן אונפארמיידליכען דעקאַדענס. נאָר אין אן

אטמאָספערע פון פרייהייט און קאמף פון איין זייט, פון מעהר אָדער ווענינער דעמאָקראַטישער איינהייט פון דער אַנדער זייט — נאָר אין אזא אטמאָספערע קען דאָס פאָלק ארויסרוקען פון זיך אזוי פיעל גרויסע טאַלאַנטען, וואָס דריקען אויס פעסט און בולט דעם חוב פון זייער קולטור, איהרע יסודות און איהר ציעל, גרויסע טאַלאַנטען, וועלכע שאפען א סטיל.

איצטער האָבען מיר דאָס נים. א טעמפעל און א מאָנומענט, א קאטעדראַל און א ראטהויז (סיטי האָל) — דאָס זיינען געווען די לעבעדיגע קאָנצענטרירונגס־פונקטען פון דער לעבעדיגער קונסט אין די אַלטע צייטען. און איצטער וואָס האָבען מיר? א מוזע־אום — א שעהנער בית עולם פאר דער פארגאַנגענהייט — און אַן אויסשטעלונג — א נים הארמאָנישער, שרייאיגער מארק, וועל־כער באַליידיגט דעם פיינעם געשמאַק, פון וועלכען עס פארדרעהט זיך דער קאָפּ.

נאָר ווען דאָס פרייע פאָלק וועט איבער א נייעם אָנהויבען אויפשטעלען ריעזיגע געזעלשאפטליכע בנינים: ראַטהייזער, קאָאָפּעראַטיוון, קלובען, טעאַטערען, וועלכע זאָלען אריינגעהמען צעהנדליגע טויזענדער מענשען און ווערען אמת'ע קולטורעלע צענטרען, נאָר דעמאָלט וועט אויפלעבען די גרויסארטיגע מאָיעס־טעטישע קונסט, נאָר דעמאָלט וועט זיך אויסארבייטען א סטיל.

די קונסט, מיינע העררען, איז דעמאָקראַטיש. געוויס, די אריסטאָקראַטיע, די מינדערהייט האָט געבויט אָדער געהייסען בויען פראַכטפולע פאַלאַצען, ריזיגע טעמפלען, גרויסארטיגע מאָ־נומענטען. אָבער די מינדערהייט האָט עס געבויט כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון די מאַסען, כדי צו דערוייזען די מאַסען די מאַכט און דעם רוהם פון דער שטאָדט, כדי צו רעכטפערטיגען זייער הערשאפט. ווען די אריסטאָקראַטיע הערט אָבער אויף אויס־צודריקען די טענדענצען פון פראָגרעס, אין געגענטייל זי נעהמט קעמפען געגען די פראָגרעסיווע טענדענצען, ווען זי הויבט בכלל אָן צו דעגענערירען, צופאַלען, פוילען, דעמאָלט הויבט זי אָן צו באַ־פוצען איהרע אייגענע וואוינונגען מיט בילדער פון אויסגעלאַסענער תאוה, וואָס רייצען די מיעדע ליידענשאפט, צוברענגען דעם אי־בערגעזעטיגטען חשק. דעמאָלט רינגעלט זי זיך ארום מיט באַרבאַ־

רישען געשמאַקלאָזען לוקסוס, וואו דער עיקר איז ניט די שעהנ־הייט, נאָר די פאַרשווענדערענדע פּוסטע גאוה. און אויב זי בויט עטוואָס גרויסעס, קומט עס ביי איהר ארויס משונה, ווילד, משוגע.

דאָס זיינען אייניגע שטריכען וועגען דער טעכניק פון קונסט. איצט וועגען דער אינערליכער זייט פון קונסט, וועגען די אידעען און געפיהלען, וועלכע זי דריקט אויס, און דאָ וויל איך אויך מיינע געדאַנקען ניט ענטוויקלען אין זייער גאַנצער ברייט. איך וועל ווידער געבען נאָר אַן עסקיז.

קונסט שפּיגעלט שטענדיג אָפּ די אידעען און געפיהלען פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטליכער גרופּע; זי דריקט אויס די וועלט־אַנשויאונג פון דעם אָדער יענעם קלאַס. איך לאָז אין גאַנ־צען איבער די שילדערענדע קונסט, סקולפּטור און מאהלעריי, פון די אַלטע אָריענטאַלישע מאָנאַרכיעס, ווי אשור, בבל, מצרים. דאָר־טען האָט די קונסט נאָר געדיענט צו באַפּוצען די טעמפּלען און פּאַלאַצען אזוי, אז זיי זאָלען פאַרבלענדען, וואַרפען א פחד אויף די אונטערטאַנער; און די טעמפּלען און פּאַלאַצען גופא זיינען געווען אזוי געבויט, אז זיי זאָלען מיט זייער גרויסער שווערער מאַסע דערשטיקען יעדען פרייען געדאַנק, פאַרזינקען די פעלקער אין ציטערניש, אין עהרפורכט. דאָס לעבען איז דעמאָלט געווען געשמיעדט אין קייטען פון טראַדיציע. די קונסט אויך. די אידעען און געפיהלען פון יענער קונסט זיינען געווען מורא'דיג שמאָל: די גדולה פון קייזער, זיין שטרענגער משפט, זיין עשירות, זיינע נצחונות און אזוי ווייטער אין דעם זעלביגען שניט, און אַלץ מורא'־דיג איבערטריבען, מיט א גוזמא, אין א טאָן פון הלל, פון שפּרינגען קדוש. די געטער האָט מען אויך געשילדערט, ווי מעכטיגע דעס־פּאָטען, וואָס וואַרפען אַן אימה. די מאָנאַרכען פון אַלטערטום האָבען צונויפגעזאַמעלט אין איינע הענט גוואַלדיגע רייכטימער, האָבען זיי געקאָנט בויען גוואַלדיגע בנינים, געקאָנט מאַכען אַלץ גרויס אויף חדושים, ריזיג, אז דער קאָפּ האָט אָנגעהויבען שווינד־לען. אָבער פרייע שאַפונג, טיעפקייט פון געפיהל און געדאַנקען, פיינקייט פון פאָרם — דאָס זאָלט איהר אין דער באַרבאַרישער קונסט ניט זוכען. איהר וועט עס ניט געפינען.

בעת דער הערשענדער קלאַס איז געזונד און יונג, איז זיין

הערשאפט היסטאָריש געזעצליך, ווייל זי איז היסטאָריש נויטווענ־דיג. ער רעגולירט די טייכען, אָרגאַניזירט די באוואסערונג פון לאַנד, אָדער ער פארטיידיגט די דאָרפישע באפעלקערונג פון פיינד־ליכע איבערפאלען — הכלל ער אָרגאַניזירט דעם קאַמף פון זיין פאָלק פאר׳ן לעבען, פיהרט זיין פאָלק אויפ׳ן וועג פון פּראָגרעס. דער הערשענדער קלאַס איז דעמאָלט זיכער אין זיך און אין זיין ממשלה. געוויס האָט ער פריהער פאר אַלץ אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסען, אָבער צוליעב דער וויכטיגער, נוצליכער ראָלע, וואָס ער שפּיעלט אין דער געזעלשאַפט, קומט שוין ממילא אזוי אוים אז היטענדיג זיינע אייגענע אינטערעסען, היט ער ביז צו א געוויסען גראַד די אינטערעסען פון פאָלק אויך. פארשטעהט זיך, אז די דעמאָקראַטיע איז ניט צופרידען, זי קעמפט; אָבער אין אזעלכע עפּאָכעס, ווען די אריסטאָקראַטיע טוט נאָך א נויטיגע ארבייט, האָבען די אידעאַלען פון דער דעמאָקראַטיע ניט קיין אייגענעם בולט־אויסגעדריקטען כאַראַקטער. זי איז ניט צופרידען מיט אייג־צעלהייטען, אָבער בכלל נעהמט זי אָן די אידעאַלען פון דער אַריס־טאָקראַטיע. אין אַזאַ צושטאַנד איז שווער צו זאָגען, אז די קונסט דריקט אוים די אידעאַלען נאָר פון דער אריסטאָקראַטיע אליין. אויסדריקענדיג די אידעאַלען פון דער אריסטאָקאַטיע, שפּיגעלט די קונטס אין גרויסען און גאַנצען אָפּ דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־אידעאַל. דעמאָלט איז עס דער אידעאַל פון הארמאָנישער ענט־וויקלונג. אזוי איז איין צייט געווען אינ׳ם אַלטען גריכענלאַנד.

אָבער ווען די אריסטאָקראַטיע האָט שוין איהר זאַך געטאָן, איהר ראָלע אָפּגעשפּיעלט, ווען זי האָט שוין אויסגעפיהרט איהר היסטאָרישע מיסיאָן, ווען די געזעלשאַפט איז איהר איבערגעוואַק־סען, האָט זיך פארקערעוועט אויף נייע וועגען, דעמאָלט הערט די אריסטאָקראַטיע אויף צו זיין נויטיג, זי ווערט איבעריג, נאָר א שטערונג פאר די נייע כחות; די גוטע זייטען איהרע זיינען פארביי און די שלעכטע לאָזען זיך שטאַרקער פיהלען, איהרע אינטערעסען זיינען בגנען די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג. ווען די אַלטע פּאָליטישע פאָרמען קומען אין ווידערשפּרוך מיט דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט, אין ווידערשפּרוך מיט די טענ־דענצען, וואָס דער נייער עקאָנאָמישער אינהאַלט פון געזעלשאַפט־

ליבען לעבען האָט אַרויסגערופט, דעמאָלט הויבט זיך אָן אַ קריזיס.

די אַריסטאָקראַטיע פאַרלירט יעדע סימפּאַטיע אין פאָלק, זי זעהט שוין מעהר ניט קיין ציעל פאַר זיך, זי פאַרלירט די זיכער־קייט אין זיך, פאַרלירט דעם פּלאַן פון לעבען, דאָס פאַרשטענדעניש פון לעבען. אנשטאָט דעם נעהויבענעם גייסט פון זייער געמיינ־שאַפט, אנשטאָט דעם פּאַטריאָטישען גייסט קומט דער אינדיווי־דואַליזם, די פּערזענליכקייט, אַלס אַ ציעל פאַר זיך. פריהער איז דאָס לעבען פון׳ם אַריסטאָקראַט געוואָרען פולער, גאַנצער, פּאָרט־נעזעצט געוואָרען אין דעם לעבען פון דער גרויסער געמיינדע, צו וועלכע ער האָט באַלאַנגט. איצט איז ער פאַר זיך, זוכט ער אַזאַ מין פולקייט, אַזאַ פּאָרטזעצונג — אין נעבעלהאַפטען הימעל, אין מיסטישע גלויבונגען, אָדער ער מאַכט אויף אַלץ אַוועק מיט׳ן האַנט און שטרעבט וואָס שטאַרקער אויסצובּרענגען זיין לעבען. דערביי שטרעבט די אַריסטאָקראַטיע צו באַפעסטיגען דעם אַלטען בנין מיט נייע שטעננלעך און הינטערקלעצלעך; זי מיהט זיך אויפצוהאַלטען די אַלטע פרומקייט; זי כאַפּט זיך פאַר לאַנג אָפּגעלעבטע אַלט־פרענקישע פאָרמען; אין דער זעלביגער צייט געפינען זיך אַזוינע, וואָס גיבען זיך אין גאַנצען אָפּ צו אויסגעלאַסענע תאוות. די קונסט נעמט דעמאָלט אָן אַ נייעם כאַראַקטער: דאָס איז אַן אַרכאַאיזאַ־ציע, אַ גריבלען זיך אין אַלץ, וואָס איז אַלט, אַ פאַרגעטערען אַלץ, וואָס איז אָפּגעלעבט; דאָס זיינען איבערגעטריבענע גלוסטען און ליידענשאַפטען, דאָס איז אַ שילדערונג פון ליידען, אָדער דאָס זיי־נען געשוואָלענע, גוואַלדיג גרויסע מאַרמאָר שטיינער און לייוועג־דען, אָהן אַ גייסט, אָהן אַ זינן. אַלץ איז אויסגערעכענט צו קיצלען די אינדיווידועלע נשמה פון שררה אָדער צו באַטויבען די מאַסע, וועלכע איז פרעמד און פיינדליך.

אויב די אַלגעמיינעווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג האָט צו־נעגרייט נייע לעבענס פאָרמען, אַרויסגערופט אַ רעוואָלוציאָנערען קלאַס, וועלכער איז פעהיג צו שטירצען די אַלטע פאַרפוילטע הערשער — ווערט געבוירען אַ נייע קונסט, וועלכע דריקט אויס דעם נייעם אידעאַל. דאָס רוב שטעהט די נייע קונסט אין אַ שאַר־פען קאָנטראַסט צו דער קונסט פון די פאַרהאַסטע געוועזענע הער־שער. וואָס די אַלטע קונסט האָט גערעכענט פאַר שעהן, רעכענט

די נייע פאר מיאוס, און פארקעהרט. אויב אָבער די נייע קרעפ־טען זיינען צו שוואך, אויב זיי קאָנען ניט אריינבלאָזען אין דער אלטער געזעלשאפט קיין נייעם לעבען, הויבט זי אָן קרענקליך אָפשטארבען, הויבט זיך אָן א פיינליכע גסיסה; ביז עס קומט אָן אויסערליכער פיינד און גיט דער דאָזיגער גוסס'ער געזעלשאפט דעם לעצטען קלאפּ און מאכט א סוף צו איהר לעבען און איהרע ליידען צוזאמען.

די דעמאָקראטיע, די עקספּלואטירטע מאסען נארען, נאטירליך, שטענדיג נאָך א רעוואָלוציאָן, שטרעבען אין גאנצען אומצוברענגען די עקזיסטירענדע אָרדנונגען, זיי דורשטען ראכע, לעכצען דעם אונטערגאנג פון די הערשער. ווען די דעמאָקראטיע איז צו שוואך און זי קאָן ניט שטירצען די עקספּלואטאטאָרען אין א זיעגרייכען קאמף, דעמאָלט נעמט איהר קונסט אָן א מיסטישען כאראקטער, שפּיגעלט זי אָפּ מיסטישע האָפענונגען אויף א רעוואָלוציע פון אויבען — גאר פון אויבען, פון הימעל. אויף די אייגענע כחות דופעט מען ניט; מען ווארט אויף ישועות פון איבערנאטירליכע קרעפטען. פארקעהרט, א דעמאָקראטיע, וואס וואקסט, וואס פיהלט און אנערקענט איהר אייגענע מאכט, אזא דעמאָקראטיע טרעט ארויס אונטערן פאָהן פון טיטאנישער, שטורמיש־ראָמאנטישער קונסט, וועלכע פארהערליכט, הויבט אויף ביז'ן זיבעטען הימעל, דעם קאמף און די קעמפער. עס טרעפט אמאָל אויך, אז די אטאקע פאלט דורך, די קעמפער זיינען צוקלאפט, און די טיטאנען־קינסט־לער, וועלכע האָבען נאר וואס געזונגען פון מאכט און האָפענונג, הויבען אָן ברעכען די הענט און פלוכען. די געשיכטע פון קונסט האָט צו באווייזען גרויסע מוסטערען פון א יאוש ראָמאנטיק, א ראָמאנטיק פון פארצווייפלונג אָהן א שיין פון מיסטישע האָפנונ־גען. איך זאג נאָך אמאָל: אזוי איז עס אין א עפּאָכע פון א קאָנטער־רעוואָלוציע. איך לאָז דורך א סך איינצעלהייטען, ברענג ניט קיין ביישפּיעלען, קיין באווייזען. איך קאָן אנדערש ניט. איך זאָל וועלען ערקלערען מיינע געדאנקען פלאנמעסיג און באגרינדען זיי סיסטעמאטיש, וואָלט איך גענדארפט דערויף צעהנדליגע לעק־ציעס. בקיצור איז מיין קוק אויף קונסט אזוי: די קונסט רופט ניט דירעקט צום קאמף פאר איין אידעאל אָדער פאר דעם אנדערען,

ווי באָרים באָריסאָוויטש האָט דאָ פריהער געזאָגט. אָבער, אַזוי ווי זי באַפּוצט דעם לעבען אויף אַ באַשטימטען שטייגער, אַזוי ווי זי מאָלט באַשטימטע אידעאַלען, איז זי ממילא אַ געצייג אין די הענט פון וועלכען עס איז קלאַס; פון אַ שטאַרקען קלאַס צי פון אַ שוואַכען, פון אַ זיעגרייכען צי פון אַ שלים/מזל'דיגען; העלפט זי אין דער אמת'ן לעבען און קעמפען. ווען זי וואָלט ניט געהאָלפען, וואָלט זי ניט עקזיסטירט. די קונסט שפּיגעלט אָפּ דעם לעבען, און אין דער דאָזיגער אָפּשפּיגלונג אידעאַליזירט זי די האָפנונגען. אָדער די קונסט באַפּוצט דאָס טעגליכע לעבען גופא און מאַכט עס דירעקט שעהנער, ליכטיגער.

מיר ווילט זיך איצטער זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען די מיינונגען, וואָס זיינען דאָ פריהער ארויסגעזאָגט געוואָרען פון אַנדערע רעדנער. איך וויל ווייזען, ווי אין זייערע מיינונגען האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די האָפנונגען פון פאַרשידענע קלאַסען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. אַנקיף, וועלכער האָט אַזוי שאַרף אַטאַקירט די קונסט בכלל, דריקט אויס די שטימונג פון די אומבאַוואוסטזיניגע מאַסען, וועלכע קאָנען שוין מאַכען בונטען און קאָנען נאָך ניט פיהרען קיין סיסטעמאַטישען קאַמף, לאָזען זיך נאָך ניט אָרגאַניזירען. אַזאַ מין פאַרשלאָגענער המון, ווען אין איהם דערוועקט זיך אַ סטיכישער, נאַטור־בלינדער פּראָטעסט, הויבט ער פריהער פאַר אַלץ אויף זיין האַנט אויף דעם פאַרברעכערישען לוקסוס פון דער רייכער קולטור, וועלכע איז איהם פרעמד, נור ער ווייס, אַז זי איז געקויפט פאַר זיין שוויים און בלוט. אַזוי ווי ער ברעכט די מאַשינען, אַזוי וואָלט ער וועלען פאַרניכטען די קונסט. ער מעסט אַלץ מיט דער מאָס פון עלעמענטאַרע נוצען און די אַלע שעהנהייטען זעהען ביי איהם אויס, ווי פוסטע שפּילכעלאַך. אַנקיף דריקט אויס דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט נאָך ווילדער, נאָך עסקטרעמער, ווייל ער אַליין געהערט דאָך ניט צו דער דאָזיגער אָפּגעשטאַנענער מאַסע; ער וויל זיך נור אַראָפּלאָזען צו איהר; ער איז אַ בעל תשובה און כאַפּט אַריבער די מאָס. די באַוואוסטזיניגע, אָרגאַניזירטע, קעמפּפענדע מאַסען ברעכען איצט ניט קיין מאַשינען, ברענען ניט קיין פאַבריקען — זיי וועלען איבערלאָזען די מאַשינען מיט די פאַבריקען מיט דער גאַנצער עשירות פון דער

היינטיגער וועלט, זיי ווילען נור, אז דאָס אַלץ זאָל געהערען צו זיי, צו אַלעמען, צו דער גאַנצער געזעלשאַפט. די באַוואוסטזיני־גע אָרגאַניזירטע, קעמפּענדע מאַסען האָבען גאָר ניט בדעה צו פאַרניכטען די קונסט־ווערטען, צו פאַרמינדערען די מאָס שעהנ־הייט אויף דער וועלט; זיי ווילען איינהיטען די קונסט־ווערטען, פאַרדאָפּלען די שעהנהייט, אָבער דאָס זאָל געהערען ניט צו איינ־צעלנע, נור צו אַלעמען, פאַר דעם גענוס פון יעדען איינעם, וואָס האָט אַן אויג צו זעהן און אַן אויער צו הערען. זאָלען די איצטיגע הארען פון דער וועלט ניט טרייבען רכילות אויף די מאַסען. זאָלען זיי ניט וואַרפען קיין פּחד אויף די לייכטזיניגע און לייכט־גלויביגע, אז ווען די מאַסען וועלען זיעגען וועלען זיי מאַכען א חורבן פון דער קולטור, א תל פון דער קונסט. איהר מעגט זיין זיכער: די זיעגרייכע מאַסען וועלען אויפהויבען די קונסט און די גאַנצע קולטור אויף א סך א העכערער מדרגה, ווי זי איז איצט.

באָרים באָריסאָוויטש האָט אונז דאָ געזאָגט, אז דער עיקר אין קונסט איז די טענדענץ, און דער העכערער קינסטלער דאַרף זיין א פּרעדיגער, א פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אַגיטאַטאָר. ער איז אַן עכטער פאָרשטעהער פון יענער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט פאַרבונדען איהר גורל מיט די רייכע, מיט די באַדריקער; זי האַלט אָבער אויך ניט פון קלאַסען און קלאַסען־קאַמף. דאָס איז פאַר איהר „צו שמאָל“, „צו גראָב“. זי גלויבט אין „פאָלק“, אלס א גאַנצע איינהייט. אַלץ, וואָס געהערט ניט צו די גבירים, געהערט צום פאָלק און עס קאָן זיין עס דאַרף געהן צוזאַמען אויפ'ן וועג פון באַפרייאונג. די דאָזיגע אינטעליגענץ שטיצט זיך ניט אויף אינ־טערעסען, וואָס טרייבען צום קאַמף, וואָס אָרגאַניזירען און גיבען מאַכט; און ניט אויף אידעאַלען, וואָס וואַקסען אַרוים פון אינ־טערעסען און באַלייכטען דעם קאַמף פאַר אינטערעסען; זי שטיצט זיך אויף מיינונגען, אויף יושר, אויף אידעאַלען, וואָס האָבען א העכערען יחוס, ווי פּשוט'ע אינטערעסען — דאָס איז פאַר א אידעאַל צו פּראָסט, צו נידריג. דער אידעאַל האָט א העכערע אָפּשטאַמונג. ער וואַקסט אַרוים ביי דער „קריטיש־דענקענ־דער פערזענליכקייט“ פון קאָפּ. די אינטעליגענטע פּערזענליכקייט איז דערום די שעפּערין פון דער געשיכטע, דאָס זאַלץ פון דער

ערד; די מאַסע איז נור דער באָדען. די אינטעליגענץ זוכט א פרייען מארק פאר איהרע כחות. זי וויל שאַפען אזא אָרדנונג, וואו זי זאָל קאָנען געפינען א ברייטען פּלאַץ פאר איהר ארבייט. דאָס איז איהר נויטיג מאַטעריעל. דאָס איז איהר אויך נויטיג גייסטיג — אויסצולעבען וואָס ברייטער איהרע פעהיגקייטען און טאַלאַנטען. אָבער אליין איז די דאָזיגע אינטעליגענץ שוואַך, מאַכטלאָז; איינצעלנע פּערזאָנען, מעגען זיי זיין ווי העלדיש, קאָנען ניט באַשאַפען די נייע אָרדנונג, וואָס די אינטעליגענץ באַדאַרף. זי נויטיגט זיך אין פאָלק, אין מאַסען; וויל זיי געווינען, זי זוכט אומעטום אנהענגער. איהר הויפּט־ארבייט איז דערום פּראָפּאַגאַנדא, אַפּעלירען צום געפיהל און יושר; אין איהר פּראָ־פּאַגאַנדא ווענדט זי אָן אַלע מיטלען. און קונסט ווערט ביי איהר אויך א געצייג פון פּראָפּאַגאַנדאַ. חוץ דעם איז די אינטעליגענטע פּערזענליכקייט פול מיט איינדריקען און ליידען, וואָס רייסען זיך פון הארצען, זוכען אַן אויסוועג. אין מוטיגע צייטען גיסט זיך דאָס אויס אין א הייסען צורוף. אין פינסטערע צייטען ווערט דערפון א איכה, א אומעטיגע צעצויגענע קלאָג־ליעד.

אין דייטשלאַנד, פראנקרייך, ענגלאַנד, וואו עס עקזיסטירט פּאָליטישע פרייהייט, און די אינטעליגענץ איז ניט געבונדען, זי האָט גענוג פּלאַץ פאר איהר טעטיגקייט — דאָרטען האָבען דאָס רוב אינטעליגענטען גאָר ניט צו טאָן מיט'ן פּאָלק; זיי שטעהען אין דיענסט ביי דער בורזשואזיע און ביי דעם בורזשואַ־זען שטאאט. נור איינצעלנע, „ווייסע ראָבען" זיינען אריבער צו דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאריאַט. אין רוסלאַנד, וואו עס הערשט נאָך טיראַניי, וואו די אינטעליגענץ האָט ניט קיין פרייהייט פאר איהר וואָרט, קיין פרייהייט פאר איהר קולטור־ארבייט, — דאָ געפינט איהר נאָך א סך אינטעליגענטען, וואָס שטעהען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון באָריס באָריסאָוויטש, אינטעליגענטען ליעבהאָ־בער פון פאָלק.

אָבער אין רוסלאַנד איז שוין אויך פאַראַן אַן אַנדער אינטע־ליגענץ, א בורזשואזע, דאָס זיינען קינדער פון דער בורזשואזיע, אָדער איהרע דיענער. און די אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַר־בונדען איהר מזל מיט די רייכע, וואַקסט און ווערט

װאָס א טאָג גרעסער אין צאָהל און אין איינפלוס. א בורזשוא, א אינדיװידואליסט װיל גוט טאָן זיין זאך, פאר אנדערע זאכען קימערט איהם ניט. א בורזשוא א באנקיר פיהרט מיט פארגעניגען זיינע פינאנציעלע אָפעראציעס, ער באשרייבט אפשר פּאָעטיש דעם שפּיעל אויף דער בירזע און ער זאָגט: „לאָזט מיר רוהיג טאָן מיין זאך; זי איז אזוי שעהן. ציהט ניט אָפּ מיין אויפמערקזאמקייט אויף אנדערע זאכען“. א בורזשואזער קינסטלער באציהט זיך צו זיין קונסט אויך אזוי. דאָס איז זיין ספּעציאליטעט; אין איהר געפינט ער זיך, און דאָס איז פריהער פאר אלץ. דאָס גיסט זיך ביי איהם ניט צונויף מיט זיין מענשליכער פּערזענליכקייט. ער פאָדערט פרייהייט פאר זיין ספּעציאליטעט אָן און פאר זיך. סקאָבעליעװ זאָגט, אז אויב מען װעט דארפען, װעט ער ארויס אויפ׳ן גאס קעמפּען. געװיס, װייל אין רוסלאנד האָט נאָך די בורזשואזיע ניט די גאנצע דעה, װאָס זי פאָדערט פאר זיך. עס לעבט נאָך דער צאריזם. אָבער װען די בורזשואזיע װעט באקומען די דעה; װען זי װעט װערען באלעבאָסטע, װעט מען זיך קאָנען בארוהיגען. אנדערע קינסטלער, ביי װעלכע דער מענש איז שטארקער, לעבען איבער יסורים, װייל זיי קאָנען ניט אויסדריקען זייער אידעאל, װייל זיי זוכען איהם... סקאָבעלעװ װייס פון אזעלכע יסורים ניט. ער טוט זיך זיין זאך. זיין ארבייט איז מאָלען מיי־בלימלאך; װאָס האָט עס צו טאָן מיט אידעאלען? אָבער סקאָבעלעװ דריקט אויס די מיינונגען און פארלאנגען פון דער געזונטער, טיכטיגער בורזשואזיע, װעלכע איז שוין אויסגעמאטערט פון צופיעל לעבען און צופיעל געניסען, איבערגעזעטיגט, מיט א ירושה פון שװאכע נערװען, ראפינירט ביז צו קראנקהייט. ביי אונז האלט נאָך די בורזשואזיע אין געהן בארג ארויף. פאראנען שוין אָבער אויך אזא גרופּע, ניט קיין גרויסע דערװייל, װאָס קוקט שוין בארג אראָפּ אויף צוריק. ביי איהר הויבט זיך שוין אָן דער פּראָצעס פון פוילען. אין דער ציװיליזירטער אייראָפּא, װאו די בורזשואזיע איז שוין װייט פארגאנגען, געפינט איהר מעהר עהרליכעס. אָבער אונזערע לערנען זיך ביי זייערע, נעמען איבער זייערע שטימונגען. זיי זאָגען אויפ׳ן לעבען: ניין! װייל זיי פיהלען אינסטינקטיװ, אז דאָס לעבען זאָגט אויף זיי: ניין!

זיי האָבען ליעב קברים, ליעב אויסצופוצען דעם בית עולם מיט בלומען. ווייל די גע שיכטע שטויסט זיי פאמעלאך אין דעם קבר פון זייער קלאַס, ווייל דער בית־עולם וואַרט שוין אויף זיי. אַזעל־כע, ווי עהרליך, מיהען זיך צו שטאַרבען שעהן. איך האַלט וועניג וואָס פון אזא בית־עולם שעהנהייט. אויף אמת'ע שעהנהייט, וועלכע איז פריי און קאמפּלוסטיג צוזאמען, אידעאיש און אין דער זעלביגער צייט דורך און דורך קינסטלעריש, אויף אזא שעהנ־הייט זיינען פעהיג נור די קינסטלער, וועלכע וועלען זיך שטעלען אויף דער זייט פון די ארבייטענדע מאסען, וועלען אויסדריקען דעם העכסטען מאָמענט פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען — דעם קאמף פון די מאסען פאר א וועלט, וואָס וועט אלעמען געהערען.

איך האָב שוין גערעדט צו לאַנג. זאָל זיין גענוג.

פּאָלינא אלעקסאנדראָוונא, א הויכע מאָגערע פרוי מיט קור־צע האָר און גרויסע שוואַרצע אויגען, האָט אָנגעהויבען אַזוי שטיל, אז מען האָט זי קוים געהערט. איהר שטים איז אָבער באלד גע־וואָרען העכער און שטאַרקער.

— מיינע הערען און דאַמען! איך בין אין גאַנצען איינ־שטימיג מיט דעם, וואָס נאום וויקטאָראָוויטש האָט דאָ געזאָגט. איך וויל נור צוגעהן צו דער פראַגע אביסעל פון אנ'אַנדער זייט. אין אייניגע פונקטען שטעה איך נאָהענט צו די ערשטע פיער רעדנער. נאָהענט און דאָך זעהר ווייט. איהר ווייסט דאָך, ווען צוויי מענשען זאָגען איינס און דאָס זעלבע, איז עס אָפט דורכאויס ניט איינס און דאָס זעלבע.

אַזוי צום ביישפּיעל מיין איך, אז אַנקיף האָט דאָ ריכטיג אָנגעוויזען אויף די פאַלשקייט, אויף דעם ליגען, וואָס הערשט אין דער מאָדערנער קונסט.. בכלל מענשען, וואָס קריטיקירען די מיאוסע זייטען פון דער היינטיגער קונסט, וויסענשאפט און טעכ־ניק, זיינען שטענדיג ביז צו א געוויסער גראד גערעכט. אָבער זיי זיינען קורצזיכטיג, זייער קוק איז צו שמאָל, אויב זיי זעהען נור די שלעכטע זייטען אליין, אויב זיי ווילען צוליעב די פעהלערען אין גאַנצען ארויסוואַרפען קונסט, וויסענשאפט און טעכניק. די מיאוסע זייטען זיינען פארבונדען מיט די אומשטענדען אויף א

געוויסער מדרגה פון ענטוויקלונג. און זיי, די קורצזיכטיגע, מיי־נען, אז די מיאוסע זייטען ליגען אין תוך, אין דער נאטור פון קונסט, וויסענשאפט און טעכניק, אין אלע צייטען, אונטער אלע אומשטענדען. זיי באמערקען נור דאס, וואס אונטער זייער נאז; זיי קאנען ניט זעהן ווייטער, קאנען ניט קוקען פארווערטס. זיי איז פרעמד דער שטאנדפונקט פון ענטוויקלונג.

קונסט מוז מען באטראכטען היסטאריש, פארבינדען מיט דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט; און אין דער דאזיגער ענטוויקלונג האלט זיך עס אלץ אין בייטען, בלייבט קיין זאך ניט שטענדיג מיט דעם זעלבינגען כאראקטער, מיט דעם זעלבען ווערט. גוטס ווערט פארוואנדעלט אין שלעכטס. חכמה אין אונזין, און פארקערט. פארטונעז האט דא אנגעצייכענט אזא היסטארישען שטאנדפונקט. ער איז א סך העכער ניט בלויז פאר דעם שטאנד־פונקט פון דעם שווין צו פשוט'ען ניין־זאגער אנקיף; ער איז אויך א סך העכער פאר דער צו שמאלער נוצליכקייט, וועלכע באריס באריסאוויטש וויל מאכען פאר א מאס פון קונסט.

באריס באריסאוויטש זאגט: א קינסטלער דארף זיין נוצ־ליך. איך זאג: ניין, ער קאן ניט זיין ניט־נוצליך, עס איז אונ־מעגליך, ער זאל זיין ניט־נוצליך, אויב ער איז נור א קינד פון א קלאס, וואס געהט פארווערטס. און אויב ער איז עס ניט, קאנען מיר, די פארשטעהער פון צוקונפטס־קלאס, צו אזא קינסטלער בכלל ניט שטעלען קיינע ערנסטע פאדערונגען. און ווייטער, וואס מאכט די קונסט נוצליך? ווען זי שטראפט, דעקט אויף די פעה־לערען פון דער געזעלשאפט, זאגט באריס באריסאוויטש, ווען זי רופט צו מיטלייד און קאמף. איך מיין, אז דאס איז א שמאלער קוק, אויב מיר זאלען אזוי מעסטען, וועלען שעקספיר און האמער זיין קלענערע דיכטער, ווי ניעקראסאוו און אדא נעגרי: די לעצ־טע צוויי זיינען דאך דורכאוים דיכטער פון פאלקס־ליידען. און דאך דוכט מיר, אז אין באריס באריסאוויטשעם רייד איז פאראנען א פונק אמת. געווים קאן מען קונסט ווערק מעסטען לויט זייער סאציאלער נוצליכקייט. אבער די מאס איז ניט קיין אבסאלוטע, איינמאל פאר אלע מאל און איינע פאר אלעמען. דאס איז א

קלאַסען־מאַס, און די מאַס ליגט ניט דאָרטען, וואו באַרים באַרי־סאָוויטש זוכט זי.

דער מאַלער סקאָבעליעוו איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז באַרים באָריסאָוויטש פארשטעהט דורכאויס ניט די נשמה פונ'ם קינסטלער. באַרים באָריסאָוויטש האַלט, אַז די הויפט טרייב־קראַפט, וואָס באַוועגט דעם קינסטלער, צום ווע־ניגסטענס דעם אידעאַלען קינסטלער, איז דער אינגוועניגסטער דורשט צום פּרעדיגען. איך מיין, אַז אין דעם קינסטלער דאַרף דער קינסטלער זיין פריהער און שטאַרקער, ווי דער פּרעדיגער. לויט באַרים באָריסאָוויטש'עס מיינונג, איז ער אַ קינסטלער, ווייל ער איז אַ פּרעדיגער. אָט די אינערליכע שטרעבונג צו באַלעה־רען טרייבט עס איהם צו שאַפען. איך ווידער האַלט, אַז דער קינסטלער ווערט אַ פּרעדיגער דוקא צוליעב דעם, וואָס דער קינסט־לער, וועלכער לעבט אין איהם, טרייבט איהם אָפּצושפּיגלען דעם לעבען אין זיין תוך, אין זיין וועזענטליכען אינהאַלט; אָפּשפּיג־לען קאָנצענטרירט, אַ סך לעבען אין איין פּונקט. צוליעב דעם טאַקי זוכט ער, צוליעב דעם גאַרט ער נאָך שעהנע פאָרמען. סקאָ־בעליעוו איז גערעכט, ווען ער שטעלט ארוים אויפ'ן ערשטען פּלאַן די ריין־קינסטלערישע אימפּולסען.־ וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ריין־קינסטלערישע טרייב־קרעפטען, וואָס באַוועגען דעם קינסטלער צו שאַפען? דאָס זיינען צוויי. ערשטענס: דער קינסטלער פאַסט אויף די ווירקליכקייט הוים, ליידענשאַפטליך אין אַלע איהרע פאַרבען און שעהנהייטען, אין אַלץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש. צווייטענס, דער קינסטלער באַזיצט אַ הייסען ליידענשאַפטליכען דורשט אויסצודריקען דאָס שעהנע, דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער ריינסטער פאָרם. דאָס איז דער אמת'ער קוואַל פון דער העכערער קינסטלערישער שאַפונג. אָבער סקאָבעליעוו האָט פאַר־טיידיגט זיין שטאַנדפּונקט מיט קליינע און קליינליכע ביישפּיע־לען. פּונקט ווי דער קינסטלער קאָן און דאַרף זיך באַנוגענען מיט אָפּשפּיגלען בלויז שעהנע שטיקלאַך פון לעבען און ער קאָן ניט ארומכאַפּען דעם לעבען אין זיין גאַנצער גרוים. עהרליך פאָדערט פון קינסטלער, ער זאָל זיין אַ מעטאַפיזיקער, אַ פילאָזאָף. פאַר־מעל איז זיין שטאַנדפּונקט העכער פאַר סקאָבעליעוו'ס, ווייל ער

וויל פאַרבינדען דעם קינסטלער מיט דער מענשהייט און מיט די
גרויסע אַלגעמיין־מענשליכע פראַגען. ער ווייזט אָן ריכטיג, אַז א
גרויסער קינסטלער איז א פילאָזאָף, און אין זיין שאַפונג דריקט
ער אויס א באַשטימטע באַציהונג צו די גרעסטע פּראָבלעמען פון
לעבען און טויט. אין דער אמת'ן: פון א צווייגעל מיט מיי־
בלימלאַך הויבט דער קינסטלער זיך אליין אויף און ער הויבט
אונז אויף הויך צום הימעל, פון וואַנען עס זעהט זיך די פאַרגאַנ־
גענהייט, די גענענוואַרט און די צוקונפט פון דער מענשהייט און
די טיעפסטע וואָרצלען פון לעבען. וואָס העכער דער קינסטלער
הויבט זיך אויף אין זיין ריין קינסטלערישע שטרעבונג אָפּצושפּיג־
לען דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אין לעבען, אַלץ נעהנטער
ווערט ער צו א פילאָזאָף. איהם טיילט אָפּ פון פילאָזאָף נור דאָס,
וואָס דער לעצטער קומט צו זיינע אויספיהרונגען מעהרער דורך
אַנאַליז, דורך לאָגישען סיסטעמאַטישען דענקען, און ביים דיכטער
ווירקט מעהר די אינטואַציע, פאַר איהם שיינט דער געדאַנקען
אויף פּלוצלונג, ווי א בליץ, וואָס באַלייכט מיט אמאָל א פינסטע־
רען געביעט, ווי א זעהונג, וואָס רייסט זיך ארויס פון טיעפע פאַר־
באָרגענע קוואַלען; ביים קינסטלער איז דאָס פיהלען שטאַרקער
פאַר'ן דענקען; ריכטיגער: ער דענקט ניט מיט רינגען אין א
קייט פון לאָגיק, נור מיט געשטאַלטען, מיט בילדער. יא, איך בין
איינשטימיג מיט עהרליך'ן, ווען ער דערנעהנטערט די קונסט צו
פילאָזאָפיע, ווען ער שטרעבט צו געבען דער קונסט א ראָלע אין
די העכסטע, אין די אַלגעמיינסטע, אין די וויכטיגסטע שיקזאַלען
פון דער מענשהייט. אָבער וועלכע שיקזאַלען זיינען די אַלגע־
מיינסטע, די וויכטיגסטע און די העכסטע — אין דעם געה איך
זיך דורכאויס פאַנאַנדער מיט עהרליך'ן. איך שאַץ אָפּ די קינסט־
לעריש־פילאָזאָפישע טענדענצען פונקט קאַפּויר, ווי ער. עהרליך
און זיין גלייכען האַלטען, אַז דער עצם, דער גרונד פון דער וועלט
איז — מיעדקייט, טרויער, טויט, שטילקייט, אונבאַוועגליכקייט;
באַוועגונג, לעבען — דאָס איז א זייטיגע זאַך, נאָר א שאָטען,
א אילוזיע. פאַר וואָס זיי האַלטען אזוי, האָט איך שוין פאָרטור־
געז פריהער גאַנץ ריכטיג ערקלערט. מיר אָבער זיינען די אַנ־
הענגער פון א קלאַס, וועלכער איז פול מיט לעבען מעהר, ווי אַלע

אנדערע קלאסען, פון א קלאַס, וואָס די צוקונפט איז זיינע; ניט קוקענדיג אויף די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע דער דאָזיגער קלאַס לעבט דערוויי, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מיר, זיינע אנהענגער, טיילען דאָס רוב מיט איהם די זעלביגע באַדינגונגען, סאי מאַטעריעל, סאי מאָראַליש — האָבען מיר דאָך ליעב דעם לעבען, רופען מיר איהם און באַגריסען, וואַרטען מיר גוטס דערפון. וואָס אַלע רעסורסען פון לעבען וועלען זיך ענטוויקלען, וואַרטען גוטס פונ'ם גאַנצען קאַמף, וואָס דאָס לעבען טראָגט אין זיך; ווייסען מיר, אז די שלעכטס פון דער ענטוויקלונג וועט זיך פאַר־וואַנדלען אין גוטס. מיר רופען דעם לעבען; מיט אַלע כחית העלפען מיר אַלע אינערליכע געגענזאַצען פון דער געזעלשאַפט, זיי זאָלען זיך ארויסווייזען און ענטוויקלען. מיר חלום'ן ניט צו שאַ־פען שלום און האַרמאָניע דורך דעם, וואָס מיר וועלען נאָכלאָזען, פארקלענערען אונזערע פאָדערונגען. דאָס לעבען איז א קאַמף, א שלאַכטפעלד: מיר באַהאַלטען עס ניט, דאָס פאַרשאַפט אונז פרייד, ווייל דורך שווערע מיה און מאַטערניס, אפשר דורך טייכען בלוט זעהען מיר דעם זיעג פון העכערע, שעהנערע און מענשליכערע פאָרמען פון לעבען. וואָס מעהר ליכט, קאַמף, ענערגיע, לעבען, וואַהדהאַפטיגקייט צו זיך אליין און צו אנדערע; נידער מיט אַלץ, וואָס איז קראַנק, וואָס גאַרט נאָך רוה, לעבעצט נאָך שלום אונטער אַלע באַדינגונגען, נידער מיט אַלץ, וואָס איז זויער, פאַר־עלטערט, בלוט־אָרים!

מיר האָבען קיין מורא ניט פאַר דעם רויהען אמת, פאַר'ן קאַלטען ווינד, וואָס בלאָזט פון די בערג. און אפילו די אלטעג־ליכקייט, די וואָכעדיגקייט, וועלכע איז שרעקליכער פון אַלץ דער־מיט, וואָס מיר האָבען זיך שוין צו איהר צוגעוואָהנט, און איהרע שרעקען זיינען אונז מעהר „ניט שרעקליך" — אפילו פאַר איהר האָבען מיר אויך קיין מורא ניט, ווייל אונזער דורשט צום קאַמף באַלויכט די גרויע אַלטעגליכקייט מיט אן אָפּגלאַנץ פון געוועזענע שרפות און מיט דעם רויטען פלאַם פון שרפות, וואָס דאַרפען זיך באַלד אָנצינדען. מיר זיינען פאַר'ן לעבען, ווייל דאָס לעבען איז פאַר אונז. וואָס פאַרלאַנגען מיר פון קינסטלער? — ער זאָל לערנען ליעב צו האָבען דעם לעבען. אָבער ניט בלויז דאָס זיסע,

דאָס צוקערדיגע אין לעבען, ניט בלויז זיינע ראָזינקעס, נור דאָס גאַנצע לעבען מיט אַלע זיינע סתירות, מיט גאָר זיינע שרעקען. מיר זיינען ניט קיין אָפּטימיסטען. מיר זאָגען ניט: עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויפ'ן לעבען, אַזוי ווי עס איז, און מען באַקומט עס שוין ליעב. ניין, פאַרקערט: מיר ווייסען, ווען מען זאָל מעכטיג און וואַהרהאַפטיג אויסמאָלען דאָס בילד פון לעבען, אויפכאַפּענדיג דאָס טיעפסטע, דאָס העכסט כאַראַקטעריסטישע, וועט דער טראַגישער אומגליק פון אַזאַ פּאָרטרעט גיכער אַרויסרופען ביים מענשען אין האַרצען אַ גרויל, אַן אימה. אָבער דער קינסטלער דאַרף קאָנען מאַכען אונז צו ליעבען דעם לעבען מיט זיין קאַמף, מיט זיין האַרעוואַניע, ליעבען דעם לעבען טראָץ זיין גרויל און אימה. ער דאַרף אונז לערנען ליעב צו האָבען דעם לעבען מיט אַ מוטיגער ליעבע, וועלכע איז פעהיג דורכצוטראָגען די פּאָהן פאָרוועגטס דורך קרעכצען און צייהן־קריצעריי; פעהיג אַרומצונעמען די פאַרגאַנגענהייט, מיט באַגייסטערונג לעבעדיג פאַראויסזעהן די צוקונפט, געפינען דעם אָרט אינ'ם קאַמף פון דעם מענשליכען שכל געגען די בלינדע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט און פון דער נאַטור, געפינען דעם אָרט און בענשען איהם, אויפנעמען מיט פרייד קאַמף און ליידען, זיעג און קרבנות. די גרעסטע קונסט איז די קונסט צו לעבען. אַ קינסטלער דאַרף זיין און אַ טאַלאַנט מוז זיין דירעקט אָדער אונדירעקט אַ לעהרער פון דער דאָזיגער העכסטער קונסט. און פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען האָמער און שעקספּיר — אייביגע און גרויסע לערהער.

ניט בלויז אַ טראַגעדיע, נור יעדע קונסט דאַרף אונז באַפרייען פון אימה פאַר'ן לעבען, באַפרייען פון איבריגע מיטלייד, וועלכע מאַכט שוואַך און אָפּהענגיג, דאַרף לויט אונזערע קרעפטען און פעהיגקייטען פאַרוואַנדלען אונז אין קליינע אָדער גרויסע העלדען. אַ צווייגעל מיי־בלימלאַך, ווען עס וועט זיין געמאָלט מיט טאַלאַנט, וועט עס אויך אַרויסרופען זיין טאָן, זיין צופלוס פון פריהלינגס־מוטיגקייט, וועט עס אויפוועקען דעם פּאָרגעפיהל דערפון, וואָס די נאַטור, וועלכע איז אַמאָל אַזוי צערטליך, וועט געבען דעם מענשען אין יענער גליקליכער צוקונפט, ווען אַ גאָראַ־דאָוואָי וועט ניט שלאָגען אַן אַרבייטער אין די צייהנער הינטער'ן

פאַרקאָן פון א גאָרטען מיט מיי־בלימלאַך, נור מענשען אזעלכע ווי דער גאָראָדאָוואָי מיט דעם ארבייטער, נור באפרייט פון זייער ביטערען גורל דורך דער נייער הארמאָניע פון דער געזעלשאפט, וועלען ביידע שפּאַצירען האַנט אין האַנט איבער דעם גאָרטען מיט מיי־בלימלאַך און צוזאַמען געניסען זיינע דופטען און פארבען. אין דער אמת'ער קונסט איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל ניט רופען צו לעבען, וואָס זאָל ניט לערנען פאר קיין זאַך זיך ניט אָפּשרעקען, טאָפּפער געהן זיין וועג, מיט א שמייכעל אָפּרייסען די בלומען, וואָס זיינען נאָך דערוויייל אזוי זעלטען, מיט ענטוזיאזם געבען קלעפּ, מיט געדולד איבערטראָגען געפאנגשאפט, אויב מען קאָן עס ניט אויסמיידען. יעדע לעבעדיגע, עכט שעהנע קונסט איז אין איהר גרונט קאָמפּסלוסטיג, און אויב זי איז ניט קאָמפּסלוסטיג, אויב מוטלאָז און אָפּהענדיג, אָהן פרייד און האָפנונג, אויב דע־קאדענטיש, א קונסט פון ירידה, פון אונטערגאנג, וואַרפען מיר זי אָפּ, ווי א קראנקהייט, ווי אזעלכע, וואָס שפּיגעלט אָפּ א מאָמענט, ווען דער אָדער יענער קלאס הויבט אָן פאלען גוסס'ט, שטאַרבט אָפּ.

די קונסט איז אַלץ העכער, וואָס פולער און העלער דאָס לע־בען שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהר; און וואָס מעהר זי איז דאָס, איז זי אויך אַלץ נוצליכער. דער גרונט פונ'ם מענשליכען לעבען איז קאמף, א פסיכאָלאָגיע פון קאמף, מוט — אָט דאָס איז עס, וואָס דער מענש דאַרף. א געניאַלער קינסטלער שפּיגעלט אָפּ געניאַל וועלכע עס איז פאָרם פון קאמף, און געניאַל און מעכטיג פרישט ער אָפּ און שטאַרקט הערצער. אָבער כדי צו פארשטעהן יעדע קונסט, די קונסט פון אַלע צייטען, פעלקער און קלאסען, דאַרף מען פארמאָגען א היסטאָרישען חוש, דאַרף מען קענען פארבינדען יעדע קונסט מיט איהר קולטורעלער סביבה, מיט די אומשטענדען פון איהר עפּאָכע, פון איהר פאָלק — פון איהר קלאס; און דאַ־מאָלט וועט מען קומען דערצו, אז דאָס וואָס האָט אויפ'ן ערשטען קוק אויסגעוויזען קאַלט, פרעמד און באַרבאַריש — וועט זיך אויס־ווייזען פאר לעבעדיג, אייגען און מענשליך. קיין זאַך, וואָס איז מענשליך, איז ניט פרעמד פאר א היסטאָריש ענטוויקעלטען מענ־שען. אָבער הגם מיר זיינען מיטבירגער צו די מענשען פון אַלע

דורות און פעלקער, דארפען מיר פריהער פאר אלץ זיין קינדער פון אונזער צייט. און מיט שטאלץ און פרייד זעהען מיר, אז מיר זיינען אנטיילנעמער פון דער גרעסטער קולטורעלער באוועגונג, וואס די וועלט האט ווען געזעהן, אז מיר זיינען בארופען צו שפיעלען, זאל זיין אפילו א באשיידענע ראלע, אבער אין דער גרעסטער דראמא, וועלכע וועט זיך ענדיגען מיט דעם גרעסטען, מיט דעם ליכטיגסטען זיעג.

ווען מיר טוען א קוק אויף די מאדערנע קינסטלער, זעהען מיר, אז אין גרויסען און גאנצען באדיענען זיי א קלאס, וואס שטארבט אפ, לעבען זיי מיט פאראזיטישע אינטערעסען, מיט נעבאכדיגע געפיהלען, אידעען פון עלעמנטען, וואס גוסס'ן אדער אטעמען נור מיט רויב; זיי קאנען ניט, זיי וואגען ניט, זיי האבען קיין כח ניט אפצושפיגלען די באוועגונגען און האפנונגען פון די עלעמענטען, וואס טראגען א ליכטיגע צוקונפט. דאס איז דער טרויעריגער כלל. אויסנאמען זעהען מיר לײדער זעהר ווייניג. אין דער קונסט פון די קאמפס־עפאכען פון דער פארגאנגענהייט געפינען מיר מעהר אזעלכעס וואס שטימט מיט אונזערע באגריפען וועגען קונסט, מעהר אמת'ע נייעס, איידער אין דער מאדערנער קונסט. בלויז די ליטעראטור איז אין דעם פרט אן אויסנאם; איז דאס אויך נור ביז א געוויסען גראד.

אבער לאנג קאן דאס שוין ניט ציהען. דער פראלעטאריאט וואקסט, ער הויבט זיך און פאנגט שוין אן צו אנערקענען דעם ווערט פון קונסט. דעם אמת'ן קינסטלער דריקט די פארקויפטקייט, די אפהענגיקייט פון פריוואטע קאפריזען, די געשמאקלאזיגקייט פון איבערגעזעטיגטע. ער געפינט ניט רוה אין זיין קלאס און איז ניט צופרידען צו קיין נייעם קלאס. ער ווארפט זיך אויף אלע זייטען, זוכט אן אויסוועג. איז קלאר, אז די אויפגאבע פון א סאציאל־דעמאקראט א עסטעטיקער, פון א סאציאל־דעמאקראט א קריטיקער איז — זעהן באקאנט מאכען די ארבייטער מיט אלל דאס בעסטע, וואס די קונסט פארמאגט; ערקלערען, פארטייטשען, באטאנען, ביז וואנען די ארבייטער־מאסען וועלען ניט קריגען קיין געוואהנשאפט צו א פרוכטבארען עסטעטישען גענוס, וועלכער ערהויבט די נשמה, א געוואהנשאפט צו

שעפּען פאַרגעניגען פון אַלץ, וואָס איז גרויס אין קונסט, פון דער אַנדער זייט שטעהט פאַר דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קריטיקער נאָך אַן אויפגאַבע: נעמען די אינגערע קינסטלער, וועלכע קאָנען זיך נאָך אָפּרופען אויף אַלץ וואָס ניי, און עפענען זייערע אויגען, זייערע אויערען, זיי זאָלען הערען, זיי זאָלען ווערען פול מיט דעם „גערויש און קלאַנג" פון דעם גרעסטען וועלט־קאַמף, זיי זאָלען דאָס אונז איבערשאַפען אין ליעדער פון פרייד און שטאָלץ, ליעדער, וואָס זאָלען אַרויסרופען צום קאַמף און וואַרפען אַ שרעק אויף די פיינד, ליעדער, וועלכע אָטעמען מיט דעם פאַרגעפיהל פון זיעג, ליעדער פון אַחדות, פריינדשאַפט, פון אַ האַרמאָניע, וואָס דאַרף נאָך ערשט געשאַפען ווערען. זאָלען זיי אונז זינגען די דאָזיגע ליעדער אין טענער און קלאַנגען, אין פאַרבען און ליעניען, מיט אַלע מיטלען, וואָס די קונסט פאַרמאָגט.

מען דאַרף ניט פרעדיגען, ניט נויטיג קיין מיט גוואַלד אָנגעבונדענע טענדענצען. זינגט, קינסטלער, זינגט, ווי אַ פויגעלע. נור אויב דיינע אויגען האָבען געזעהן, אויב דיינע אויערען האָבען געהערט, וועסטו זינגען אַ ליעד פון אייזען, אַ ליעד פון גאָלד, וועסטו שלאָגען אין אַ שטורם־גלאָק, וואָס מענשען האָבען נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

— עהרליך! האָט פּאַלינאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ אויפגעהויבען איהר שטים און זי איז אויף איין מאָמענט געוואָרען שעהנער, ליכטיגער. — איהר האָט ליעב די מוזיק, אונטער וועלכע מען פאַרטראַכט זיך. איהר האָט ניט ליעב די, אונטער וועלכע מען טאַנצט. איך האָב ליעב אי די, אי יענע. נאָר מעהר פאַר אַלץ האָב איך ליעב די מוזיק, אונטער וועלכע מען טוט אויף גרויסע מעשים, אונטער וועלכע מען קעמפּט פאַר דעם זיעג פון מענשליכקייט. מיינע פריינד! איך בין ניט קיין רעדנערין. איך האָב אַ שוואַכע שטים. איך וואָלט אייך דאָך וועלען איבערגעבען דעם ענטוזיאַזם, וועלכער דאַרף אָנפילען אי די קינסטלער, אי די לעזער, אי די קריטיקער...

זי איז צוגעגאַנגען צו דער פיאַנאָ און מיט אַ קראַפט, וועלכע עס איז שווער געווען צו ערוואַרטען פון אַזאַ שוואַכער פרוי, האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן איבער די קלאַווישען. זי האָט געשפּיעלט די קעניגין פון אַלע מאַרשען — די געטליכע מאַרסעליעזע.

די פילאָזאָפיע און דאָס לעבען

איבערזעצט — ה. ראָזענפעלד

די פילאָזאָפיע און דאָס לעבען

„ווער דאַרף דאָס יעצט פילאָזאָפיע?„ — פרעגט דער לעזער מיט אונצופרידענהייט. — מען טאָר ניט אָבציהען דעם געדאַנק פון דער הייגטיגער קאָנקרעטער ווירקליכקייט, וואָס איז אַזוי רייך אין פּאַסירונגען.

יאָ. די פילאָזאָפיע און דאָס לעבען זיינען צוויי פאַרשידענע ענינים. זיי זיינען קליינע מחותנים. איהר האָט מן הסתם באַמערקט, ליעבער לעזער, מיט וואָס פאַר אַ נגון איינער ווענדט זיך צום צווייטען: „עה, ברודערעל, דאָס איז שוין פילאָזאָפיע". דער וואָס זאָגט דאָס איז ביי זיך זיכער, אַז די פילאָזאָפיע פליהט ארום ערגעץ אריבער דעם מענשליכען לעבען און, אַז דער, וואָס שוועבט אין איהרע עולמות, פאַרלירט יעדען אָנהאַלט מיט דער ווירקליכקייט.

דזשיימס מילל האָט אַמאָל אָפּגעשמיסען דזשאָהן סטוארט מילל'ן דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט: „טעאָריע האָט וועניג שייכות צו פּראַקטיק" — אָדער עטוואָס עהנליכעס. דזשאָהן סטוארט איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר אַכט, ניט מעהר. נאָר אויב דזשאָהן זאָל געוועזן זאָגען „פילאָזאָפיע", אנשטאט „טעאָריע" און „ווירקליכקייט" אנשטאט „פּראַקטיק", וואָלט דזשיימס'ס צאָרן געווען אומגערעכט.

וועגען מעטאַפיזיק רעדען מיר שוין אפילו ניט. די מעטאַפיזיק, לויט איהר טעאָריע פון „פרייען ווילען", פאַרבויגט דאָך די ווירקליכקייט אינגאַנצען און טראַכט אויס אַ גאַנץ אַנדער וועלט מיט אַלע פּיטשעווקעס. זי פאַרבייט פשוט די ממשות'דיגע עמפּירישע וועלט אויף אַ צוגעטראַכטער טויזענד-און-איין-נאַכט סיסטעם.

נאָר לאָמיר נעמען די וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפיע מיט איהרע באַגריפען, ווי ספּענסער האָט זי אונז געגעבען. יעדע וויסענשאַפט נעמט ארום איהר סכום קאָנקרעטע ערשיינונגען און פון זיי ברייגגט זי ארויס איהרע אַלגעמיינע געזעצען.

עס באַשאַפט זיך אַ בילד פון אַ רייהע פּיראַמידען, וואָס פאַרדעקען
מיט זייערע פונדאַמענטען די גאַנצע ווירקליכקייט און זייערע
שפּיצען שווינדלען הויך־הויך איבער איהר. די פילאָזאָפיע אָבער
שפּאַרט זיך לכתחילה אָן אויף די שפּיצען פון אָט די הויכע פּיראַ־
מידען. דאָס וואָס עס איז אין יעדער וויסענשאַפט דער סאַמע
שפּיץ פון אבסטראַקציע, איז פאַר דער פילאָזאָפיע, אין איהר
שוואונג, עטוואָס „קאָנקרעטעס“, „צופיעל קאָנקרעטעס“. קוים־
קוים באַריהרט די פילאָזאָפיע, מיט איהרע רוחניות׳דיגע פיס דעם
שפּיץ פון אָט די פּיראַמידען און ערשט פון אזא הויך, פאַנגט זי אָן
צו בויען דעם העכסט אבסטראַקטען בנין פון איהרע געזעצען.
־י מאַטעריאַלען, וואָס זי נוצט פאַר אָט דעם בנין זיינען נאָך
־ינער פון שפּינוועבס.

דאָס לעבען רוישט. קאַנאָנען קראַכען.*) עס פאַלען הרוגים.
־ער קוים־באַוואַפענטער העלדענמוט פאַרמעסט זיך געגען געפּאַנ־
צערטען אידיאָטיזם. די אַרבייטער הונגערען פּריוווילליג אין זייע־
־ע פינסטערע היימען. זייער צאָרן וואַקסט און וואַקסט. און די
גוויסשעטע „האַררען“ זיצען זיך אין זייערע, מיט גאָלד געפּלאַס־
טערטע, קאַבינעטען און צושיקען עמי־האַרצישע און גרויזאַמע
פּריקאַזען“ איבער גאַנץ רוסלאַנד. און אין דעם שרעק, אין דעם
ויסברויך פון׳ם סאַמע ריינסטען פייער, וואָס די מענשהייט פאַר־
אָגט נור, ציהען זיך רוהיגע גאַסען, שטעלט זיך אויף אַ רגע ניט
פּ דער קליינינקער גראָשען־האַנדעל. שפּרינגט עמיצער אויף,
ז צופּאַטעלטער, אויף די גאַסען פון פּעטערבורג און שרייט מיט
אנומענע קולות: „מאָסקווע! מאָסקווע! מאָסקווע!“ ער
צהט אוים ווי ירמיהו הנביא אין אַ פּידזשאַק. די פאַרבייגעהער
־אָבען מורא זיך אָפּצושטעלען, מאַכען זיך ניט הערענדיג, געהען
עשעפּטסמעסיג פאַרביי און וואַרפען, מיט שרעקעדיגע אויגען, אַ
ליק אויפ׳ן „חסר־דעה“. ירמיה׳ן אינ׳ם פּידזשאַקעל נעמט מען
אין „אוטשאַסטאָק“; מען וועט איהם דאָרט מן הסתם שלאָגען.
און יעדער געהט זיך זיין גאַנג און טראַכט: „אַי, וועט מען איהם
־אָרט אָנברעכען די ביינער“. און אין מאָסקווע איז לעבעדיג.

---

*) געשריבען געוואָרען ענדע דעצעמבער 1905.

צעהנדליגער טויזענדער, ביז איצט ווילד־פרעמדע, פאליטישע זעמ־דעלאך האבען איין אלגעמיינעם אינטערעס. צוליעב אט דעם אינטערעס איז מען איינפאך, שטיל און אהן טומעל, מקריב דאס לעבען. און מיט'ן נגון פון דער מארסעליעזע, אונטער א האגעל פון קוילען, שפארען זיך די מאסקווער פעטקאס און וואנקעס צו בויען באריקאדען. פעטקא דערצעהלט וואנקען: „גרישקא'ן האט דאך א קויל גלייך אוועקגעלעגט!" און אזוי לויפען זיי, פעטקא מיט וואנקען, אונטער א האגעל פון קוילען, און פייפען אונטער דעם נגון פון דער מארסעליעזע. און אין דער מינוט שטעלט דער פריסטאוו יערמאלאוו אפ דר. וואראביאוו'ן און בעט איהם גאנץ העפליך צו צייגען די ערלויבעניש ארומצוטראגען א רעוואל־ווער. דרעהט זיך דער דאקטאר אפ עטוואס אין א זייט, כדי אפ־צוזוכען די ערלויבעניש, און דעם פריסטאוו'ס קויל דער'הרג'עט איהם אויפ'ן שטעל, געטראפען איהם אין רוקען...

און אזוי וויקעלט זיך דער קנויל אהן א סוף. עס כאפט אן א קאפ־ווערהטאג. עס שטארבט אפ דאס הארץ. אפשר וואלטען מיר א רוף־געטאן א פילאזאף? און אמת'ן, א וויסענשאפטליכען פי־לאזאף? מיר רופען איהם, און אט דער שפינען־פארמיגער נפש לויפט שנעל איבער די געאמעטרישע ליניעס פון זיין שפינוועבס צום נאהענטסטען, פאר איהם צוגענגליכען, פונקט, ד. ה. צו יענעם מאטעמאטישען פונקט, מיט וועלכען עס פארענדיגט זיך די העכסטע פיראמידע. נאך אלעמען קריגען מיר ביי איהם נאר צוויי ווערטער: „דיפערענציאציע" און „אינטעגראציע", אדער אנדערש געזאגט: „די וועלט איז, לויט איהר עצם, אן עמפפינ־דונג און, לויט איהר פארם — באוועגונג" אדער עטוואס עהנלי־כעס פון דעם מין. און אזוי רעדט אונזער שפינען־פארמיגער נפש וועגען אונזער פארפלאנטערטען לעבען, רעדט און ווייסט אליין נעבעך ניט וואס.

און ווען מיר צובייזערען זיך, למשל, אויף אונזער נפש און שעלטען איהם: „פארשאלטען זאלסטו זיין, וואס, אנשטאט ברויט, גיסטו אונז שטיינער! וואס איז דיין בארוף אין לעבען, דו שטויביגע שפין, דו אונגנונצליכסטע פון אלע ברואים? פארנעהם זיך שנעל ערגעץ אויף דיינע אבסטראקציעס, איידער אונזער צארן

נעהט איבער אין מעשים". אויב מיר ווענדען זיך מיט אזעלכע דבורים צו דער סינטעטישער שפּין, וועט ער ממזריש א שמייכעל טאָן און זאָגען: „גוטע ברידער, שפּייט ניט אריין אין'ם קוואל פון חכמה. זייט־זשע מוחל, הייבט זיך ארויף צו מיר נאָר אויף איין מינוטקעלע. אָט האָט איהר דאָ דאָס עקאָנאָמישע סטעזש־קעלע... געהט, פּאָרזיכטיג, אריבער אָט די משופּע ,סאָציאָלאָגיע', און יעצט, ביטע, כאַפּט זי נאָר פעסט אָן ביים ,פילאָזאָפיש־היס־טאָרישען' שטריק: דאָס איז נאָר איינער פון די וועגען, וואָס פיהרען צו מיר... אָט אזוי!... יעצט זייט איהר שוין אין מיין שפּינוועבס. קוקט זיך אום".

יאָ, מיר זיינען זעהר הויך, ליעבער לעזער. און האסטיג באַוועגט זיך אונזער ערדליכע גשמיות'דיגע ברוסט אין אזא שי־טערער לופט. אָן אונענדליכע ברייטקייט אנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגען. אָבער וואו איז ערגעץ גראף וויטטע, וואָס האָט אראָפּגעוואָרפען זיין נייאינקען מונדיר און געבליבען שטעהן פאַר אונז אדם־נאַקעט? און וואו איז דובאסאוו, וואָס ציעלט זיך, פון איוואן דעם גרויסען'ס טורם מיט'ן גרעסטען הארמאט אינ'ם סאמע הארץ פון רוסלאַנד? און וואו זיינען אונזערע אומגליק־ליכע, פאַרשכורטע ברידער, וואָס שיסען אפילו אויף מיידלעך, ווען יענע קוקען ארויס פון די פענסטער? וואו זיינען יענע דאַמען, וואָס קויפען אויף, אין צייט פון פּאָגראָם, ביי די ווילדע רוצחים אלעס, אפילו קנעפּלאַך און שפּיצען, פאַרפלעקט פון נאָך ניט־אָפּגעטריקענטען קינדערשען בלוט?...

דערפון איז אפילו קיין סמן ניטאָ. און וואו נאָר דו ועסט א וואָרף טאָן מיט'ן אויג איז לויטער דיפערענציאציע און אינטע־גראציע; אלעס איז אן עמפינדונג לויט'ן עצם און באוועגונג לויט דער פאָרם. גוט. ריין. אָ, ליעבער לעזער, הלואי וואָלטען מיר זיך כאָטש ניט פאַרפּלאָנטערט אין אָט דעם שפּינען־נעץ, ווי יענע מיטעלמעסיגע פליעגען פון האמסון'ן. אונזער פילאָזאָף אָבער רייבט זיך פון נחת די הענד און וויעגט זיך אויף א געאָמעטרישער ליניע.

ניין, פילאָזאָפיע האָט יע א שייכות צום לעבען. דער ווייב־סטער געלעגער וועט אייך אזוי ניט בארוהיגען. עס גיסען זיך

טרערען. פאַרשידענע אויסרופען פילען אָן די לופט. אויף צו־בלוטיגטע אַקסלען, צווישען געדיכטע רייהען פון שוואַרצע פּראָ־לעטאַרישע פּאַרזעהעניִשען טראָגט מען די גאָלדענע שווערע פריי־הייט. תהו ובהו. האָאָס. אַנאַרכיע.

און דער שפּין וויעגט זיך און ברומט אונטער:

אין לאַנד פון סיללאָגיזם
וואו ס׳גליטשט זיך גרינג פון מויל
דער שאַרפסטער אַפאָריזם —
אהין אין יענעם לאַנד...

מיר ווילען אָבער אהין ניט געהן. אונז ציהט ערגעץ אַנדערש. עס קלינגט מוזיק אין׳ם תהו ובהו. דאָרט קלינגט אונזער מוזיק אויך און אָט פלאַטערט דאָרט אונזער פאָהן. עס ציהען זיך גע־שלאָסענע רייהען פון אונזערע חברים.

דער שפּין אָבער וויעגט זיך אויף זיין געאָמעטרישער ליניע און זאָגט מיט אַביסעל פאַרדרוס: „דאָס זיינען נאָר מיסט פליעגען. אַלעס דאָרט אונטען איז ניט מעהר ווי מיסט. די בלאַסע ליליע הייבט זיך דאָרט אויף אויף אַ קוים באַמערקבאַרען שטאַמעלע. אָט די ליליע נאָר איז דער תמצית פון מיין חכמה".

אַ מאָל איז קאָנפוציוס, דער כינעזישער פילאָזאָף, געקומען צום פילאָזאָף לאָאָ דזע. קאָנפוציוס איז געזעסען אויף אַ ווייסען פערד. דאָס פערד איז געווען באַדעקט מיט אַ דינעם זיידענעם גע־וועב און האָט געקייעט אַ גאָלדען צוימעל. קאָנפוציוס אַליין, אין אַ שעהנעם מאַנדאַרינען־כאַלאַט מיט אַ פּאַווע־פעדער אין היטעל, האָט אויסגעזעהן גאַנץ יום־טוב׳דיג. מאַסען תלמידים זיינען איהם נאָך־געפאָהרען. אַלע האָבען זיי געלעכצט נאָך קענטעניש, ווייל זיינער אַ תלמיד האָט שטענדיג געקאָנט קריגען אַ פעטע שטעלע... קאָנפוציוס איז ניט געווען פון יענע שפּינען, וואָס האַלטען זיך אי־בער׳ן לעבען. ער איז נאָר געוועזען אַ „לעהרער פון לעבען". קריכט קאָנפוציוס אַראָפּ פון פערד, און געהט צו צום הילצערנעם שטיבעלע אונטער דעם אַלטען בארענבוים, וואו לאָאָ דזע האָט געוואוינט. לאָאָ דזע איז דוקא געווען אַ שפּין. ער האָט געצויגען פון זיין איי־גענעם קאָפּ דעם אונענדליכען פאָדים. קאָנפוציוס האָט איהם, לאָאָ דזע׳ן, געטראָפען זיצען, די פיס אונטער זיך, פאַרטיעפט אין

רעיונות. און דער מאַנדאַרין קאָנפוציוס האָט זיך פאַרנייגט פאַר'ן חכם איין־און־זיבעציג מאָל און ח"י מאָל זיך צוגעזעצט און אויפ־געהויבען און דריי־און־פערציג קאָמפּלימענטען איהם דערביי גע־מאַכט, לויט די מנהגים פון גאָר די ערשט קסרים. הגם קיינער האָט שוין די מנהגים ניט געדיינקט, אָבער קאָנפוציוס אַליין האָט זיי ווידער אויפגעלעבט און איינגעפיהרט. לאָאָ דזע האָט אויף דעם אַלעם קוים אַריינגעשפּאַרט זיין „טשינג". און נאָך דעם ווי דער מאַנדאַרין האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען גרויסען חכם, די פיס אונ־טער זיך, ווי דער שטייגער איז, האָט ער פאַרפיהרט אַ געשפּרעך מכח דעם לעבען. און געזאָגט האָט ער, אַז דאָס לעבען טאָר ניט זיין קיין מיש־מאַש; פאַרקעהרט, עס דאַרף זיך אונטערוואַרפען אַ באַשטימטער צאָהל צערעמאָניעס, און זיין אידעאַל איז, אַז אַלע איינוואוינער פון דער „הימעלשער אימפּעריע" זאָלען אַלעס טאָן צום טאַקט פון מוזיק. אומעטום וועט מען אויסשטעלען שפּיעל־קעסטלעך, און פאַרשיעדענע מעלאָדיען וועלען זיך גיסען איינע נאָך דער צווייטער; אַלע וועלען אַליין פאַרשטעהן דעם מיין פון יעדער מעלאָדיע, און צום טאַקט, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיין ראַנג וועלען זיי אָט די צערעמאָניעס אויספיהרען מיט אַ שמייכעל אויף זייערע צוזאַמען־געפּרעסטע ליפּען. אין פּעקין גופא וועט מען צוגרייטען אַלע שפּיעל־קעסטלעך און די טאַאָטאַען וועלען אויף זיי אויפּפּאַסען. צום טאַקט וועלן די קינדבעטאַרינס געלעגען ווערען, צום טאַקט וועלען די זקנים שטאַרבען און אונטער אַ געוויסען נגון וועלען די נשמות פון אונזערע פאַרשטאָרבענע עלטערען אַוועק־פליהען צו גאַסט צו די אור־אַלטע קסרים. מען וועט דאַן גאָר ניט דאַרפען טראַכטען. ווי עקאָנאָמיש דאָס איז! אַזוי האָט קאָנפור־ציוס'ס שפּיעל־קעסטעל אַלץ געשפּיעלט און געשפּיעלט. און זיינע תלמידים, סיי די, וואָס טראָגען שוין מונדירען, און סיי די, וואָס טראָגען ערשט נאָר וויצע־מונדירען, האָבען זיך שטיל איינגעהערט. די נאַכטיגאַל איז שוין לאַנג איינגעשלאָפען, און נאָר די שטערען האָבען פאַרנומען די רייד. און ווען סערגעי איליאיטש וועט, אין טיעפער בייזקעניש, אויפהויבען זיינע פוקסען־אויגען צו די שטערען פונ'ם הימעל און זאָגען צו זיי: „אָט, איהר ווייסט ניט פון קיין אונ־

אָרדנונגען!" וועלען זיי איהם דאַן קענען דערצעהלען וועגען קאָנ־פוציוס חלומות.

צו לאָא דזע האָט זיך איינגעהערט וויים איך ניט. נאָר ווען קאָנפוציוס האָט געענדיגט, און מיט די פאַסיגע צערעמאָניעס איהם א פרעג געטאָן: „וואָס וועט די זון פון חכמה זאָגען צו איהר לבנה, וואָס וועט דער עלטערער ברודער לערנען זיין קלענערען?"— האָט לאָא דזע געעפענט זיין גרוים מויל און ארויסגעזאָגט: „חכמה ליגט אין שתיקה. דער שטילער חכם שמועסט מיט דאַאָ און קען ניט פארטראָגען דאָס געקלאַפּעריי פון'ם שוטה".

לאָא דזע האָט זיך פארקליבען אויף דער העכסטער אבסטראַק־ציע ביז צום גאָט גאָרנישט. פון אזא הויך האָט ער ניט געקענט זעהען די פיעל־פאַרביגע וועלט, — פאַר דער וועלט איז איהם גע־בליבען אזוי ווייניג פּלאַץ, אז ער זאָל נאָר אמאָל רחמנות האָבען אויף איהר, אי דאָס — מיט פאַראַכטונג. די „אמת'ע" וועלט האָט, אין איהר גרויסקייט, שטענדיג געשוויגען. געגען אָט דער וועלט האָט מען געקענט זיצען, די פיס אונטער זיך, און אזוי ציהען פונ'ם מח א פאָדים. קאָנפוציוס אָבער, אָט דער פאָלקאָמענער און הי־ציגער מאַן, האָט געוואָלט דערנעהנטערען די וועלט צו אָרדנונג, ד. ה. צו דעם זעלביגען דאאָ'ן. דאָס לעבען האָט זיך איהם גע־וואָלט אומבייטען אויף א מין אדמיניסטראַציע. זיין גאַנצען לעבען האָט ער ארומגעוואַנדערט פון איין מאָנארך צום צווייטען, פאַר־פאַסט קאָנסטיטוציעס, און ווען ער האָט איינגעזעהן אז אפילו די כינעזער קען מען ניט צווינגען צו לעבען נאָר מיט מוזיקאַלישען טאַקט, איז ער פאַר צער געשטאָרבען. וועה צו יענעם פילאָזאָף, וואָס קען ניט באַגרייפען, אז אן אבסטראַקציע איז מעהר ניט ווי א בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון דער וועלט. וועה צו יענעם פילאָזאָף, וואָס וויל די וועלט פאַרוואַנדלען אין אן אבסטראַקציע. א פילאָזאָף דאַרף בעסער אויסמיידען די פּראַקטיק. גוט און וואויל איז פלאַ־טאָנ'ען געוועזען צו קוקען אויפ'ן גלענצענדען כאָר פון די אייביגע אידעען. ביטער און שווער איז איהם געוואָרען, ווען ער איז שיער־שיער ניט געוואָרען א שפּילכעל אין די הענט פונ'ם טיראַן דיאָניסיוס, דורך וועמען ער האָט פּרובירט צו האַרמאָניזירען נאָר א קליין שטיקעל פון אָט דער וועלט.

פילאָזאָפיע דאַרף מען האָבען, כדי מען זאָל זיך באַציהען צום לעבען מיט א פילאָזאָפישער רוהיגקייט. האָט איהר ווען געזעהן א פאָלקאָמען רוהיגען מענשען מיט א שעהנעם פנים און ווייכינקע טריט? נאָך האָט מען פון די גאַסען פון מאָסקווע ניט אָפּגע־שווײנקט דאָס בלוט. א 14 יאָהריגע מיידעלע, א בלאָסינקע, מיט דינינקע צעפּעלעך, האָט פּלוצלונג באַמערקט א שמוציג־רויטען פלעק אויף א וואַנד און אויפ'ן טראָטואַר. זי האָט גלייך אַלעס באַגריפען, א ציטער געטאָן און מיט אַן אויסדרוק פון וועהטאָג און געוויין האָט זי איינגעגראָבען איהרע אויגען אינ'ם פלעק. אַן עדעלער מאַן איז פאַרבייגעגאַנגען און דערזעהן די סצענע. צוויי מאָל האָט ער א פיהר געטאָן מיט זיינע אויגען אויפ'ן רחמנות'דיגען אויסדרוק פון קינדערשען פּנימעל, אויפ'ן שמוציג־רויטען פלעק. באַלד אָבער האָט ער אַוועק געשפּאַנט מיט דריבנינקע ווייכע טריט. אַט דער עדעלער מאַן האָט פאַרמאָגט א פיהלענד האַרץ. אַמאָל האָט ער אַליין אפילו פאַרפאַסט פילאָזאָפישע שירים. זיין פיהלענד האַרץ איז פאַרוואונדעט געוואָרען, עס האָט אָנגעפאַנגען צו נאַגען, און דער עדעלער מאַן האָט „נאָכגעדיינקט". ער האָט זיך אפילו אָפּגעשטעלט און געוואָרפען א בליק אויפ'ן פּראָסטיגען בלויען הימעל, וואָס שפּרייט זיך איבער זיין קאָפּ, און שטיל א זאָג געטאָן: „אָבער די אייביגקייט!" — און איז אַוועק ווייטער מיט ווייכינקע טריט. און זיין האַרץ נאַגט איהם שוין מעהר ניט.

עפּעס א פּראָפעסאָר איז באַגאַנגען א געמיינהייט, א פּאָליטי־שע געמיינהייט. זיין פרוי איז געווען א העכסט אינטעליגענטע יונגע דאַמע. זי האָט, לויט איהר אַלטען מנהג, אויפגעעפענט איהר מאַנ'ס א בריעף ווען ער איז ניט געווען אין דער היים. דעם בריעף האָט צו איהר מאַן געשריבען אַן אַלטער פריינד, א האַרציגער אַלטינקער געלהערנטער, וועמען די דאַמע פלעגט אימער רופען דער „כהן פון אמת". און אַט דער כהן פון אמת האָט עס געשריבען איהר מאַן, אַז ער וויל מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האָבען, אַז ער וויל ניט פאַראומרייניגען זיין האַנד מיט אַזא אונאָרענטליכען מענשען. די יונגע פרוי האָט יאָמערליך געוויינט. דער פּראָפעס־סאָר, וואָס איז באַגאַנגען די געמיינהייט, איז אַהיים געקומען און געטראָפען זיין פרוי וויינען און לעבען איהר דעם בריעף וואָס האָט

איהר אזוי אויפגעטרייסעלט. איז ער עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען דורך אַלע צימערען, אוועק צו זיך אין קאַבינעט און צוריקגעקומען, און די גאַנצע צייט שטאַרק געסמאַרעט מיט דער נאָז. ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו זיין ווייב און אזוי איידעל־האַרציג איהר א זאָג געטאָן: „נאַדיאַ, באַרוהיג דיך. צום לעבען מוז מען זיך באַציהען פילאָזאָפיש".

יאָ, יאָ, מען דאַרף אָפּגעהן אָן א זייט, כדי אַלעס זאָל גרוי ווע־רען, כדי אַלע יונים זאָלען באַקומען איין פּנים. מען דאַרף אָפּווענ־דען דעם בליק פון ערדישען גיהנם צום בלויען הימעל. דאָס איז אי ערהאַבען, אי באַקוועם.

לאָם איך אייך, ליעבער לעזער, דערמאָנען אָן איין זייטעל פון לעוו טאָלסטאָי: „ער (פירשט אַנדריי) איז א פּאַל געטאָן אויפ'ן רוקען. ער עפענט זיינע אויגען און וויל א קוק טאָן, ווי האָט זיך געענדיגט דער געשלעג פון די פראַנצויזען מיט די אַרטילעריסטען; ער וויל זעהען, צו איז דער געלער אַרטילעריסט טויט, צו האָט דער שונא געפאַנגען די קאַנאָנען, צו מען האָט זיי מציל געווען פון זיין האַנט. ער זעהט אָבער קיין זאַך ניט. איבער איהם איז שוין קיין זאַך ניטאָ, אויסער דעם הימעל — דעם הויכען, אונקלאָרען און דאָך אונענדליך הויכען הימעל, און גרויע וואָלקענס בלאָנקען זיך שטיל אַרום אויף איהם... ווי שטיל, און רוהיג, און ערהאַבען אַלעס גליטשט זיך דאָ. קיין סימן פון יענער פאַרביסענהייט און כעס, מיט וועל־כען דער פראַנצויז און דער אַרטילעריסט רייסען זיך אַרום פאַר יע־דער קליינינקייט. וואָרום־זשע האָב איך פריהער גאָר קיין מאָל ניט באַמערקט אָט דעם הויכען הימעל? און ווי גליקליך בין איך, וואָס איך האָב איהם ענדליך דערזעהן. אַלעס איז דאָך פּוסט, א פאַר־בלענדעניש נאָר, א חוץ אָט דעם אונענדליך, ברייטען הימעל. גאָר ניט, קיין זאַך איז ניטאָ, אויסער איהם. נאָר אפילו ער אַליין איז אויך ניטאָ. ניטאָ קיין זאַך, אויסער שטילקייט און באַרוהיגונג. און געלויבט ביסטו, גאָט!"...

איך האָב געזאָגט אַז עס איז ערהאַבען און באַקוועם אויפצור־הויבען זיך איבער'ן לעבען מיט זיין צער און שרעק. אַלע זיינען מודה, אַז פירשט אַנדריי'ס שטאַנדפּונקט, צו וועלכען ער האָט זיך אויפגעהויבען אין דעם מאָמענט, וואָס טאָלסטאָי האָט באַשריבען,

און אַנדערע עהנליכע שטאַנדפונקטען זיינען ערהאַבען. מען צווייפעלט נאָר אין דער באַקוועמליכקייט פון אַזאַ שטאַנדפונקט. דער אמת איז אָבער גראַדע פאַרקעהרט: דער הויכער שוואונג צו אייביגקייט און אונענדליכקייט איז באמת גאָר ניט אַזוי ערהאַבען, אָבער די באַקוועמליכקייט פון אַזאַ שוואונג קען קיינער ניט אָפּלייקענען.

דער מאָראַלישער זין פון'ם געדאַנק, אַז מען דאַרף אַ מאָך טאָן מיט דער האַנט אויף דער פיעל־פאַרביגער און פאַרשידענאַרטיגער ווירקליכקייט, און אָט די ווירקליכקייט פאַרבייטען אויף אַ גלאַטיג־פאַרענדיגטען בילד פון אַ „אמת'ער וועלט" — אָט דער זין שטאַמט פון דעם גרויסען דורשט נאָך רוהיגקייט, נאָך דעם נשמה־גלייכגעוויכט פון די גריכישע סטאָאיקער. די אונטערדריקונג פון אַלערליי מענשליכע תאוות, דער פאַרלאַנג אַליין צו בלייבען און זיך אָפּצורייסען פון זיי, אָדער זיי רעגולירען און אונטערוואַרפען אונטער אַ סיסטעם פון מלוכה־אָדער מאָראַל־געזעצען, שטאַמען פון אָט דער זעלביגער דורשט נאָך רוהיגקייט.

באמת קומט גאָר איינס ניט אָהן דעם צווייטען: דער מעטאַפיזיקער עלעאַט, למשל, פאַרבויגט די שרייענדיגע ווירקליכקייט און זאָגט, אַז די וועלט איז אומבאַוועגליך, קען ער זיך דאַן מיט רחבות צולייגען אויף דעם זעהר ווייכען שטול פון באַקוועמליכקייט: מיט איין מאַך פון זיין האַנט טרייבט ער אָפּ פון זיך אַלע פאַרשאָלטענע פראָבלעמען, אַלע רעטענישען פון דעם שטורמיגען לעבען. אָט די אַלע פראָבלעמען קומען פון אַ כלומר'שטער און נאָר שיינבאַרער וועלט. די וועלט, וואָס ער אַנערקענט יאָ, האָט גאָר ניט קיין פראַגען. אַ יונגער גריך האָט פשוט פאַרטומעלט זיין דורשטיגען, איינגעלשען מח מיט אַ מעננע אומפאַרשטענדליכע ערשיינונגען און שרייענדע ווידערשפּרעכונגען, וואָס שטעכען ממש די אויגען; ווערט ער געוואָהר פון פּערמאַנידען, אַז די גאַנצע רעאַלע וועלט איז אַ פּעטרישקע ניט ווערט, אַז דאָס איז גאָר אַ פּוסטער חלום, אַ רעזולטאַט פון לעכערליכע און פאַלשע עמפּפינדונגען. דער יונגער גריך אָטעמט אָפּ גרינגער און קוויקט זיך ממש מיט פאַרמעניד'ס דורכזיכטיגער און פאַרשטענדליכער טעאָריע פון „אייביגען זיין", וואָס איז אַזוי איינאַרטיג און שטיל. אָבער פון וואַנען נעמט זיך די

פאַרשטעלונג פון ערהאבענהייט וועגן אזא ארט לעזונג פון ער־קענטניס־פראָבלעמען? ווען פיטאגאָראס באגעגענט אויף טריט און שריט דאָס אומרעגעלמעסיגע, דאָס מיאוס׳ע, צובראָכענע און צו ריסענע, אלץ זאכען וואָס פארדעקען זייער תוך, — הויבט ער אויף זיינע אויגען אין שטומער התפעלות צום בלויען הימעל, וואו, צווישען די קלאָר־פינקעלדיגע שטערען הערשען אָרדנונג און פאַר־נונפט, הערשען אָהן א ברעקעל ספק, ווייל דאָרט קען מען דאָס גרינג פעסטשטעלען דורך דער געטליכער אריטמעטיק און געאָמעטריע, די אמת׳ע אָפשפיגלונגען פון פארנופט. צו דעם אָרדנונג פון די הארמאָנישע באוועגונגען, וואָס האָבען אזוי געגלעט פיטאגאָרא׳ס אויג, האָט ער אויך צוגעגבען די קלאנג־הארמאָניע, און אין דער שטילקייט פון דער פרעכטיגער דרום־נאכט האָט זיך צו זיין אָפענעם אויער מן הסתם דערטראָגען דאָס געזאנג פון די הימעלשע שטערען, אין זייער שוואונג, לויט דער טערציע קווינטא און אָקטאווא. עמי־צער פון די געשיכט־שרייבער פון פילאָזאָפיע איז געפאלען אויף דער סברה, אז די באצייכנונג פון אָרדנונג אלס עטוואָס ערהאבע־נעם און ניט אלס אָרגאניזירטע פיעלארטיגקייט און עטוואָס ער־דישעם — נעמט זיך פשוט פון דעם גוואלדיגען חלוק צווישען דער טרויעריגער ערד און יענעם הימעל, וואָס האָט געלערנט א קאפיטעל חכמה מיט׳ן פירשט אנדריי.

אזא סברה איז אָבער ניט אמת. אדרבה, די רוהיגקייט פונ׳ם הימעל, ווי די רוהיגקייט פון די שנעהיגע שפיצען פון די הויכע בערג אָדער פון די גרענצלאָזע סטעפעס איז ליעב און טייער גע־וואָרען דעם מענשען מיט׳ן וואוקס פון דורשט נאָך רוהיגקייט אין זיין אייגענעם הארצען.

די געטער פון דער קריעגערישער אריסטאָקראטיע יאָגען זיך נאָך כבוד און זיינען בלוט־דורשטיג, שכורים און זולל וסובא׳ניקעס; מיט דער צייט ווערט אָט די קריעגערישע אריסטאָקראטיע דער הערשענדער קלאָס אין דער אויפגעקומענער מלוכה, וואו ערד־ארבייט, האנדעל און מלאכות פונ׳ם עקספלואטירטען פאָלק (די שקלאפען געהען דאָ אויך אריין אין חשבון) ווערען די הויפט־קוואַ־לען פון רייכטום. דעמאָלט ווערט דאָס פארנונפטיגע געוועלטיגען איבער׳ן לאנד, די מלוכה־אָרדנונג — די הויפט באשעפטיגונג פון

די „הארען". דעמאָלט ווערען די שומרים פון דינים, מנהגים און קאָנטראַקטען — דער כהן, דער חכם, דער געזעץ־געבער, סענאַטאָר אָדער סנהדרין — די צענטראַלע פיגורען, און די קריעגס־לייט גיבען אוועק אָהן תרעומות דעם אויבען־אָן אָט די „חכמים". וואָס־זשע וויל אָם שטאַרקסטען אָט דער העכסטער טיפּ פון דער אריס־טאָקראַטיע? ראשית איז ער לויט זיין עצם אַ קאָנסערוואַטאָר, וואָס לעבט טאַקע צוליעב דעם ווייל ס'איז דאָ אַזאַ שווערע פּראַגע — צו „קאָנסערווירען" אָדער אויפצוהאַלטען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. דאָס איז דער רעאַלער באָדען וואו עס וואַקסט און צו־בליהט זיך דער אייגענאַרטיגער באַגריף וועגען דער ערהאַבענהייט פון „אָרדנונג". סאַמע אונטען איז דער בעל־מלאכה, דער סוחר; ער איז געלטזוכטיג און דאַרף אַזוי זיין. זאָל ער מיט אומרוהיגע אויגען זיך יאָגען נאָך געלט, זאָל ער, אָהן אַ טראָפּען רחמנות צו זיך גופא, וועלקען און איינדאַרען דורך דער שווערער אַרבייט און דאגות הפרנסה. עס ווערט ניט־גוט קוקענדיג אויף איהם, ער איז אָבער נויטיג פאַר'ן רייכטום פונ'ם פאָלק, ער איז נויטיג ווי אַ הכנסה־שטאַנד. אַזוי טענה'ט דער חכם.

אביסעל העכער שטעהט דער „איש־חיל", וועמעס גאָט איז העלדען־מוט. אָט דער בעל־גאוה קען ניט משיג זיין דעם תמצית פון דער אמת'ער חכמה און וואָלט גלאַט אין דער וועלט אריין פאַר־גאָסען בלוט, ווען ס'זאָל פאַר איהם ניט זיין קיין קאָנטראָל, קיין גדר. זאָל דער איש־חיל קריגען לוקסוס, שקלאַפען, כבוד — אַלעס, אבי ער זאָל זיך אונטערוואַרפען דעם ווילען פון פאַרנונפט.

און אָט דערגרייכען מיר דעם סאַמע שפּיץ פון דער מענש־ליכער געזעלשאַפט. אָט איז דער אייביג רוהיגער און אַל־וויסענדער חכם, ער שטעהט אימער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און אַ הער־שענדען בליק. זיין געדאַנק באַוועגט זיך שטעהענדיג אין די קאָנ־סערוואַטיווסטע ריכטונגען.

זיינע געמטער זיינען ערהאַבען און רוהיג, און רעכענען זיך קיין מאָל ניט מיט קיין ענדערונגען. די געמטער זיינען פאָלקאָמען, ווייל ער אליין שטרעבט צו דער פאַרשטיינערטער פאָלקאָמענהייט — נאָך אַלעמען איז דאָך פאָלקאָמענהייט אַ מין פאַרשטיינערונג. און טאַקע פון די באַדערפנישען פון אָט דער גייסטיגער אריסטאָקראַ־

טיע, וואָס באַהערשט די געזעלשאַפט, שטאַמט די אידעע פון ער־האַבענהייט צו באַגרייפען די וועלט פון אייביגקייטס־שטאַנדפונקט. פלאַטאָנ׳ס וועלט פון אידעען און זיין אויטאָריטעטער סאָציאַליזם זיינען צוויי טיילען פונ׳ם זעלביגען ליעד, פון דער טרויעריגער פאַנ־טאַזיע פונ׳ם אריסטאָקראַט, ביי וועמען דאָס קאָכיגע לעבען צו־ברעכט און פארשווינקט זיינע „קלוגע" געזעצען.

עס וואָלט אָבער געווען אַ דומהייט צו זאָגען, אַז דער אריס־טאָקראַטישער קאָנסערוואַטיזם קען אליין ערקלערען יעדען פילאָ־זאָפישען שוואונג אויפ׳ן געביט פון אמת און אייביגקייט. אָדער, קען דערקלערען יעדע פּראָבע אריינצוטראָגען עטוואָס שטענדיגעס אינ׳ם רעאַלען לעבען פון די פעלקער. גריכענלאַנד האָט געשאַפען גלענצענדע ביישפּיעלע פון די ערהאַבענסטע געדאַנקען בכלל, סיי אין דער ערשטער אריסטאָקראַטישער פאָרם, סיי אין אַנדערע פאָרמען.

דער חכם—דער באַשעפער פון דער רוחניות׳דיגער „אמת׳ער" וועלט און דער געזעץ־געבער אָדער אוטאָפּיסט, וואָס שטרעבט צו באַהערשען דעם רוישיגען שטראָם פון לעבען און איהם דערנעהנטע־רען צום פארשטיינערטען אידעאַל, ווערען צוביסלאַך פארשוואונ־דען. ווען דאָס לעבען צוברעכט אין גאַנצען די אַלטע אויטאָריטעטע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט און שאַפט נייע, וואו אינדיווידועלע פּריוואַטע אינטערעסען שפּיעלען די הויפּט־ראָל, און וואו עס ברענט דער קלאַסען־קאַמף,—קומט אריין אין לעבען אַ נייער טיפּ חכם. ביים „חכם" פון נייעם טיפּ שפּיעלט שוין דער סאָציאַלער אוטאָפּיזם קיין ראָלע ניט. איהם אינטערעסירט נור די פּערזענליכקייט. ער האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די גאַנצע אומפארשטענדליכע, צופוילטע און צרה׳דיגע ווירקליכקייט און וויל נאָר באַשאַפען פאַר זיך אַ פּריי, רוהיג ווינקעלע אין דעם פינסטערען שטורמישען ים פון טאָג־טעגליכקייט. וואָרום האָט ער עפּעס אַזוי ליעב די רוהיג־קייט? ווייל ער איז ניט גענוג נאָר צו שפּרינגען, ניט באַטראַכטער־הייט, אין פּייערדיגען קאַמף נעגען אַנדערע פאַר געוועהנליכער „עולם־הזה" און, געוויס, איז ער ניט ענערגיש גענוג אָפּצוזוכען אַ ברייטען צוועק, וואָס זאָל אַלעס אין זיך כולל־זיין, אַ מין איבער־

אינדיווידועלע פאַהן, און אונטער דער פאָהן צו קעמפען געגען תהו ובהו פונ׳ם אַרומיגען געזעלשאַפטליכען לעבען.

די פאַרמעגליכע קלאַסען האָבען געשאַפען די עפיקורעער און די סטאָיקער. זייער אַלגעמיינער שטריך איז די שטרעבונג צו קריגען פרייהייט און באַרוהיגונג פאַר זיך גופא דורך זעלבסט־קאָנטראָל און באַגרענצונגען. זיי זיינען דאָס דער „יתר הפליטה“ פון די פריהערדיגע קלאַסען, די געוועזענע שומרים פון אָרדנונג, און גלאַט אָפּפאַלען פונ׳ם אינדיווידואַליסטישען אַלטעגליכען תהו ובהו. עס איז א סברה, אַז די ערהאַבענהייט פון דעם עפיקורע־אישען אָדער סטאָישען שטאַנדפונקטען אין פאַרגלייך מיט זייער ניעדעריגקייט און וואולגאַרע תאוה צום לעבען האָט דערפאַר צו זיך ניט צוגעלאָזען קיין ספק, ווייל אין דעם ליגט איבערהויפּט די היגיענע פון די הערשענדע קלאַסען פון דער אינטעליגענץ פון דער געזעלשאַפט. ווארום טאַקע זאָלען זיי ניט טראַכטען, אַז זיי האָ־בען זיך אויפגעהויבען העכער פונ׳ם לעבען, ווען דאָס לעבען איז געוועזען א שוידערליכער אומזין פון דעם אינדיווידועלען שטאַנד־פּונקט, ווען ווער נאָר ס׳האָט געהאַט א מעגליכקייט און צייט צו „טראַכטען“, האָט גלייך אין זיין פערזענליכער פילאָזאָפיע אָפּגע־שפּיגעלט די קרייענקליכע געמיינהייט פונ׳ם לעבען. ווי כאַראַק־טעריסטיש עס זיינען אין דעם פּרט עפּיקור׳ס פרעהליכע און רוהיגע געטער, וועלכע באַוואוינען דעם חלל פון דער וועלט אָבער האָבען קיין שייכות ניט צו איהר. אַזוי איז אויך כאַראַקטעריסטיש די שטאַרקע ליעבע פון די סטאָיקער צו דער ערהאַבענער און רוהיגער אומאָרגאַנישער נאַטור. ווען אָבער די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אויסגעצייכענט אין קריעג־פיהרונג און האָט זיך געיאָגט נאָך כבוד אָדער רויב איז דאָס עפּיקורעאישע גליק פון א שטילער, „פיינער בעל־הבית׳ישקייט“, און בכלל, יעדע שטרעבונג צו קריגען א רוהיג ווינקעלע דורך זעלבסט־קאָנטראָל — גאָר ניט געווען אַזוי ער־האַבען, אַזוי העכער פונ׳ם לעבען. פאַרקערט, מען האָט דאַרויף געקוקט ווי אויף א נאַרישער שטרעבונג, וואָס שטימט נאָר מיט׳ן המון. און ווען דאָס אויסגעמוטשעטע פאָלק האָט, מיט ברען זיך א כאַפּ געטאָן צום גלויבען אין א „עולם האמת“, אין א גערעכטען גאָט און אין דעם שנעלען „יום־הדין“, און דאָס אַלעס ערקלערט

אַלס ערהאַבענע אידעען, איז דאָס אויך געוועזען נור דערפאַר, וואָס דער קריסטליכער המון האָט איינגעזאַפט אין זיך די אידעע פון אויטאָריטעט און דאָס שקלאַפישע זעלבסט־געפיהל. די אידעאַלע וועלט פון די קדושים און מלאכים איז געבויט געוואָרען לויט אַ מאָנאַרכיסטישען מוסטער. איהר מיטעל־פונקט איז געווען די פאָרשטעלונג פון אַ קראַפט, וואָס דולדעט ניט קיין געגנערשאַפט, און עס האָט גענומען אַ היבשע צייט ביז מען האָט געוואָגט אוועק־שטעלען די פראַגע: „איז גוטעס גוט ווייל אַזוי וויל גאָט, אָדער גאָט פאַרדיענט אונזער ליבע נאָר דערפאַר, וואָס ער וויל גוטעס?“

איך צייג אָן אויף אָט די שטריכען נאָר אין איילעניש. אָבער אַ טיעפערע אונטערזוכונג וואָלט נאָך דייטליכער באַוויזען, אַז די ערהאַבענהייט פון רעליגיאָן נעמט זיך בלויז דערפון, וואָס די רע־ליגיאָן שטאַמט פון די הערשענדע קלאַסען, אָדער זי שמעקט אַזוי צופיעל מיט דער אויטאָריטעט־אידעע. די באַקוועמע פילאָזאָפישע באַגריפען פון „אמת און אייביגקייט“ זיינען נאָר ערהאַבען דער־פאַר, ווייל אַסאָציאַטיוו זיינען זיי פאַרבונדען מיט דער פּשוט'ער פאָרשטעלונג וועגען הערשאַפט, וועגען דער אַריסטאָקראַטיע. דאָס מוז מען זאָגען וועגען אַזעלכע באַגריפען. דער הימעל, די וועלט־אָרדנונג, זיטליכע געזעצען און טויזענטער אַנ־דערע „הויכע אידעען“ רופען אַרויס אין דעם מענשליכען באַ־וואוסטזיין, הגם אפילו נאָר אויף איין רגע, די פאָרשטעלונג ווע־גען הערשאַפט, מעכטיגקייט, געקרוינטע קעפּ און גרינגינקע מלאכים. אַמאָל קאָנקרעט, אַמאָל אַבסטראַקט אָבער שטענדיג איז די הע־כערע וועלט אַ „הויפּט־פאַרוואַלטונג“. דער צווייטער מין פון די „הויכע“ אידעען — די רוהיגקייט פון חכם, די גלייכגילטיגקייט צו עולם הזה, די נשמה־האַרמאָניע איז זעהר ענג צוזאַמענגעבונדען מיט דער פאָרשטעלונג וועגען דער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע, ווע־גען דער סמעטענע פון דער געזעלשאַפט, פון ראַפאַנירטער איי־דעלקייט א. ז. וו. די הערשער פון דער וועלט אָדער זייערע יורשים באַשאַפען „דאָס ערהאַבענע“ לויט זייער עהנליכקייט און אויס־זעהן, אָדער די דעמאָקראַטיע גופא שאַפט אַזאַ באַגריף לויט דעם מוסטער פון אַ מאָנאַרכיע, וואָס איז ממש דורכגעקנאָטען מיט „פאָלקס־ליעבע“. די אידעע וועגען אַ „העכערער וועלט“ אין גע־

גענזאַץ צום „עולם השפל" איז ערהאַבען נאָר דערפאַר, ווייל אין א קלאַסען־געזעלשאַפט זיינען דאָ „העכערע און ניעדעריגע" קלאַסען, עס מאַכט א קליינעם אונטערשיעד צי די העכערע קלאַסען שפּיעגלען אָפּ זייערע אוטאָפּיעס אָדער זייערע אוטאָפּישע ענטווישונגען אין דער ערהאַבענער פילאָזאָפיע אָדער די שקלאַפען גופא סיסטעמאַטיזירען זייערע האָפנונגען און רעליגיעזע טרוימען וועגען דער גערעכטיגקייט פונ'ם „מלך מלכי המלכים".

ווי ווייט די וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפיע, די פילאָזאָפיע פון די פּאָזיטיווע בורזשוא העלפט אונז וויסענשאַפטליך זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דער ווירקליכקייט, אנערקענען מיר איהרע פאַרדיענסטען, ווי, למשל, דעם ווערט פון לאָגאַריטמישע טאַבעלען. אָבער שטעלט אייך פאָר, אז עפּעס א מאַטעמאַטיקער באַמערקט ווי אייערע נערוועז ווערען ממש „צושרויפט" פון די „שרעקען" פונ'ם היינטיגען מאָמענט, און טוט צו אייך א זאָג: „איהר וואָלט דאָך אָט די פּראָבלעמען געקאָנט לעזען מיט דער הילף פון די לאָגאַריטמישע טאַבעלען, פּרואווט אָקאָרשט, עס איז פשוט פיקוח נפש!" אָט דאָ וואָלטען די טאַבעלען ארויסגעטראָטען אלס א מאָראַלישע ווערט, אלס א בארוהיגונגס־מיטעל. מאַכט איהר נאָך איין שריט — פאַלט איהר גלייך אריין אין התפעלות פון די מאַטעמאַטישע געזעצען און זאָגט שוין „הלל". איהר ווערט דורכגעדרונגען מיט יראת הכבוד פאר זיי. און ווען די מאָראַלע ווערט פון די וויסענשאַפטליכע אבסטרוקציעס וועט באַצווינגען אייער מח, דעמאָלט וועט די „פאַרנונפטיגקייט" פון דעם וועלט־אָרדנונג בלייבען אייער איינציגע טרייסט. אפילו אויב די „פאַרנונפטיגקייט" איז ניט קיין באַשטימטע, נאָר א צושוואומענע. מיט צאָרן און פאַראַכטונג וועט איהר קוקען אויף דער וועלט, פול מיט תאוות און וועהטאָגען. אפשר וועט איהר נאָך אויפפאָדערען אָט די וועלט זיך אונטערוואַרפען דעם ווילען פון „פאַרנונפט" און אפשר וועט איהר אָנפאַנגען צו טרוימען וועגען א „מאַנדאַרינען־ראַנג" אָט ווי, למשל, קאַנט און אפילו סען־סימאָן, ווי פּלאַטאָן אָדער קאָנפוציוס אין זייער צייט. א סך, א סך וועגען פיהרען צום „וועלט־אמת", און ניט אלע, וואָס ווערען ענטווישט מיט'ן תהו ובהו פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען קומען צו איהם אויף איין וועג. און אויב דו

וועסט א קוק טאָן אויף דעם הימעל ווי פירשט אנדריי — וועסטו וועלען אָדער אליין אהין אוועק, אָדער איהם אראָפּציהען אויף דער ערד. עס איז שווער אויסצורעכענען אלע וועגען דורך וועלכע דו וועסט אנטלויפען פונ׳ם לעבען, די אלע הויכע ווערטער מיט וועלכע דו וועסט רופען צו „אומטעטיגקייט", „זיך ניט געגענשטעלען", אונטערוואַרפען די אינסטינקטען צו דעם אמת׳ן „איך", צום געטליכען „נצוץ" א. א. וו.

ווען עמיצער זאָל אייך, ליעבער לעזער, וועלען פאַראינטערעסירען מיט אבסטראַקטע סכעמאַס, מיט וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישער אלגעבראַ, וואָלט דאָס געווען עפּעס א מאָדנע, אָן אָפּגעלעבטע זאַך און ניט מעהר. ווען אָבער ער וואָלט אָנגעוויזען אויף דעם „מאָראַלען ווערט" פון דער אלגעבראַ, און דעם „ווערט" צוגעפּוצט מיט אלע קאָלירען פון רעגענבויגען, וואָלט ער, אזא מאַן, זיכער, לויט מיין מיינונג, פאַרראַטען די אינטערעסען פון דער מענשהייט. אין פאַל אָבער, אזא מענשען וואָלט איינגעפאַלען, לויט זיין באַגריף וועגען „אייביגקייט", א רוף טאָן דאָס לעבען — „זיך צו באַדיינקען", — וואָלט אזא אקט זיכער געווען אוטאָפּיש. אין אלע דריי פאַלען וואָלט דער לעזער זיכער געווען פאַלקאָם גערעכט ווען ער שליידערט אוועק די פילאָזאָפיע.

עס איז אָבער דאָ אַן אנדער מין פילאָזאָפיע, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו דער פילאָזאָפיע פון די „האררען" אָדער פון זייערע קנעכט. אָט די פילאָזאָפיע שוועבט ניט ארום איבער׳ן לעבען און זוכט ניט דאָס אייביגע, דאָס שטענדיגע — איהר פּרינציפּ איז א גאַנץ אנדערער. דוקא אין באַוועגונג, אין דעם רעאַלען פלוס פון דער מענשליכער געשיכטע, זעהט זי די איינציגע „אמת׳ע ווירקליכקייט", און זי לויפט ניט פון דער גאַס, פון שטאָדטיגען טומעל אָדער פון דער פאַרצווייפלונג פון די פעלדער. אָט די פילאָזאָפיע באַרוהיגט ניט.

א פילאָזאָפיע פונ׳ם לעבען פון דער קאָנקרעטער ווירקליכקייט... איז דאָס דען א דבר שאפשר? ראשית שפּאַרט זיך דאָך די פילאָזאָפיע אליין אָן אויף אלגעמיינע אויספיהרונגען אָדער אלגעמיינע כללים; צווייטענס ווי קאָן אזא פילאָזאָפיע ארויסהעלפען דעם מענשען? א פילאָזאָפיע, וואָס קומט ניט צו קיין אלגעמיינע

אויספיהרונגען, שאַפט ניט אַליין קיין כּללים, האָט ניט קיין וויסענ־שאַפטליכען ווערט. אַ פילאָזאָפיע וואָס טרייסט ניט, האָט ניט קיין מאָראַלען ווערט.

די רעאַליסטישע פילאָזאָפיע, דאָס קינד פון די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגען, באַזיצט אין זעהר אַ הויכען גראַד אָט די ביידע ווערטען.

זי פאַראַלגעמיינט זיי. זי וואַרפט אָבער ניט אָפּ מיט פאַראַכ־טונג די צייט, כּדי פּאָרצושטעלען די באַוועגונג דורך אַ גאַנצער אייביגער פאָרמעל. זי, די רעאַליסטישע פילאָזאָפיע, זוכט אָפּ די געזעצען פון דער קאָנקרעטער היסטאָרישער באַוועגונג אַנאַליזירט די פאַרגאַנגענע און געגענווערטיגע ווירקליכקייט, און געפינט יענע פּרינציפּען, דורך וועלכע מען קאָן פאָראויסזאָגען די צוקונפט. די מאַרקסיסטישע היסטאָרישע פילאָזאָפיע ערקלערט דעם תהו ובהו פון לעבען, וואָס שרעקט אַזוי דעם איינציגען, דעם אָפּגעריסענעם אינדיווידואום. זי פאַרבייט ניט דעם כאַאָס מיט צוגעטראַכטע סכעמעס, נאָר זי אַנאַליזירט זיינע כחות וואָס שטורמען און קלאַ־פּען אין איהם אַזוי שטאַרק, זי זוכט נייע פאָרמען פון זיין וויי־טערער ענטוויקלונג טאַקע אין זייער קאָנקרעטער ענדערונג, וואָס קומט דורך קאָנקרעטע אורזאַכען. אָט אין דעם זעהט די מאַרק־סיסטישע פילאָזאָפיע דעם העכסטען געווינס פאַר דער וויסענ־שאַפט. דאָ קאָנען ניט זיין קיין אַלגעמיינע געזעצען פאַר אַלע ציי־טען. דאָ ווערט אַלעס צוגעפיהרט צו דער שטענדיג־באַדייטענדער רעאַליטעט, צום סך הכּל פון אַלע שטרעמונגען אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. די גאַנצע וויסענשאַפט באַקומט פון דעם שטאַנדפּונקט אַן אַנדער זין. די גאַנצע וועלט ווערט איין דיאַלעק־טישער פּראָצעס, וואַקסט פאַר אייך אין די אויגען און אַנטפּלעקט פאַר אייך נייע לעבענס־פאָרמען. די לעבענס־פאָרמען ווערען באַ־שטימט דורכ׳ן קאַמף פון געזעצליכע עלעמענטען און זייער צופאַ־סונג. אַלעס ווערט לעבעדיג, אָבער עס דרעהט זיך מעהר ניט אום אינ׳ם פאַר׳כשופ׳טען קרייז, און חזר׳ט ניט איבער צום צעהנטען מאָל „תורת משה מסיני“, אונטערוואַרפט זיך ניט צו יענע אייזערנע געזעצען, וואָס מען ווייסט אפילו ניט, ווער עס האָט זיי אויסגע־טראַכט. די זעלבסט־האַרמאָניע פון דער וועלט וואַקסט דאָ אַרויס,

אינ׳ם תהו ובהו פון די צוברעקעלטע און אָפּגעטיילטע עלעמענטען. דאָ איז אויך דאָ אַ פּלאַץ פאַר דער טראַגעדיע פונ׳ם מענשען.

און אויף אַזאַ אופן איז די מאָראַלישע ווערט פון אונזער פילאָזאָפיע גאַנץ אַנדערש פון דער מאָראַלישער ווערט און די „ער־האַבענע" פילאָזאָפיעס! אָט די פילאָזאָפיע קוויקט זיך ניט מיט חלומות וועגען „אָרדנונג" אויס שרעק פאַר דער ביטערער ווירק־ליכקייט. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט לויפען פונ׳ם לעבען: ווי שווער און ביטער זיין לעבען איז, שרעקט ער זיך ניט פאַר דעם לעבען. ער פּרואווט מנצח זיין דאָס לעבען שוין באַלד און אויפ׳ן פּלאַץ און וואַרט ניט אויף „גאָט׳ס הילף" צו פאַרווירקליכען זיינע אידעאַלען. דאַרום טאַקע דאַרף ער ניט וואַרטען און וואַרט ניט מיט זיין פּראָגראַם אויף דער הסכמה פון גאָט אָדער זיינע מלאכים. מען פאַרשטעהט איצטער די ווירקליכקייט אין איהרע גאַנצקייט, אינ׳ם תהו ובהו באַמערקט מען שוין די עלע־מענטען פון דער צוקונפט, יענע קרעפטען, וואָס צוואַוואַקסען זיך און ווערען שטאַרקער אין דעם שאַרפען קאַמף געגען אַלץ וואָס האָט אָפּגעלעבט און האַלט אין אָפּשטאַרבען.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו באַטראַכטען די פילאָזאָפיע געגוי. איך וויל דאָ נאָר אָנמערקען דעם אונטערשייד צווישען איהר און יענע „ערהאַבענע" באַגריפען וואו דאָס וואָרט „געזעץ" שפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע און איז אימער פאַרבונדען (אַסאָציאַטיוו) מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ „פּריקאַז", פון אַ רעגירונגס־פאַראָרדנונג. אויך איז דער אונטערשייד שאַרף צווישען איהר און אַלע אַנדערע באַרוהי־גענדע „ערהאַבענהייטען". די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע באַ־טראַכט דאָס צאַפּעלדינע לעבען, און רופט אַקטיוו אָן אַנטייל צו נעמען אין דעם. מיר אַלע — די פּאַרטיידיגער פונ׳ם פּראָלעטאַ־רישען שטאַנדפּונקט — זיינע די נייע פילאָזאָפען אַלץ איינס, צי מיר זיינען מעהר טעאָרעטיקער אָדער פּראַקטיקער.

און אָט די פילאָזאָפיע פון לעבען, וואָס קאָכט און ברויזט אָט אויף אונזער זינדיגען ערד־קוגעל, און ניט זי רוהט ערגעץ אין די הויכע „ערהאַבענע" עולמות, ווענדען מיר אָן אויף אַלע געבי־טען פון דעם לעבעדיגען לעבען. מיר טראָגען אריין די ליכט פון אָט דער לעבענס־פילאָזאָפיע אין אַלע טונקעלע און פאַרוואָרפענע

ווינקלעך פון דער ווירקליכקייט. אָבער אויך באַנוצען מיר דעם שאַרפען מעסער פון דער דאָזיגער פילאָזאָפיע אויף צו צוגלידערען אַלע אַזוי גערופענע „הויכע“ וועלטען פון „וויסען“, פון „דענקען“, פון שאַפען. יאָ, די מאַרקסיסטישע אָדער די פּראָלעטאַרישע פּי־לאָזאָפיע האָט שוין גאָר אַן ענגע שייכות מיט'ן לעבען. זי איז געקנאָטען פון דעם טויג פון לעבען. זי שניידט אויף און דאַבוואָוועט זיך ביז צום גרונט פון אַלץ וואָס לעבט און איז וויכטיג פאַר די שאַפענדע פּראָצעסען פון לעבען. די „פּאַטענטירטע פילאָזאָפיע“ פון די באַרוהיגער האָט קיין שייכות ניט מיט'ן לעבען. א ו נ ז ע ר פילאָזאָפיע איז דאָס לעבען, דאָס לעבען קאָנצענטרירט און אָפּ־געשפּיגעלט אינ'ם געדאַנק, — דעם געדאַנק, וואָס שפּיעלט די ראָל פון אַ קאָמפּאַס, פון אַ וועג־ווייזער אינ'ם לעבען.

דער זינגער פון פינסטערניש — ל. אַנדרעיעװ

איבערזעצט — י' נאַרניצקי

וועגען דעם זינגער פון פינסטערניש

פיער ערצעהלונגען פון ל. אנדרעיעוו

דער רוסישער קריטיקער הערר טשוקאָווסקי איז אמאָל געווען געגנוג אונפּאַרזיכטיג ארויסצוזאָגען וועגען אנדרעיעוו'ס „עלעאזאר" אָט וואָס:

„די גאַנצע ,פרייע' (מאָדערניסטישע — בריוסאָוו, ביעלי, מערעזשקאָווסקי, א. אז. וו., אויך אנדרעיעוו) רוסישע ליטעראַטור איז אָנגעפילט מיט איין געפיהל — דעם שרעק פאר'ן טויט. אייניגע זאָגען דאָס ארויס, אנדערע בעהאלטען דאָס. אָבער די אַקס, ארום וועלכע די פרייע ליטעראַטור דרעהט זיך, איז דער שרעק פאר'ן טויט. ווען טאָלסטאָי'ס איוואַן איליטש האָט פאר'ן טויט אויסגעשריען ,או—או—או!' האָט ער אמבעסטען אויסגעדריקט דעם עצם פון דער ליטעראַטור פון ריינער קונסט, וואָס האָט זיך באפרייט פון דער סאָציאַליסטישער העגעמאָניע, וואָס איז ניט סאָציאַל און מעטאַפיזיש. ווער עס וועט העכער שרייען ,או—או—או!' דער וועט זיין דער ערשטער אין דער רוסישער ליטעראַטור. און כאָטש אנדערע שרייען אויך גענוג מיט אלערליי קולות, אָבער העכער פון אלעמען וואָיעט דערוויל לעאָניד אנדרעיעוו".

איז אָט צו וואָס די „נייע שרייבער", די „זיעגער" האָבען דאָס געקעמפט פאר פרייהייט! אָט וואָס זיי האָט דאָרט ערוואַרט, אין דעם לאַנד פון פרייער שעהנהייט: אראָפּלאָזען די עקען, אויפהויבען די נעז צו דער לבנה, קלאַפּען מיט די צייהן און וואָיען: „או—או—או!"

שפּינאָזא האָט געזאָגט: „א פרייער מענש קלערט וועגען קיין זאַך ניט אזוי וועניג, ווי וועגען טויט". שפּינאָזא וואָלט געווים געשטעמפעלט ווי פייגע קנעכט די הערערן מערעזשקאָווסקי, בערדיאַעוו און... דעם גרעסטען קרבן פון זיי אלעמען — אנדרעיעוו.

לעבען איז אַ פּראָלעטאַרישער פּרינציפּ. אַזוי איז דאָס שוין אויסגעקומען. די אַלטע מערב אייראָפּעאישע בורזשואַזיע האָט אַזוי ווייט איבערגעלעבט זיך אַליין, אַז איהר רוסישע שוועסטער הויבט אָן איהר לעבען פון אַ רעקוויעם און קלייבט אויס פאַר איהר וויגעל דעם קבר. די בורזשואַזע „פרייע" קונסט איז — דער טויט.

אָבער מיר ווילען אונטערשיידען. די הערדען מיסטיקער ווילען אָפּנארען דעם טויט מיט מעשות! וועגען אַ לעבען נאָכ'ן טויט. אַנדרעיעוו איז אַן עהרליכער פּעסימיסט. זיין „או—או—או!" איז ריין און נאַקעט. דאָס איז אַ גרויסער פאַרדינסט. דאָס קען מען אַכטען. אַנדרעיעוו האָט שוואונג. ער האָט זיך פאַר־גומען צו פאַרניכטען אַלץ. ער איז ווי אַן ערדציטערניש. דורך סאַוואַ'ן האָט ער געזאָגט, אַז דעם מענשליכען מין קען מען ניט אויסבעסערען, און אַז מען דאַרף איהם אויסראָטען. נאַטירליך, אַנדרעיעוו'ס פאַרניכטונג איז נאָר אויפ'ן וואָרט, די אויסראָטונג איז אַ ליטעראַרישע, אָבער ווערטער זיינען אַ שטאַרקער גיפט, און אַנדרעיעוו פאַר'סמ'ט דאָס לעבען, אויפדעקענדיג אַלץ.

זאָלען מיר צוליעב דעם האָבען צו אַנדרעיעוו'ן טענות? געוויס ניט. אין לעבען איז פאַראַן אַזוי פיעל, וואָס איז קראַנק, שטאַרבט אָפּ, פוילט, אַז מיר דאַנקען דעם שליח פון טויט, דעם קברן לעאָניד אַנדרעיעוו. אין דער צייט ווען אַנדערע, פיהלענ־דיג דעם אָטעם פון פעסט אַרום זיך, גיבען זיך איבער צו עקעל־האַפטע אָרגיען און ווילען דערוואַרימען זייער אָפּגעקיהלטע זינ־ליכקייט מיט אומנאַטירליכער געשלעכטליכקייט, סאַדיזם און עהנלי־כען שמוץ; אין דער צייט ווען נאָך אַנדערע צינדען אָן ליכט און לאָזען רויך צום הימעל און צו די מיטמענשען אין די אויגען, שטאַמ־לענדיג פּסאַלמען און דרשות, — געהט לעאָניד אַנדרעיעוו אום אין אַ לעדערנער מאַסקע, אַ שוואַרצער און אַ שרעקליכער, מיט אַ האַק אין האַנט, איבער די גאַסען פון די שטעדט, שטעלט זיך אָפּ ביי הויפענס טויטע און האַלב־טויטע קערפּער, טראָגט אַוועק דאָס צופוילטע פליישׁ אין אַ גרויסע גרוב, באַגיסט זי מיט וואַפּנע, באַגראָבט. אויב ער וועט דערביי נאָך אַ זשיפּענדיגען דערשלאָ־

גען מיט זיין פעסט האקען, איז אויך ניט קיין אונגליק! פאַר־ברענט די טויטע קערפער. רייניגט דאָס לעבען.

אזוי פיעל איז אין לעבען פאַראַן וואָס איז שוואַך, אַלט, אַז מיר וואָלטען געדאַרפט דאַנקען דעם צושטערער. ווען אייניגע באַפוצען די רואינען מיט פאַפּירענע רויזען און העלע שמאַטעס; ווען אַנדערע באַשפּריצען די רואינען מיט דעם הייליגען וואַסער פון ספּיריטואַליזם, — געהט אַנדרעיעוו אום מיט אַ האַק אין די שטאַרקע הענט: אַ קלאַפּ דאָ, אַ קלאַפּ דאָרטען, און די רואינען מיט די באַפּוצונגען צופאַלען אין שטויב... צושטערט, צושטערט מיט'ן האַק און מיט פייער. אזוי דאַרף מען. פון דעם אַלטוואַרג איז ענג געוואָרען. די שלוחים פון טויט טוען זייער ניצליכע און נויטיגע אַרבייט.

אָבער אַנדרעיעוו איז ניט נאָר אַ קברן, ער וויל זיין אַ מער־דער. ער איז ניט נאָר אַ צושטערער, ער וויל זיין אַ הערֺאָסטראַט. ער קאָן דאָך ניט ניט זעהן צווישען די פאַרפרעסטע הערצען און דאָ־מען אויך אַנדערע געזיכטער, ענערגישע אויגען, וואָס קוקען פאָרווערטס, ערנסט צונויפגעלעגטע ליפּען, וואָס נעמען זיך פאַ־נאַנדער פאַר אַ שטראַלענדען שמייכעל; ער קאָן דאָך ניט ניט זעהן שטאַרקע ברוסטען, וואָס ציטערען ביי דעם קלאַפּען פון אַ געזונטען האַרץ, הענט געזונטע פון אַרבייט, ניט אויסגעדאַרטע היפטען. ער מוז דאָך הערען נייע מאַרשען, די דערוויייל ניט הויכע מוזיק פון דער צוקונפט. ער מוז דאָך שפּירען די דופטען פון דעם צוגע־זאָגטען פריהלינג. אַמאָל ווייזט אויס, ווי ער וואָלט אָן ענטציק־טער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אָט די מענשען (טרייטש און אַנדערע פון „צו די שטערען"). באַלד אָבער דערמאָנט ער זיך און כמו־רעט זיך אָן. און ער, אַ מענש אין אַ פעסט קלייד, מיט אַ פעסטע האַקען, וויל זיך צו'גנב'ענען פון הינטען און אַריינשטעכען אַ מע־סער אין רוקען דעם, וואָס וויל ניט שטאַרבען. פאַר זיין טרי־אומף דאַרף מען אַלץ און אַלעמען אַריינוואַרפען אין גרוב. לי־טעראַריש, נאַטירליך. אין דעם באַשטעהט זיין גרויסקייט. זיך פאַרבייגעטראָגען, הייסט דאָס, ווי אַ שטורעם איבער דער ערד און איבערגעלאָזען הינטער זיך אַ וויסט.

ביי דער זייט פון די רואינען בויט זיך ביסלעכווייז דאָס

נייע. דאָס נייע וועט וואַקסען, ניט קוקענדיג אויף די אַלע אַנ־דרעיעווס פון דער וועלט. און דאָס מאַכט בייז און בעאונרוהיגט אונזער שרייבער. און אַלץ אָפטער נעמט ער זיך צועסען די יסודות פון דער מענשהייט, אַלץ אָפטער פּראָוואָט ער אויפטרייסלען די גאַנצע ערד. ער שוויצט, צוברעכט די צייהן און באַווייזט זיין מאַכטלאָזיגקייט. ער קען נאָר ניט פאַרשטעהן, אַז ער איז באַשאַ־פען צו באַגראָבען דאָס טויטע צוליעב דעם לעבעדיגען, ליקווידי־רען דעם הערבסט צוליעב אַ נייעם פריהלינג. ער האָט אויסגעלאָ־שען די רויכערענדע ליכט, וואָס אַ פאַלשע קולטור האָט אָנגעצונ־דען, האָט צוטראָטען דעם פאַקעל פון אינדיווידואַליזם, דאָס כלומרשט היילענדע פייערל פון רעוואָלוציאָנערען ראַציאָנאַליזם, און ער וואָלט גערן אַרויפגעלעגט אַ שוואַרצען אַבאַזשור אויף די ווערק פון לעבען גופא. אָבער דאָ קומט שוין נאָרנישט אַרויס. אומעטום געלינגט איהם צו פאַרוואַנדלען אין פינסטערניש נאָר דאָס, וואָס האָט געלויכטען מיט אַ פאַלשען ליכט, און כעמיש רייניגען דאָס ליכט פון אמת. אזא איז אַנדרעיעוו. און זיינע לעצטע פיער ערצעהלונגען זיינען זעהר באַלעהרענד אי אין דעם גוטען, אי אין דעם שלעכטען, אין דער שטאַרקייט, ווי אין דער שוואַכקייט זייערער.

2. עלעאַזאַר, אָדער וועגען טויט און תחית המתים.

איך האָב באַגריסט „דאָס לעבען פון אַ מענשען“, ווי אַ שטאַרקען קלאַפּ פאַר דעם אילוזאָרישען אינדיווידועלען גליק. אין דערזעלביגער צייט האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, צי ל. אַנ־דרעיעוו מיינט ניט צו פאַרשפּרייטען זיין קריטיק פון מענשליכען לעבען אויף דאָס לעבען פון דער מענשהייט? אַ סך זאַכען האָ־בען מיך געפיהרט צום שלוס, אַז דאָס איז אַזוי. אָבער אַזאַ פאַר־שפּרייטונג האָב איך ניט געהאַלטען פאַר געזעצמעסיג, ווייל דאָס וואָלט פאַרוואַנדעלט דעם רעלאַטיווען פּעסימיזם, וואָס צושטערט די אינדיווידועלע אילוזיאָנען, אין אַן אַבסאָלוטען פּעסימיזם.

„עלעאַזאַר“ גיט אַ דירעקטען ענטפער אויף מיין פראַגע. אין אויגוסט׳ס פיגור האָט אַנדרעיעוו באַשאַפען אַ מענשען, וואָס לעבט מיט היסטאָרישע האָריזאָנטען, אַ העלד פון דעם מין, אַ מאַקסי־

מאָל לעבעדיגען מענשען. און סוף כל סוף האָט זיין באַגעגניש מיט דעם הערזאַלד פון טויט, עלעאַזאַר, זיך געענדיגט מיט אַן אינערליכען ברוך אין אָט דעם טיטאַן פון לעבען. נאָר קינדער האָבען ניט מורא פאַר עלעאַזאַר'ן. אָבער קינדער זיינען דאָך ניט קיין מענשען. אין „עלעאַזאַר" האָבען מיר דעם שרעק פאַר'ן טויט אין זיין ריינסטער פאָרם, דעם „או—או—או!" אויף די העכסטע, האַרצרייסענדסטע נאָטען.

וואָס אַנבעטרעפט דאָס פאַרשפּרייטען פון דעם שרעק פאַר טויט אויף מענשען, וואָס טראָגען אויף זיך די לאַסט פון דעם מין, וועל איך ווענען אָט דער נעגאַטיווער און שוואַכער זייט פון דער ערצעלונג דאָ ניט רעדען. אָבער „עלעאַזאַר", ווי אַ סימבאָל פון דעם, וואָס טויג ניט פאַר'ן לעבען, כאָטש ער איז ווידער לעבעדיג געוואָרען, האָט אויך זיין אינטערעסאַנטע און באַלעהרענדע זייט. איך דערמאָן זיך דעם וואונדערליך שעהנעם חלום פון דעם זאַנדערבאַרען און הויך באַגאַבטען דייטשען פּאָעט ריכאַרד דעמעל. איך וועל דאָ איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דעם חלום.

דעם פּאָעט חלום'ט זיך, אַז ער שטעהט אין אַ ניש פון אַ גרויסען קאַטעדראַל. פון רונדען קופּעל גיסט זיך אין אַלע זייטען אַ מאַטער שיין. אין די נישען צווישען די פיעלפאַרביגע קאָלאָנען שטעהן סטאַטועז פון ווייסען מירמעלשטיין פון מענער און פרויען. און דער פּאָעט אַליין איז אַן אונבאַוועגליכע סטאַטוע, אָבער אַ דענקענדע און פיהלענדע. און אָט די אָרימע מענשליכע סטאַטוע פיהלט, אַז איהרע הענט זיינען העסליך, באַדעקט מיט מאַזאָלעס, מיט צושפּאַלטענער הויט, עהנליך צו קרעבסען, אַז איהר ברוסט איז איינגעפאַלען, ביינערדיג, דער רוקען אויסגעבויגען, דער פּנים איז באַדעקט מיט קנייטשען און געשווירען, אויפ'ן קאָפּ איז ניטאָ קיין האָר. אַ מיזעראַבעלע סטאַטוע, פול מיט רעאַליזם, אַ טרויעריג בילד פון אַ מענשען, וואָס איז צודריקט געוואָרען פון אַרבייט, זאָרגען, אָרימקייט און איהר קינד — שיכרות. און איננמיטען קאַטעדראַל שטעהט אַן ארון, דורכזיכטיג, ווי ער וואָלט געווען געמאַכט פון אייז. אין דעם ארון רוהט קריסטוס, אַ ווייסער, אַ ליעבער, אַ טויטער... ניין, ניט טויט. אָט האָבען זיך געעפענט די ליפּען, די האַנט האָט זיך אַ ריהר געטאָן. און עס

האָבען זיך געעפענט די שעהנע בלויע אויגען. געעפענט זיך — און וואונדערליך ליכטיג איז געוואָרען אין טעמפּעל, ווי ער וואָלט אינגאַנצען אָנגעפילט געוואָרען מיט בלויע, לעבעדיגע שטראַלען. קריסטוס האָט זיך אויפגעשטעלט — און פון ערגעץ האָט גע־שטראָמט אַ צאַרטע און פייערליכע, פריידיגע און ציטריגע מוזיק. און קריסטוס איז צוגעקומען צו דער ערשטער פּאָר מאַרמאָרנע סטאַטועז, און זיי זיינען לעבעדיג געוואָרען און זיינען אַראָפּגע־גאַנגען פון זייערע פּעדעסטאַלען, האָבען זיך צוקושט און זיינען גע־גאַנגען נאָך קריסטוס׳ען. און ער האָט גענומען אַרומגעהן דעם טעמפּעל. און די וואונדערליכע פיגורען זיינען אַראָפּגעגאַנגען, נאָכגעגאַנגען איהם און האָבען געזונגען. אַלץ העכער איז געוואָ־רען זייער ליעד און אַלץ לענגער זייער רייה. און אָט שטעהט קריסטוס ביים פּאָעט׳ס ניש. דאָס אָרימע האַרץ רייסט זיך צו איהם. און אַזוי שרעקליך איז, אַזוי פאַרשעמט איז ער, אַזוי פּיינליך איז איהם און טרויעריג. נו, צו וואָס דאַרף ער דאָס לע־בען, דער העסליכער, דער קריפּעל?

לאַנג האָט קריסטוס געקוקט אויף די סטאַטוע. אין זיינע בלויע אויגען האָבען זיך באַוויזען טרערען, און ער האָט געזאָגט צווישען דעם אנשווינגען געוואָרענעם כאָר: „נאָך ניט געקומען דיין שעה“.

אָבער דעמעל איז ניט גערעכט. שנעל וועט זיך אויסגליי־כען דעם פּראָלעטאַריער׳ס רוקען, ווען די שעה וועט שלאָגען, ווען מיר, טויטע, וועלען ערוואַכען. אָבער וואָס איז תחית המתים פאַר דער בורזשואַזיע? פאַר רובעק׳ען איז דאָס געווען אַ נייער טויט. און איך וואָלט אין דעהמעל׳ס חלום פאַרביטען זיין סטאַטוע אויף אַ בילד פון יענעם הערצען מיט אַן אויפגעבלאָזע־נעם בליק, אָבער אַ לעדיגען קאָפּ און האַרץ, וואָס וויל איצט „פרייהייט“ און נאָך פערזענליכע אונשטערבליכקייט אויך.

צו וואָס דאַרף ער אַן אייביג לעבען, ווען ער ווייס ניט, וואָס צו טאָן אפילו מיט אַ צייטווייליגען? ווען עס וואָלט ניט געווען דער שרעק פאַר׳ן טויט, מיט וואָס וואָלט געלעבט זיין ליטעראַ־טור און פילאָסאָפיע? אייביגקייט! לייכט צו זאָגען: וואָלט ער זי געקענט אָנפילען, ווי ער פילט אַן אַ קורצען אויגענבליק —

מיט אַביסעל אויסגעלאַסענקייט, קאָרטענשפּיעל, געשעפטליך, קליי־נע זאָרגען, אַביסעל לעזען, אַביסעל שרייבען? און אומעט וועהט אַפּילו פון זייערע „באַגייסטערטע" טרוימען וועגען אייביגקייט. לויגט דען אייך אויפצולעבען, אָרימע עלעאַזאַרען? צוליעב וואָס וועט איהר דאָן בויען, שאַפען, ווען איהר קענט אַפּילו ניט אויס־קלערען אַן אידעאַל, וואָס איז העכער פון דעמזעלביגען אייביגען לעבען, פון דערזעלביגער פרייהייט פון שאַפען?

יע, קריסטוס איז ווידער לעבעדיג געוואָרען, אָבער מיט אייך וועט דאָס ניט געשעהן, און ווען קריסטוס וואָלט אַפּילו אייך שוין געמאַכט לעבעדיג, וואָלט איהר געוואָרען עלעאַזאַרס. באַלד וואָלט מען אויפגעהערט צו פרעהען זיך מיט אייער תחית המתים, און אַלע וואָלטען פאַרשטאַנען, אַז איהר לעבט אין מענשען'ס געדעכנים, ווי לערע צייכענס פון אַן איבערגאַנגס צייט. איהר האָט קיין זאַך ניט געדיענט און האָט נאָר געוואָלט לעבען, לעבען. לעזט איבער פער גילט. ער האָט אויך געוואָלט לעבען אום יעדען פרייז.

אפשר האָט אַנדרעיעוו ניט געקלערט וועגען אַזאַ שלום? מיר דוכט, אַז אַליין ניט וויסענדיג, האָט ער געשטעלט אַנטקעגען דעם אויפגעשטאַנענעם קריסטוס'ען, דעם העלד און טרעגער פון אַן אידעע — דעם אויפגעשטאַנענעם עלעאַזאַר, וואָס איז אַ נישטיגער קליינבירגער.

3. יודאַ, אָדער וועגען דעם ווערט פון דער מענשהייט.

„יענע הערדען" קאָקעטירען שטאַרק מיט קריסטוס'ען. אונ־זער הערדאָסטראַט איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען. ער, דער אַל־צושטערענדער שטורעם, האָט באַשלאָסען צו פאַרניכטען אויך קריסטוס'ען. ער דערגרייכט זיין אויפגאַבע אויף אַ זעהר קונציגען אופן. די ערצעהלונג „יודאַ איסקאַריאָט" (יהודה איש קריות) איז אַ ליטעראַרישער שעדעוור. אַנדרעיעוו איז צו קריסטוס'ען צוגע־גאַנגען גאַנץ אונערוואַרט אויף אַ זאַנדערבאַרען אופן. קעניג הור־דוס האָט סאַוואַ'ן אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער לינקער האַנט. סאַוואַ האָט פון יענער זייט קיין קלאַפּ ניט ערוואַרט און איז אומגעפאַלען. אַנדרעיעוו האָט קריסטוס'ען אויך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער לינקער

האַנט. איוואַן קאַראַמאַזאָוו האָט פּונקט אַזוי אַ קלאַפּ געטאָן גאָט, ווען ער האָט געזאָגט: „ניט גאָט נעם איך ניט אָן, נאָר די וועלט“. אַנדרעיעוו האָט געזאָגט: קריסטוס איז טאַקי גוט, אָבער די מענשען, צוליעב וועלכע ער האָט געליטען, זיינען שלעכט.

יודאַ, דער פאַרשטעהער פון באַאַס, דאַפּעלקייט, איראַציאָ־נאַליזם אין קאָסמאָס און גייסט, האָט געוואָלט באַווייזען און ה אָ ט ב אַ ו ו י ז ע ן קריסטוס'ען, אַז ער, קריסטוס, איז אַ דאָן קיכאָט. יודאַ איז ד אָ ך אַ סאַנטשאָ פּאַנסאָ, ד אָ ך אַ ברודער פון דעם אַפּאָסטאָל טאָמאַס אין געזונטען פאַרשטאַנד. קריסטוס איז גרייט צו ליידען פאַר די מענשען. די מענשען וועלען איהם באַשמו־צען, און אַנדערע, וועמען ער האָט געליעבט, וועלען נאָכדעם בליי־בען לעבען און וועלען ניט וואַגען פאַרטיידיגען זייער לעהרער.

אַנדרעיעוו'ס טעזיס קאָן פאָרמולירט ווערען אַזוי: איהר זאָגט — קריסטוס. אָבער גיט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ געמיינע באַשע־פּעניששען ער האָט געוואָלט ערלייזען. אפשר סימפּאַטיש, אָבער אָפּ־שטויסענד, ווייל דאָס איז ניט קלוג.

אָבער דער באַווייז האַלט ניט אויס קיין קריטיק. אַז די אַפּאָס־טאָלען, בעזונדערס פּעטער, האָבען זיך אין צייט פון קריסטוס'עס ליידען אויפגעפיהרט ניט זעהר שעהן, איז אמת. אָבער וואו האָ־בען זיי געזאָלט נעמען מוט? האָט זיי דען יעזוס ניט געלערנט צו צאָהלען מיט גוטס פאַר שלעכטס? און האָט ער ניט צוגעזאָגט איבער צעהן מיליאָנען מלאכים, וואָס דער פאָטער וועט שיקען אויף איין וואָרט פון איהם?

אמת, מיר באַגעגענען אין עוואַנגעליום אויך אַנדערע רייד:

„אַ צייט קומט אָן, ווען דער, וואָס האָט אַ קלייד, וועט בעסער טאָן, ווען ער וועט עס פאַרקויפען און קויפען אַ שווערד,“ — זאָגט יעזוס צו די תלמידים. אָבער דאָס איז געווען אין אַ מאָמענט פון צווייפעל, שוואַכקייט, וואַקלונג. אין דעם מארך פון דעם דעמאַגאָג פון גליל, וואָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אַלע זייטען, האָט זיך אין יענעם מאָמענט אפשר דורכגעטראָגען דער געדאַנק וועגען די אומגעקומענע זעלאָטען, וואָס פאָדערען נקמה. „האָט איהר ביי איך געוועהר?“ — האָט יעזוס געפרעגט. — „פאַ־ראַן צוויי שווערדען“, — האָט מען איהם געענטפערט. — „גענוג“,

— האָט יעזוס געענטפערט און אפשר דערביי טרויעריג געשמייכעלט. אויב דער איצטיגער פּראָלעטאַריאַט קוקט אויף מיט שרעק אויף זיינע „צוויי שווערדען", איז וואָס האָבען שוין געקאָנט טאָן די אַמאָליגע אָרימע פישער! מען האָט נעדאַרפט געפינען אַנאַנדער טאַקטיק. דאָס איז געווען — מאַרטירערטום, געדולד און טרייהייט צו זיך, צו די אייגענע פּרינציפּען. זי האָט שיעור ניט באַזיעגט די וועלט. זי האָט אפילו געזיעגט, אָבער פאַר דער צייט פון קאַמף האָט יענע נעץ פון מענשען־פאַנגער פאַרפלאָנטערט זיי אַליין, איז געווען אַ קייט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט גופא.

מאַכען פון דער פּאַסיוויטעט פון קריסטוס'עס עלף תלמידים אַ שלום וועגען דער געמיינהייט פון דעם מענשליכען מין — דאָס טויג ניט. אמת, דאָס עוואַנגעליום איז אַ שרעקליכע סאַטירע אויף די מענשהייט. און אַנדרעיעוו האָט נאָך די טעמא ניט ערשעפּט. אָבער די עוואַנגעלישע מענשהייט איז אַ טייל פון פּעבעל אין דער צייט פון צופאַלונג פון דער אַנטיקער געזעלשאַפט.

אַט ווען קראַטאָנ'ס דעמאָקראַטיע איז אַנגעפאַלען אויף דאָס הויז, וואו פּיטאַגאָראַס מיט זיינע תלמידים האָבען געהאַט אַ באַראַטונג, האָבען די תלמידים פון זייערע קערפּער געמאַכט אַ בריק פאַר זייער פאַרעהרטען לעהרער דורך די פלאַמען.

די געשיכטע איז פול מיט ביישפּיעלען פון העראָאיזם. איך לייקען ניט די טיעפקייט און שעהנקייט פון אַנדרעיעוו'ס ערצעהלונג, איך באַהויפּט נאָר, אַז דער ציעל איז ניט דערגרייכט געוואָרען. וויפיעל טויזענטער קריסטען זיינען אומגעקומען אויף די אַרענען פאַר קריסטוס'עס נאָמען? פּעטער'ס זינד איז אָפּגעוואַשען געוואָרען מיט דעם בלוט פון מאַרטירער. די מענשהייט, ווענייגסטענס איהר פּראָלעטאַרישער טייל, האָט געצאָהלט מיט ליעבע פאַר ליעבע, מיט געדולד פאַר געדולד, מיט בלוט פאַר בלוט. די מענשהייט איז אַ געמיש פון גוטס און שלעכטס, ווי יודאַ אַליין.

אַנדרעיעוו וויל אין אונז אויפוועקען אַ סימפּאַטיע צו יודאַ'ן און אַן אַנטיפּאַטיע צו דער מענשהייט. אומזיסטע מיה. שרעקליך, אומזיניג, אָבער אויך שעהן איז די געשיכטע פון אונזער מין. איז זי ווערט דאָס בלוט פון די מאַרטירער און העלדען? הערר אַנ־

דרעיעוו און יודא איסקאַריאָט מיינען, אַז ניין. די מאַרטירער און העלדען אַליין מיינען אָבער אַנדערש.

אויף באַטיטשעלי׳ס בילד שרייבט איין די מאַדאָנא דאָס ערשטע וואָרט פון דעם הימן צו איהר רוהם. מיר דוכט, ווי זי וואָלט געזאָגט: „גאָט, זוהן, דו זעהסט אַלץ פון דאַנען, פון די העכסטע הויכען. האָסטו דען ניט חרטה אויף דיינע און מיינע ליידען?" דאָס קינד ענטפערט: „ניין, מוטער".

און טרויעריג איז איהם, וואָס זי פאַרשטעהט דאָס ניט.

4. די קללה פון דער חיה און דעם מענשענ׳ס שעפערישער קאַמף.

אַנדרעיעוו׳ס ערצעהלונג „די קללה פון דער חיה" איז אינגאַנצען דאָפּעלט, ווי כמעט אַלץ, וואָס אָט דער שרייבער באַשאַפט. זיינע קינסטלעריש באַקליידעטע טעזיסען זיינען אַנגעמבאַר ביז אַ געוויסען פונקט, און ווייטער פון יענעם פונקט ווערען זיי פאַלש און נאָך דערצו ניט אָריגינעל, ניט קוקענדיג אויף די גאַנצע פּרעטענציעזקייט.

די ערצעהלונג איז געווענדט געגען דער גאַנצער מאָדערנער בורזשואזער, שטאָדטישער קולטור. און אַנדרעיעוו האָט געפונען אינטערעסאַנטע קללות, אינטערעסאַנטע שטראָפענדע בילדער. אָבער צו זיין אומגליק איז דער שטאַרקער צושטערער פון אינדיווידואַליזם אַליין אַן אינדיווידואַליסט, און ער וויל באַשולדיגען די קולטור הויפּטזעכליך פאַר איהר געזעלשאַפטליכקייט, קאָלעקטיוויטעט. און עס באַקומט זיך אַ פאַרדריסליכער פּלאָנטער.

נעמט, צום ביישפּיעל, דעם אויסגעצייכענטען עפּיזאָד מיט די אָדלערס. (די גאַנצע ערצעהלונג איז אַ רייה עפּיזאָדען פון אַ שפּאַציר, וואָס אַ ביז קריינקליכקייט עמפּינדליכער אינדיווידואַליסט מאַכט איבער דער גרויסער הויפּטשטאָדט). „איך האָב דערזעהן עפּעס, וואָס האָט מיך אָנגעפילט מיט עקעל און צאָרן. דאָס זיינען געווען אָדלערס און אָדלערינען. צעהן־צוועלף קעניגען און קעניגינען, איינגעשלאָסען אין אַ קליינעם אייזערנעם שטייגעל. פאַר זיי, די אומגעהויערע קעניגליכע פויגלען, מיט זייערע ברייטע פליגלען, איז דאָס שטייגעל געווען מאָנסטרעז קליין. און ווען

איינער פון די אומגליקליכע געפאַנגענע קעניגען האָט געפּרוּווט פליהען, וואָס פאַר אַן עקעלהאַפטע, מיזעראַבעלע אומאָרדנונג דאָס האָט אויפגעהויבען אין שטייג. דער אומגליקליכער האָט געשלאָגען מיט זיינע פליגלען איבער די אייזערנע ריטער, איבער דער ערד און זיינע חברים, האָבען זיי אַלע גענומען שרייען, זידלען זיך, קריעגען זיך, ווי מאַרק־הענדלערינס, ווי ווייבער, וואָס זיינען געקומען מיט זייערע טעפּלעך צו איין אויווען. זייערע הייזעריגע געשרייען, וואָס קלינגען אַזוי מעכטיג איבער די בערג שפּיצען, איבער דעם גרויסען אָקעאַן, זיינען דאָ געוואָרען ענליך צו די שכור'ע קולות פון בייזע, באַליידיגטע מענשען, וואָס געהען אויס פון בענקשאַפט, אומאָרדנונג, אומזין פון לעבען. איך ווייס ניט זייער שפּראַך, אָבער קלאָר און מיט עקעל האָב איך פאַרנומען זייער אומזיניגע זידלעריי, מיאוס'ע אָנדייטונגען, אָפּשטויסענדע קלאָגען זיך, ציניִשען געלעכטער.

„און דאָס זיינען געוועזן אָדלערס!

„ביי זיי אַלעמען זיינען געוועזן שמוציגע, אויפגעשויבערטע פעדערען, צובראָכענע פליגלען; זייערע ענערגישע שאַרפשנאָבעלדיגע פּנים'ער מיט די שאַרפע, אָדלערשע, הערשערישע אויגען האָבען אויסגעדריקט קליינליכע בייזקייט, אויפגערעגטקייט, נאַרישע קנאה. און נאָר ווייניגע פון זיי האָבען געפּרוּווט פליהען; די מעהרהייט אָבער, וואָס האָבען זיך צוגעוואוינט צו געפאַנגענשאַפט אָדער זיינען אפילו געבאָרען געוואָרען אין איהר, האָבען זיך שטאַרק געהאַלטען מיט די נעגעל אָן די שמוציגע פּלאַנקעס אָדער די אָפּגעהאַקטע צווייגען פון קורצע, איינגעבראָכענע שטאַמען פון בוימער; און ווען יענע האָבען געפּרוּווט פליהען, האָבען די בעאומרוהיגטע, אויפגעבראַכטע, גענומען שרייען, זידלען זיך כעס'דיג, אפשר רופען פּאָליציי אויך. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן, ווי די פליהען, און איך האָב גענומען וואַרטען און — זיך דערוואַרט: זיי זיינען ניט געפלויגען, נאָר געשפּרונגען מיט קורצע שפּרונגען, ווי גרויסע שפּאַרבערס, ווי היהנער אין אַ שטאַל.

„און דאָס זיינען געוועזן אָדלערס!"

שעהן. שטאַרק. אָבער איהר פיהלט, אַז אַנדרעיעוו'ס צאָרן און עקעל זיינען געווענדט ניט וואוהין מען דאַרף. ווען ער וואָלט

נאָר געוואָלט אויפגעבראַכט ווערן אויף די גראָבע גוואַלדטאַט פון קולטורעלע פּראָפּעסאָרען, וואָס האָבען פאַרשפּאַרט צוועלף קעני־גען און קעניגינען אין אַ שטייג, וואָלט דאָס געווען איינפאַך, אָבער אַ ביסעל פלאַך. אַ סימבאָלישער פּאַראַלעל איז נויטיג. די ענגקייט, אומלאָגישקייט, אָרימקייט פון דער בורזשואַזער קול־טור ברענגט דען ניט אום די אין עצם גרויסע מענשליכע נאַטור? אָבער אַנדרעיעוו געהט מיט זיין סימבאָל טיעפער, נעמט דאָס אַלגעמיינע: „די באַליידיגטע מענשען געהען אויס פון דער ענג־שאַפט, אומאָרדנונג און אומזין פון לעבען דערפאַר, וואָס זיי האַלטען זיך צוזאַמען; נאָר ווען מען איז איינזאַם, אָפּגעזונדערט, קאָן מען פאַנאַנדערשפּרייטען די פליגלען, אויסוואַקסען אין דער גאַנצער הויך.“

דער טעזיס ווייזט אויס צו זיין טיעף. אין דער אמת׳ען איז ער פאַלש, באַנאַל און אויבערפלעכליך. דאָס לעבען איז אומזיניג ניט ווייל עס איז קאָלעקטיוו, נאָר ווייל עס איז שלעכט אָרגאַני־זירט. ווי אין אריסטאָטעל׳ס צייטען בלייבט דער מענש אַ געזעלשאַפטליכע חיה. די שטאָדט, אויף וועלכע אַנדרעיעוו פאַלט אָן, איז העסליך, שמוציג, אָבער זי טראָגט אין זיך אומגעהויערע קרעפטען און צוזאָגען. אַנדרעיעוו פאַרשטעהט זיי ניט, ווייל זיי ניט זעהן. אָבער פאַרגלייכט אַנדרעיעוו׳ס שטאָדט מיט דער שטאָדט פון ווערהארן.

נאָך אַן אויסגעצייכענטער עפּיזאָד. דער וואַנדערער טרעפט אָן אַ קינד, אַ קליין מיידעלע. נאָך קיינמאָל האָט ער ניט געזעהן אַזאַ פּאָלקאָם מענשליך קינד, און אַ געפיהל פון שטילער, גרענצ־לאָזער פרייד הויבט זיך אויף אין איהם. דאָס וואָלט מען גאָר ניט געקענט ערוואַרטען פון דעם פינסטערען אַנדרעיעוו, וואָס געהט אום מיט דעם פעסט־האַקען.

דער דערצעהלער געהט נאָך נאָך דעם קינד.

„ביי איינעם פון די זייטיגע שטעגעלאַך איז אַן אייזערנע, ניט הויכע שטייג, און אין איהר אַן אָוואַלער באַסיין, אָנגעפילט מיט לעבליכען, שמוציגען וואַסער. עפּעס אַ גרויסער קערפּער באַוועגט זיך אין וואַסער אונטען. דאָס מיידעלע שטעהט אין אַ קעניגליכער פּאָזע און ווערט נעדולדיג, גרויסמוטיג, רוהיג.

„און אָט באַווייזט זיך ע ר. ער בלייבט שטעהן, ווי אַ סטאַטוע, און קוקט אויף דאָס קינד מיט זיינע וואונדערליכע, מיס־טישע אויגען, גרויסע, שווארצע, אָהן ברעמען, קוקען זיי, ווי ברייט אָפענע שווארצע פענסטער, מיט אַן איינפאַכער און מאַיעס־טעטישער אָפענהערציגקייט פון אַ טויזענדיעהריגער, ניט אויפ־געקלערטער געהיימניס. און אַזוי שטעהען זיי און קוקען — אַ קעניג אויף אַ קעניג.

„איך הער אַ צאַרטע, פאַרליעבטע שטים:

„ — ליעבער, ליעבער.

שטיל.

„— ליעבער, איך ליעב דיך אַזוי.

שטיל.

„איך בין אוועקגעגאַנגען פון זיי אויף די שפּיץ פינגער, מורא האָבענדיג זיך אומצוקוקען, ווי אַ נאַרישער שפּיאָן, וועמען מען האָט געכאַפּט ביי עמיצענס הייליגע טירען. לאַנג האָב איך דאַן געוואַנדערט איבער די אַלעען, אָן אויפגערעגטער, אָנגעפילט מיט פרייד, און האָב אַזוי פאַרזיכטיג זיך געטראָגען, ווי איך וואָלט מורא געהאַט אויסצוגיסען עפּעס זעהר ווערטפולעס."

דאָס איז אַזוי ווארים, פּאָעטיש, ריהרענד און האָפנונגספול. אָבער אַנדרעיעוו מיינט דאָ ניט, אַז דער מענש וועט זיך אומקערען צו דער נאַטור ד ו ר ך ק ו ל ט ו ר. ניין, ער וויל זיין קינד א וועקשטעלען אנטקעגען דער שטאָדט, צו רופען ניט פאָראויס, נאָר צוריק.

אַ בילד פון דער שטאָדט גופא גיט אַנדרעיעוו, מאָלענדיג די עהנליכקייט פון די מענשען, די נארישע פּסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע. צייטענווייז איז דאָס גאַנץ שאַרפזיניג. צייטענווייז פּע־ליעטאָנמעסיג. אָבער בכלל קומט דאָס אַרויס אַ סך טויטער, ווי צום ביישפּיעל, אין פּאָ'ס „דער מענש פון דער מאַסע" און אין זיינע בילדער פון דער צוקונפטיגער איבערבאַפעלקערונג פון דער ערד. אין די מויערען, וואָס שטעהען צווישען מענשען און נאַטור, זיינען זיי אַ סך שוואַכער געמאָלען, ווי ביי ווערהאַרן'ען.

אָבער דאָס אַלץ איז נענוג, צו מאָטיווירען די צענטראַלע

סצענע פון דער קללה פון דער חיה. די סצענע איז די שטאַרקסטע און אָנגעשריבען אויסגעצייכענט.

„עס האָט זיך באַוויזען אַ טונקעלער, גליטשיגער רוקען, אַ פּאָר אומרוהיגע, נעבראָכענע באַוועגונגען, אַ שווערער, ליידיגער זיפץ, אַ הירזשען — און אויף דער אויבערפלאַך האָט זיך באַוויזען דער, וואָס האָט געשריען, האָט זיך אומגעקערט, שווער אָפּגעזיפּצט און האָט באַוויזען זיין העסליך געזיכט. ער איז, ווייזט אויס, געווען אַלט, זעהר קראַנק און האָט באַלד געדאַרפט שטאַרבען. ער האָט ניט געקוקט אויף אונז, נאָר אַ סך ווייטער.

„און דאַן האָט ער ווידער גענומען שרייען, מיט אַמאָל, מיט דער גאַנצער פולקייט פון דעם ווילדען, אומערהערטען אויסגעשריי. און מיט אַמאָל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער שילט דאָס, שטעהט אין זיין שמוציגען מולטער, אינמיטען פון דער גרויסער שטאָדט, פאַר עטליכע הערען, און שילט מיט דער טירישער קללה אי די שטאָדט, אי די מענשען, אי די ערד, אי דעם הימעל.“

די חיה פאַרשילט „אי די ערד, אי דעם הימעל“. פאַרוואָס? דאַרף דער מענש געהן זיך לערנען ביי דער חיה, וואָס האָט אייגענטליך ניט קיין הימעל, ווייס נאָר פון איהר וועהטאָג, צו שילטען אַלץ? און פאַרקערט, מען קאָן דאָך דער חיה'ס קללה פאַרשטעהן גאָר ווי אַ ק ל ל ה פ ו ן ד ע ר נ אַ ט ו ר!

דאָס, וואָס איז דער שטאָלץ פון מענשען, עקזיסטירט ניט פאַר אַנדרעיעוו'ן. ער שיקט דעם מענשען זיך לערנען ביי דער חיה מיזעראַבעלע און פּרוכטלאָזע קללות!

5. פינסטערניש, אָדער וועגען דעם מעטאַפיזישען בונט.

אַנדרעיעוו'ס ערצעהלונג „פינסטערניש“ איז אַלעמען בעקאַנט. די גאַנצע קריטיק איז אפילו איינשטימיג, אַז די גאַנצע ערצעהלונג איז צוגעטראַכט, אָנגעצויגען און בכלל ליטעראַריש שוואַך, אָבער טומעל האָט מיט איהר אַנדרעיעוו אָנגעמאַכט אַ סך.

ווידער, ווי אין „סאַוואַ“, קומט דאָ אַנדרעיעוו צו דער טעמאַ וועגען רעוואָלוציע. זי לאָזט איהם ניט רוהען. אין „קעניג־הונגער“ וועט ער זיך פאַרנעמען מיט איהר גרינדליך.

אין „פינסטערניש“ ציטערט אַ בייזע סאַטירע אויף דעם רע־

וואָלוציאָנער. מיר וועלען צוליעב דעם ניט האָבען צו איהם קיין טענות. קיין זאַך איז ניט הייליג פאַר דעם קינסטלער־אַנאַליטי־קער.

אין „פינסטערניש" שלאָגט אַנדרעיעוו דעם רעוואָלוציאָנער פאַר זיין עטישע זעלבסטצופרידענהייט. זיין רעוואָלוציאָנער איז א העלד, וואָס ווייס זיין ריינקייט און הייליגקייט, און ער איז גליקליך. דאָס איז אַן אונאַנגענעמער, אָבער מעגליכער טיפּ. אמת, אין דעם כמעט פאַריסעאישען באַוואוסטזיין פון זיין הייליג־קייט דערגעהט אַנדרעיעוו'ס העלד צו דעם, אַז ער שרייט אין א פאַראָקסיזם פון צאָרן צו דער אָרימער פּראָסטיטוטקע: „שווייג, דו שכור'טע! ביזט משוגע געוואָרען! מיינסט, איך דאַרף האָ־בען דיין העסליכען קערפּער? פאַר אַזאַ, ווי דו, מיינסטו, האָב איך זיך אָפּגעהיט. שלאָגען דיך דאַרף מען!" — און האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דאָס איז א גראָבע איבערטרייבונג. קיין רעוואָלוציאָנער, דער גרעסטער אידיאָט אפילו, וועט צו אַזאַ זאַך ניט דערגעהן. אָבער מיר וועלען אַנדרעיעוו'ן פאַרגעבען אויך דאָס, ווייל דער צ י ע ל קאָן דאָ גערעכטפערטיגט ווערען.

„ — וואָס? — האָט ער געפרעגט, נאָך אַלץ א בייזער, אָבער נאָכגעבענדיג שוין דעם איינפלוס פון דעם רוהיגען, שטאָל־צען בליק.

„און שטרענג, מיט אַן איבערצייגענדיגקייט, הינטער וועל־כער עס האָבען זיך געפיהלט מיליאָנען צוטראָטענע מענשליכע לעבענס, אין א ים פון ביטערע טרערען, און א פייעריגער אונ־אויפהערליכער בונט פון צאָרן פון גערעכטיגקייט, האָט זי גע־פרעגט:

„ — וואָס פאַר א רעכט האָסטו צו זיין גוט, ווען איך בין שלעכט?"

נעמט אָן, אַז די פראַגע איז געשטעלט געוואָרען א מענשען, ניט דעם אידיאָט און פּסיכאָפּאַט. ער וואָלט געוויס געענטפערט אַזוי: „איך האָב פּונקט אַזוי וויניג רעכט צו זיין גוט, ווי דו — שלעכט, איך האָב פּונקט אַזוי וויניג רעכט צו זיין א בלאָנדין, ווי דו א ברונעטין. דאָ איז ניט קיין פראַגע פון רעכט. מיך

האָט דאָס לעבען געמאַכט פאַר אַ קעמפער, אַ רעפאָרמאַטאָר פון לעבען צוליעב איין. אומגליקליכע שוועסטער, און דיך האָט דאָס לעבען צובראָכען און אַריינגעוואָרפען אין שמוץ. דאָס איז אומ־גערעכט. אָבער איך קעמף טאַקע פאַר דעם, אַז אַזאַ אומגערעכ־טיגקייט זאָל אויפהערען. אָבער איך האָב קיין רעכט ניט צו באַריהמען זיך מיט מיין גוטסקייט, ווייל אין דעם מאָמענט הער איך אויף צו זיין גוט און ווער אַן אויסוואורף, אַן אמת'ער, ניט אַ קרבן, ווי דו."

און ווייטער ענטוויקעלט דער אידיאָט־רעוואָלוציאָנער דעם אמת, וואָס די אומגליקליכע פראָסטיטוטקע האָט אַרויסגעשריען — ענטוויקעלט ביז צו אַן אַבסורד.

„— ליובקאַ, טרינק!

„און ווען זי גיסט אָן, אַ פרעהליכע, אַ שטראַהלענדיגע, די גלעזלעך, שרייט ער אויס:

„פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער!

„דאָס איז פאַר יענע?" — פרעגט שטיל ליובאַ.

„— ניין, פאַר די, פאַר אונזערע! פאַר די אויסוואורפען, טוינעניכטסען, פייגלינגען, פאַר די פון לעבען צוטראָטענע. פאַר די, וואָס שטאַרבען פון סיפילים!

„די מיידלעך האָבען זיך צולאַכט, אָבער די דיקע האָט פויל אַרויסגערעדט:

„— נו, דאָס, טייערער, איז שוין צופיעל!

„— שווייג! — האָט אַ געשריי געטאָן ליובאַ: — ער איז מיין באַשערטער!

„... פאַר די בלינד געבאָרענע. זעהענדיגע! לאָמיר זיך אויסשטעכען די אויגען. ווען מיר קאָנען מיט אונזערע לאָמטער־נען ניט באַלייכטען די גאַנצע פינסטערניש, טאָ לאָמיר זיי פאַר־לעשען און אַלע זינקען אין פינסטערניש. טרינק, פינסטערניש!"

די צרה מיט אַנדרעיעוו'ן איז, וואָס ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט אַן איינפאַכען בונט, נאָר ער דערפיהרט איהם אַזוי ווייט, אַז ער קומט צו אַן אַבסורד און אַ באַנאַליטעט.

אָבער דער געזונטער לעזער וועט נעמען פון אַנדרעיעוו'ס

קריטיק דאָס, וואָס איז געזונט און וועט אָפּוואַרפען די „פילאָסאָ־
פיע פון דעם ניט קלוגען קליינבירגער.

6. פּ. ס. וועגען דעם קעניג הונגער.

אנדרעיעוו׳ס פּיעסע „קעניג הונגער“ באהאנדעלט דאָס פּראָ־
בלעם פון רעוואָלוציע אויף אַ קינדישען אופן. די פּיעסע איז
רויה. זי האָט מעלות און חסרונות, אָבער איך וועל זיך דאָ
אָפּשטעלען נאָר אויף איין חסרון — דעם אונמעגליך איינפאַכען,
כמעט פארלוימדערישען פּאָרשטעלען דעם ארבייטער קלאַס.

„דער ערשטער ארבייטער איז מיט זיין פיגור אַן אמת׳ער
הערקולעס. ברייטע פּלייצעס, אַ מאַסע מוסקולען אויף די הענט
און ברוסט. אַ קראַפט, וואָס דריקט שוין דעם מענשען אליין.
און אויף דער דאָזיגער פיגור — אַ קליינער, שוואַך־ענטוויקעל־
טער קאָפּ מיט אַ נידעריגען שטערען און געהאַרכזאַמע אויגען.

„דער צווייטער ארבייטער איז יונג, אָבער שוין קראַנק, ער
הוסט שוין. ער איז אי מוטיג, אי שרעקעדיג, שטאָלץ און באַשיי־
דען. ער שפּייט מיט בלוט און קוקט צום הימעל.

„דער דריטער ארבייטער איז אַ טרוקענער, פארבלאָזער אַל־
טער מיט אַ פארבלאָזער שטים.“

אָט זיינען די דריי הויפּט טיפּען פון מאָדערנעם פּראָלעטאַ־
ריאַט! איז דאָס אמת? צווישען דעם בונט פון די כוליגאַנעס
און דעם בונט פון די ארבייטער האָט אַנדרעיעוו געפונען נאָר
איין אונטערשייד: די כוליגאַנעס זיינען אביסעל באַוואוסטזיניגער.

די אַלגעמיינע אויפפאַסונג פון דער דראַמאַ איז שוואַך. דאָ
האָט די רעוואָלוציע זיך אָפּגעשפּיגעלט אין קאָפּ פון אַ קליינביר־
גער, מעג ער אפילו זיין אַ קינסטלער. דער הונגעריגער צושלאָגט
זיין קאָפּ אָן דעם רייכען׳ס קאַנאָן, דאָס איז אַלץ.

אַ פּאָר באַמערקונגען. די כוליגאַנעס טוען די רעוואָלוציאָ־
נערע ארבייט ביי אַנדרעיעוו׳ן צוזאַמען מיט די ארבייטער. דאָס
איז אַן אומבאַוואוסטזיניגער ליגען. די כוליגאַנעס זיינען אַלעמאָל
און אומעטום געווען געגען רעוואָלוציע. ווען די קאָמונע האָט גע־
הערשט, זיינען קיין פארברעכען ניט געווען. ווייטער: דאָס רע־

וואָלוציאָנערע פֿאָלק פֿארברענט די נאַציאָנאַלע גאַלעריע. דאָס איז אויך קיינמאָל ניט געווען.

אָט די פֿאַראייניפֿאַכונג פֿון דעם טראַגיזם פֿון רעוואָלוציע פֿאַר־דאַרבט די סימוואָלישע באַדייטונג פֿון אַנדרעיעוו'ס ווערק.

אַנדרעיעוו'ס גערעדאַנק איז אומעטום הילפֿלאָז, ווייל ער איז אַ קליינבירגער. זיין אָפּלייקענען אַלץ איז נאָר אַ באַשטעטיגונג. ער לייקענט ליכט, אָבער ער באַשטעטיגט פֿינסטערניש. אַנדערע זוכען ליכט, אָבער זייער קליינבירגערליכע נשמה פֿאַרוואַנדעלט דאָס ליכט אין אַ האַלב־ליכטיגקייט פֿאַר זיך.

דאָס אמת'ע ליכט אָבער איז די אידעאָלאָגיע פֿון דעם אַר־בייטער קלאַס. דאָס איז דאָס אמת'ע ליכט, און די פֿינסטערניש וועט עס ניט איינשלינגען!

מאַרקסיזם און קונסט — מ. גאָרקי

איבערזעצט — נ. בוכוואַלד

1. מאַרקסיזם און קונסט

מאַרקסיסטישע קונסט! הם, הם!!

מילא די נאַראָדניקעס זיינען נאָך ווי ס'ניט איז! רחמנות האָבען אויף דעם פריץ דעם בעל תשובה, באַשרייבען די ליידען פון דאָרף מיט טרערען פון מיטלייד און די איינגענאַרטיגע פויערשע גערעכטיגקייט מיט טרערען פון גערירהרטקייט; די אָפּקלאַנגען פון די אַמאָליגע פאָלקס־באַוועגונגען; די מאַרטירער פון דער רעליגיעזער שפּאַלטונג און סעקטאַנטסטווא. פון דער אנדערער זייט די אייזערנע העלדען פון טעראָר מיט הערצער ווייך ווי וואַקס, וואָס שרייבען סענטימענטאַלע פערזען זיצענדיג אויף אַ קעסטעל דינאַמיט — אָט די גוטע, אַלטע סענטימענטאַליטעט פון דער העלדישער ראָמאַנטיק... אָבער מאַרקסיזם!

אָט די טרוקענע לעהרע, אָט די שטאָהלענע דאָגמע, אין וועלכער אָביעקטיווע געזעצען הערשען איבער דער לעבעדיגער מענשהייט, אָט די דאָגמע מיט איהר עקאָנאָמישער מעטאָדע, איהרע אויסרעכענונגען, מיט דעם גאַנצען דרוק פון דייטשער ווי־סענשאַפט, וואָס האָט צוגעדריקט צו דער ערד די פּאָעזיע פון דעם ראָמאַנטישען סאָציאַליזם! וואו איז דאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר דעם קינסטלער זיך צו פאַנאַנדערוויקלען?

איז עס אָבער מעגליך, פון דער אנדערער זייט, אַז דער גרויסער קלאַס, וואָס האָט שוין פאַר זיך ערוואָרבען אַזוינע מוחות ווי מאַרקס און לאַסאַל און האָט זיי געהאָלפען בויען דעם פונדאַמענט פון זיין וועלט־אָנשויאונג, די האַרמאָנישסטע, און סינטעטישסטע וועלט־אנשויאונג, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט, זאָל ניט געווינען אויף זיין זייט אויך די קינסטלער און זאָל ניט העלפען זיי באַלייכטען די געגענוואַרט מיט דער העלער ליכט פון דער נייער פּראָלעטאַרישער קונסט?

דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַן אונטערדריקטער קלאַס, איז ניט אימשטאַנד צו בעשאַפען זיין אייגענע קולטור שוין איצט, אין דעם שוים פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זאָגט מען אונז.

גוט. אָבער קען ער ניט בעשאַפען, וועט ער ניט בעשאַפען, ווילענדיג ניט ווילענדיג, ש ו י ן א י צ ט דעם אָנהויב פון אַזאַ קולטור? דער בורזשואַזיע, זאָגט מען אונז, איז געווען גרינגער, אונטער אַ קלענערער מאָס פון נויט און אונטערדריקונג, אויפצושטעלען דעם פונדאַמענט פון איהר קונסט און איהר ווי־סענשאַפט, נאָך איידער זי האָט ענדליך טריאומפירט.

גוט. אָבער האָט די בורזשואַזיע געהאַט אַזוינע פיהרער ווי מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל? פאַרגענגער ווי סען־סימאָן? די גרויס־קייט פון אַט די העלדען פון פּראָלעטאַרישען געדאַנק ווערען בשום אופן ניט בלייך אין פאַרגלייך מיט דער גרויסקייט פון די וואָל־טערען און די מאָנטעסקיע. די עפּאָכע אַליין האָט דערהויבען די דאָזיגע זשעניען, וועלכע זיינען נישט קלענער אין קראַפט פון פריהערדיגע זשעניען, נאָך העכער און האָט זיי געגעבען אַ מעג־ליכקייט צו בעשאַפען עטוואָס פיעל גרעסערעס, ווי וואָלטעריאַנסט־ווע און ליבעראַליזם.

ווארום זשע קען דאָס זעלבע ניט זיין מיט דער קונסט? עס קען זיין, עס מוז זיין, עס וועט זיין! עס הויבט זיך שוין אָן. דער מאַרקסיזם ניט קודם כל דעם קינסטלער אַ באָדען פאַר אָן אייגענ־אַרטיגער, טראַגישער אויסטייטשונג פון לעבען.

דער עקאָנאָמישער שיקזאַל, וואָס צוברעכט עקזיסטענצען און בויט די געשיכטע — דאָס איז דער נייער באָדען פאַר אַ טיעפער טראַגעדיע, וועלכע דער ניט־מאַרקסיסט קען אָנצייכענען נישט־פאַרשטעהענדיג איהרע טיעפע אורזאַכען און וועלכע דער קינסט־לער־מאַרקסיסט קען בעלייכטען ביז דעם סאַמע באָדען. און גלויבט מיר, אַז די פאַרשיידענע קינסטלער, וועלכע האָבען געמאָלען די ליידען פון דעם פאַנאַנדערפאַלענדען דאָרף, האָבען, אמאָל אַליין ניט וויסענדיג, זיך געפונען דירעקט אָדער אינדירעקט אונטער דעם איינפלוס פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע. און אפילו אַז ניין, אפילו אויב דאָס לעבען אַליין און ניט מאַרקס האָט באַזעעלט זייער שאַפען, איז עס דאָך אמת, אַז זייערע ווערק פליסען אריין ווי קליינע טייכעלעך אין דעם גרויסען, ברייטען טייך פון דער פּראָלעטאַרישער אויסטייטשונג פון דעם דראָהענדען קריזיס, וואָס די וועלט לעבט איבער.

פאַר דעם קינסטלער־טראַגיקער און דעם וואָס שילדערט דאָס פאָלקס־לעבען איז נאָך אַלץ דאָ און עס וועט נאָך פאַר אַ לאַנגער צייט פאַרבלייבן אַ פרוכטבאַר פעלד אין דעם וואוקס פון קאַפּי־טאַל אין דעם קאַמף צווישן גרויס און קליין קאַפּיטאַל, אין דעם אונטערגאַנג פון די קליין־אייגנטימער, אין דעם פּראָצעס וואָס פאַרוואַנדלט זיי אין פּראָלעטאַריער, אין דעם קאַמף פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט פאַר אַ נייער וועלט, אין דער ווירקונג פון דעם דאָזי־גען קאַמף אויף אַלע קלאַסן און גרופּן פון דער קולטורעלער געַ־זעלשאַפט. אין דעם אַלעמען געפינט דער קינסטלער מאַטעריאַל און באַגייסטערונג פאַר פילע ווערק, פיל טיפערע פון די וואָס זיי־נען ביז אַהער באַשאַפן געוואָרן, און גראָד דאָס ליכט פון מאַרקס־יסטישען אַנאַליז וועט געבען דעם קינסטלער די מעגליכקייט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם קאָמפּליצירטען פּלאָנטער פון סאָ־ציאַלע פעדים. אָהן אָט דעם נייעם ליכט איז זעהר גרינג אריינ־צופאַלען אין מיסטיציזם, צו פאַרבייטען די סאָציאַלע אַנאַטאָמיע און פּסיכאָלאָגיע אויף גאַרנישט־זאָגענדען סאָציאַלען עקלעקטיזם, וואָס לאָזט איבער דעם קינסטלער ניט ווייניגער פאַרלאָרען און אומבאַהאָלפען אין זיין שאַפען, ווי דעם דענקער און פאָרשער אויפ'ן געביעט פון וויסען און ערקענטניס.

דער מאַרקסיזם, אַלס אַ וויסענשאַפט, ריכטעט די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם קינסטלער אויף די גרעסטע און וויכטיג־סטע ערשיינונגען פון לעבען, גיט איהם אַ מעגליכקייט אין זיי זיך צו פאַנאַנדערקלייבען, און דערצו נאָך גיט ער איהם אַ ליכטיגען אויסגאַנג, גאַראַנטירט איהם דעם שלום, אָהן וועלכען אַ טראַגעדיע איז יאָמער פון פאַרצווייפלונג און ניט אַ רוף און דערלייזונג.

אָבער דאָס אַלעס וואָלט נאָך ניט געווען גענוג, אום צו ריידען וועגען אַ נייער סאָציאַליסטישער קונסט. עס איז ניט גענוג אפילו דאַן, ווען מיר גיבען צו צו דעם אויך דעם געביט פון קינסט־לערישע אוטאָפּיען.

דער מאַרקסיזם איז ניט נאָר אַ וויסענשאַפט. דער נאָמען פון דעם גרויסען לעהרער, און נאָך מעהר — דער טערמין ווי־

סענשאַפטליכער אָדער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם קאָן אָנגעווענדעט ווערען אויך אויף דעם געבוי פון געפיהלען, אויף דער לעבעדיגער וועלט־עמפּפאַנגונג, אויף דער וועלט־אויסטייטשונג, וועלכע שטעהט ביי די סאָציאַליסטען זייט ביי זייט און ענג פאַרבונדען מיט דער וויסענשאַפטליכער, סאָציאָלאָגישער און פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג.

2. די נייע פּסיכאָלאָגיע.

דער גייסטיגער צענטער פון דער אַלטער וועלט, פון דער פריי־בירגערליכער געזעלשאַפט און איהר אידעאָלאָגיע, איז נעוועזן די פּערזאָן, דאָס קאָנקרעטע „איך". דער גייסטיגער צענטער פון דער נייער וועלט, פון דער קאָלעקטיוו־פּראָלעטאַריש־וואַקסענדער געזעלשאַפט און איהר אידעאָלאָגיע איז *דער מענש.*

— וואָס מיינט עס? אפילו ווען מיר זאָלען זיך שוין ניט גריבלען אין דעם שטויב פון יאָהרהונדערטער, האָט דען דער זעלבער קאַנט ניט אונטערשיידט צווישען דעם *מענשען,* דעם *אַבסטראַקטען מענשען* מיט זיין קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו און דער קאָנקרעטער פּערזאָן מיט איהרע פאַרגענגליכע ליידענשאַפטען, און האָט ער דען ניט געשטעלט דעם אַבסטראַקטען מענש העכער פון דער קאָנקרעטער פּערזאָן? געוויס, אָבער צווישען דעם אַלטען און נייעם באַגריף פון *מענש* ליגט אַ גאַנצער אָפּגרונט. אמת, אין קאַנט'ס פילאָזאָפיע ווערט אַנטקעגען דעם קאָנקרעטען *איך* געשטעלט דער מענש, אָבער אַלס אַן אַבסטראַקט, מעטאַפיזיש וועזען, אַלס דער טרעגער פון פליכט, פון די אַל־בינדענדע נאָרמען. ביי אונז, אין קאָנטראַסט מיט דער פאַרגענגליכער און באַגרענעצטער פּערזאָן, ווערט אַוועקגעשטעלט דער מענש, אַלס אַ טייל, אַלס אַ מיטאַרבייטער פון דער גרויסער ווירקליכקייט פון דעם מין, דער מענשליכער געזעלשאַפט אין דעם ברייטעסטען זין פון וואָרט.

דער קאָלעקטיוויסט שאַצט אין זיך דעם עלעמענט פון מענשליכקייט, שאַצט זיין אַרבייט, וואָס מאַכט רייכער דאָס אַלגעמיין אייגענטום, שאַצט זיין לעבען אַלס אַ מאָמענט אין דער געשיכטע, ער איז אַ היסטאָריש און געזעלשאַפטליך דענקענד און היסטאָריש

פיהלענד ווען, און דאס הייסט א מ ע נ ש. דער מענש איז א יחיד פון א מין; צוערשט איז ער בלויז א טיילווייזע ערשיינונג פון דעם מין, פארבונדען מיט איהם בלויז ביאלאגיש; דערנאך, אין דעם סאציאליסטישען באגריף, — א שטאלצער און באוואוסטזיניגער אויסדרוק פון דעם מין, אין צייט און אין רוים ארומגערינגעלט פון אנדערע יחידים, וועלכע גיסען מיט איהם צוזאמען זייערע אנשטרענגונגען אין אן אלץ מעהר הארמאנישען בויען פון דעם טעמפעל פון מעכטיגען לעבען.

צו לעבען א מענשליך לעבען מיינט צו זעהן און פיהלען די איינענע פארגאנגענהייט ביז צום סאמע טאג פון געבורט און די איינענע, די ר ע א ל־א י י ג ע נ ע, צוקונפט אויך נאך דעם טויט; דאס מיינט צו פיהלען זיך אלס א שטערבליך טייל פון דער אומשטערבליכער סטיכיע — דעם קאלעקטיווען לעבען.

דער פאקט פון מיטארבייטען אין די שוין פארגעזעלשאפטליכטע ארבייטס־פראצעסען פון דער מאדערנער אינדוסטריע; די קלאסען־סאלידאריטעט, וואס איז נויטיג אין דעם קאמף פאר דער פארבעסערונג פון דער אייגענער לאגע; דער באוואוסטזיין פון דער אייגענער גרויסער מיסיע; דער באגריף פון דעם בונד, וואס עקזיסטירט צווישען דער פאר־קאפיטאליסטישער, קאפיטאליסטישער און צוקונפטיגער קאלעקטיוויסטישער פעריאדע פון דער געשיכטע פון דער מענשהייט; דער באוואוסטזיין פון דער שעפערישער ליכטיגער ראל אין דעם דאזיגען גוואלדיגען פראצעס; פארשטעהן דעם אייגענעם אידעאל אלס דעם אידעאל פון אל־מענשליכער געשיכטע; מיטארבייטען אין דער פארניכטונג פון ראסען און קלאסען־שטרייט צווישען מענשען — דאס איז דער פונדאמענט, וואס ערלויבט דעם פראלעטאריער אזוי לייכט צו ערציהען, צו דער פיהלען אין זיך די נייע מענשליכע נשמה, צו פארבייטען דעם בלייכינקען, איינגעשלאסענעם קרייזעלע, דעם א י ך, אויף א פארשטעלונג פון א כוואליע אין מיטען ים, נאהענט און פארוואנדעט מיט אנדערע כוואליעס, ענג צוזאמענגעבונדען מיט זיי אין דער ברייטקייט פון רוים און אין דער טיעפעניש פון צייט, מיט איין ווארט — אויף דעם לעבעדיגען באגריף מ ע נ ש. ניט איך בין זיך טייער, זאגט דער סאציאליסט, נאר דער מענש אין מיר;

ניט דו — דער מענש אין דיר, און אין מיין אָריגינאַליטעט און אין דיינע אייגענאַרטיגע איינגענשאַפטען ליעב איך די נייע קלאַנגען און פאַרבען וואָס דיענען דער אומענדליכער ענטוויקלונג פון דעם קאָלעקטיווין מענשען.

אויב דער צענטער פון אונזער וועלט־אַנשויאונג איז אונזער א י ך, דאַן שטעלט זיך פאַר אונז אוועק, ווי אַ מורא'דיגע פראַגע, דער טויט, דער סוף פון דעם א י ך. וואָס פאַר אַן ענטפער וועט דער אינדיווידואַליסט געבען אויף דער פראַגע פון די אויסגישטשירעטע ציינער פון דעם סקעלעט?

„עס, טרינק און פאַרברייננ, און באַגראַב דיין פאַרצווייפלונג אין די מאָמענטאַנע גענוסען.“ אַזוי וועט ענטפערען דער ניהיליסט. „די נשמה איז אומשטערבליך, איך גלויב, איך גלויב אין דעם“, זאָגט דער מיסטיקער: „איך באַהאַלט מיין פאַרצווייפלונג הינטער דעם רויך פון ווייראַך־לעמפּלעך, איך בעט גאָט מיר צו העלפען אין מיין אומגלויביגקייט“. דער פּראָלעטאַריער דאַרף ניט דערנידערינגען זיך צו דעם ברוטאַליזירענדען ניהיליזם. אויך דאַרף דער פּראָלעטאַריער ניט זוכען קיין גאָט און קיין אומשטערבליכקייט. אַ מענש דאַרף קיין גאָט ניט האָבען. ער איז אַ גאָט פאַר זיך. פאַר דעם מענשען איז דער מענש אַ גאָט. און ער דאַרף אויך ניט האָבען קיין אומשטערבליכקייט, ווייל זיין אומשטערבליכקייט איז דאָס לעבען פון דעם מין און די האָפנונג אויף דעם אייביגען זיעג פון לעבען איבער די ניט־לעבעדיגע יסודות פון דער נאַטור, פון די העכערע פאָרמען איבער די נידעריגע.

אין קורצען — דער פונדאַמענטאַלער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פאַקט פון אונזער צייט איז, נאָך מיין מיינונג, די ענטשטעהונג פון אַ נייעם נשמה־געבוי. אונטערצוכאַפּען אָט דעם פּראָצעס, איהם אויסצודריקען, באַלייכטען מיט אַ העלער ליכט — דאָס איז אַ אַ גוואַלדיגע, ענטציקענדע, פּאַטעטישע און פּרעהענדע אויפגאַבע, וועלכע קאָן באַפליגלען דעם טאַלאַנט פון דעם שרייבער, וואָס איז ענדליך צוגעקומען, דורך דער טרוקענער זאַמד פון אינדיווידואַליזם, צו דעם פרישען קוואַל, וואָס שטילט דעם גייסטיגען דורשט.

3. מאַקסים גאָרקי.

מאַקסים גאָרקי האָט שוין געשאַפען ערנסטע ווערק פון א סאָציאַליסטישען טיפּ — „די מוטער“ און „די שונאים“. די דאָזיגע ערשטע צוויי פּראָבען האָבען א סך פעהלערען; עס איז אין זיי ניטאָ די ברייטקייט און די פרייהייט, עס פיהלט זיך, ווי ביים קינסטלער זיינען נאָך די פליגעל געבונדען. און דאָך, מיט אלע זייערע חסרונות, זיינען זיי מערקווירדיגע ווערק, און מיט דער ענטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער קונסט וועט זייער באַדייטונג אָפּגעשאַצט ווערען. בלויז די קליין־בירגערליכע פיליסטע־רישע טעמפּקייט האָט אין דעם קריזיס פון וואוקס, וואו דורך די אומפּאָלקאָמענהייטען, אָדער טאַקע א דאַנק זיי, האָט זיך גע־פיהלט א גוואַלדיגע מאַכט און א זיבען־מייליגער שריט פאָראויס, — אין דעם קריזיס פון איבערגאַנג צו א נייער, העכערער וועלט־אנשויאונג, — געקענט דערזעהן די קראַנקהייט און זאָגאר — ווי לעכערליך! — דעם טויט פון גאָרקי. איצט שטאַמלען די קרי־טיקער האלב־פאַרשעמט וועגען „גאָרקי'ס ווידערגעבורט“, זוכענ־דיג, נאַטירליך, אפילו אין אָט דער ניט־ווילענדיגער אנערקענונג אויף וועלכען ס'איז ניט אופן אונטערצושטעלען גאָרקי'ן א פיסעל.

די ארבייטער האָבען שוין פאַרשטאַנען „די מוטער“ און האָ־בען זיך אויף דעם ווערק אָפּגערופען. אין א בריעף צו גאָרקי'ן, שרייבט א גרופּע ארבייטער מיט הייסער אויפריכטיגקייט, אויב אפילו נאאיוו:

„מיט אַן אמת'ען געפיהל פון ענטוזיאַזם און פרייד באַ־גריסען מיר די ערשיינונג פון דער ‚מוטער‘; מיר האָבען זיך געפרעהט אויף דערפאַר, וואָס דאָס זייט איהר, א געוועזענער ארבייטער, געקומען אלס דער גרויסער קינסטלער, וואָס באַ־זינגט די בליהונג און די פרייד פון לעבען ניט אין א מיסטיש־משונה'דיגען זין, נאָר אין זיין גאַנצען גראַנדיעזען אומפאַנג, אָנהויבענדיג מיט דעם קליינינקען גרעזעלע און פאַרענדיגענדיג מיט דעם סעפיר פון די הימלען. אויף דעם הינטערגרונט פון צינישער אויסגעלאַסענהייט, פון גראָבען געלעכטער, פון דער פאַרשוועכונג פון דעם גרויסען באַרוף פון דער פרוי צו זיין די

ערציהערין פון דעם מענשליכען מין, צו זיין א מוטער פון די זיהן פון לעבען, צו זיין א פריינד און א חבר פון דעם מאַן אין זיין קאמף פאַר דער פאַרבעסערונג און איבערבויאונג פון דעם לעבען פון דער מענשהייט, זיך מיט איהם צוזאַמען צו דער־הויבען צו דער הויכקייט פון באוואוסטזיין מיט דער הילף פון איהרע שעפּפערישע כחות און אַנצואווייזען דעם זעלביגען וועג פאַר אנדערע, — מיט איין וואָרט, אויף דעם הינטערגרונט פון דער וואַקסענדער פאַרדאָרבענהייט און באַנאַליטעט שטעהט די מוטער און איהר זוהן פאַוועל ווי א לעבעדיגער פאָרוואורף פאַר איינע, ווי אַן אידעאַל פאַר אנדערע."

אָבער לויט דער קינסטלערישער באַדייטונג שטעהט „קאָנ־פעסיאָן" (איספּאָווער) פיעל העכער פון „מוטער", ווייל דאָ פיהלט זיך פאַלשטענדיגע פרייהייט, דער אויסדרוק פון דעם פאַרפאַסער'ס פּערזענליכקייט, וואָס גיסט זיך האַרמאָניש צוזאַמען מיט דער גרונט־נאָטע פון דער נייער קוסט — קאָלעקטיוויזם.

דאָס ליכט אין דער פינסטער.

די קריטיקער פון גאָרקי'ס „קאָנפעסיאָן", מאַרקסיסטען אַזוי גוט ווי ניט־מאַרקסיסטען, זיינען זיך ווי צונויפגעגאַנגען אויף איין זאַך: „קאָנפעסיאָן" באַדייטעט יעדענפאַלס, אויב ניט די צוריק־ווייזונג, אַם ווייניגסטען גאָרקי'ס דערווייטערונג פון דעם מאַרק־סיזם.

יאָ, אויב יעדע באַוועגונג פאָראויס, אָדער יעדע באַלייכטונג פון דעם עצם פון דער אָדער יענער לעהרע פון דעם מאַרקסיזם איז א דערווייטערונג פון דעם מאַרקסיזם, דאַן — יאָ!

מיר פאַרשטעהען, אַז די שונאים פון דעם מאַרקסיזם וואָלט זיך זעהר וועלען באַטראַכטען איהם איצט און אויף אימער אַלס א „טרוקענע דאָגמע", אַלס א טויטע זאַך, אַן אומגעהויבעלטער שטיק שטיין, וואָס איז ניט פעהיג צו לעבען און זיך צו ענטוויקלען. אַזאַ שטעלונג גיט א מעגליכקייט אָפּצוהאַקען פון דעם מאַרקסיזם יעדע לעבעדיגע צווייג זיינע, אַלס אַן אומגעזעליכע נייע פאָרמאַ־ציע, אַלס א קראַנקהייט, א פעהלער, און פאַראורטיילען איהם צו פרוכטלאָזיגקייט, צו בלייבען אומפאַרענדערט אין דער

צייט ווען אַלצדינג אין לעבען האַלט זיך אין ענדערען און ענט־וויקלען. מיר פאַרשטעהען דעם פּאָרצוג פון אזא פּאָזיציע פאַר די שונאים פון מארקסיזם, און אפשר קענען זיי טאַקע אויפריכטיג גלויבען אין דער פאַרגליוועטקייט פון דעם מארקסיזם, ווייל אינ־וועניג, אין דעם מארקסיזם, זיינען זיי קיין מאָל ניט געווען און פאַרשטעהען ניט זיין לעבעדיגען עצם.

אָבער די מארקסיסטען! צום באַדויערען געפינען זיך אויך צווישען זיי אייניגע וואָס האָבען, ווייזט אויס, קיין צייט ניט זיך פאַרנאַנדערצוקלייבען אין די פאַרשיידענע „נייע אויסטראַכטונ־גען", און וועלכע ווילען זיין רוהיג באַשעפטיגענדיג זיך בלויז מיט טאָריע. מען וואָלט געמעגט אָפטער זיך דערמאָנען אָן די ווערטער פון בעבעל, וועלכער איז געווים ניט געווען קיין לייכטזיניגער נייעס־ליעבהאָבער. אָט וואָס דער דייטשער וועטעראַן האָט געזאָגט אויף דעם פּאַרטיי־טאָג אין האַנאָווער (1899):

„צו ערקלערען ווען ניט איז פאַר אָן אפיקורס, מיינט צו אנערקענען, אַז ביי אונז עקזיסטירט אַ דאָגמע. אָבער אויב עס איז פאַראַן אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט נ י ט ק י י ן ד אָ ג־מ ע, איז דאָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און אויב עס זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען פּאָלשטענדיג פאַרדאַמט דאָגמאַ־טיזם און האָבען איהם פון אונזערע מוחות אויסגערייניגט, זיי־נען דאָס געווען מארקס און ענגעלס... מיר האָבען ניט קיין דאָגמע און מיר קענען צווישען אונז ניט האָבען קיין אפיקור־סים".

די אָדיסעע פון אַ גאָט־זוכער

דער העלד פון „קאָנפעסיאָן" איז ניט קיין סאָציאַלדעמאָ־קראַט און ניט קיין ארבייטער, נאָר אַ האַלב־פּויער. די ערצעה־לונג איז זיין אָדיסעע. די אָדיסעע פון אַ גאָט־זוכער וואָס שטאַמט פון „פאָלק". אפשר איז דאָס אַ שטיק נאַראָדניטשעסטוואָ אין דעם אויסוואהל פון טעמאַ? לאָמיר זעהן.

אַ ליידענשאַפטליכע נאַטור, פון קינדהייט אָן פּנים אל פּנים מיט דעם האַרטען שיקזאַל, האָט מאַטוועי געפונען נחת־רוח פאַר זיין שטורמישער נשמה אין רעליגיע. זיך אריינטראַכטען אין דעם

עצם פון דער טעאָלאָגיע בכלל און באַזונדערס פון דער קריסטליכער דאָגמע איז ער נאָך ניט געווען אימשטאַנד; איהם האָט מיטגעריסען דער רעליגיעזער געפיהל, וועלכער האָט דער־הויבען דאָס הארץ ווייט פון דער ערד און האָט געהאַט אַ גרע־סערע ווירקונג איידער די שטאַרקסטע מוזיק. רעליגיע גיט אַ באַ־זונדער מין פאַרגעסענהייט, אַ זיסע פאַרגעסענהייט, וואָס פאַר־נעמט אַ גרויס פּלאַץ זייט ביי זייט מיט אַנדערע באַרוישונגען און שטעהט אימער אין דעם פאָדערגרונט.

„כ׳פלעג שטעהן אַליין אין קירכע, פינסטער אַרום, און אויפ׳ן הארצען איז ליכטיג, ווייל דאָרט איז מיין גאָט, און עס איז דאָרט ניטאָ קיין פּלאַץ ניט פאַר די קינדערשע זאָרגען, ניט פאַר מיינע קריוודעס, ניט פאַר דעם אַלעם, וואָס איז אַרום מיר, וואָס איז דאָס מענשליך לעבען. די נאָהענטקייט צו גאָט פיהרט אַוועק ווייט, ווייט פון מענשען, אָבער אין יענער צייט האָב איך, נאַטירליך, דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן.

„איך האָב אָנגעהויבען צו לייענען די ביכער, וואָס זיינען געווען אין קירכע, אַלע האָב איך זיי איבערגעלייענט, און מיין הארץ פלעגט זיך אָנפילען מיט דעם שטילען קלינגען פון דער פּראַכט פון גאָט׳ס וואָרט; דורשטיג האָט די נשמה געטרונקען די פליסיגקייט זיינע, און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעעפענט אין איהר אַ קוואַל פון דאַנקבאַרע טרעהרען. איך פלעג קומען אין קירכע אַריין פריהער פאַר אַלעמען, זיך אַוועקשטעלען אויף די קניה פאַר דער בילד פון דער דריי־אייניגקייט און גיסען טרעה־רען, לייכט און אונטערטעניג, אָהן מחשבות און אָהן געבעט; איך האָב ניט געהאַט וואָס צו בעטען ביי גאָט, און איך האָב זיך אומאייגענננוציג געבוקט צו איהם.“

דער גלויבען אין דעם אַל־גוטען גאָט, אַזוי העל אויסגע־דריקט אין די ווערטער: „איך בין ניט אַליין אויף דער וועלט, נאָר אונטער דעם שוץ פון גאָט נאָהענט צו איהם“, לעבט זיך גרינג איין און גיסט זיך זאָגאַר צונויף אין אַ האַרמאָנישען אַקאָרד מיט די אונמיטעלבאַרע איינדריקע פון דער נאַטור, ווען דער מענש געהט צו צו איהר ניט ווי אַן אַרבייטער, ניט ווי איי־נער וואָס זוכט ביי איהר, ווי ביי אַ שטיף־מוטער, אַרויסצוקריגען

די נויטיגע מיטעל צום לעבען, נאָר ווי איינער וואָס באַוואונ־דערט איהר שעהנקייט. אָבער די צייט איז גיך געקומען, ווען „מענשען האָבען מיך באַמערקט און איך האָב זיי באַמערקט".

אויב דער שטן האָט ניט זעהר פיעל באַאומרוהיגט מאַט־וועיען אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער נאַ־טור, איז ער אָבער געוועזן מורא'דיג שטאַרק צווישען מענשען. און מאַטוועיען איז אויסגעקומען צו ווערען ניט נאָר אַ בעאָבאַכ־טער אין דער ערנידעריגענדער שרעקליכער דראַמאַ פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, נאָר טאַקע אַ דירעקטער אַנטיילנעמער.

דאָס לעבען האָט אויך איהם פאַרכאַפּט מיט די הענט פון דער ליעבליכער „אַלגינקאַ" און האָט איהם אָנגעהויבען שליידע־רען אין זיין גוואַלדיגע סקריפּענדיגע ראָד. די גאַנצע האַר־מאָניע פון גלויבען אָהן מחשבות איז פאַרשוואונדען. די זע־ליגקייט האָט זיך באַגעגענט פּנים לפּנים מיט דער חוצפּה'דיגער שאַרף־ציינערדיגער מאָרדע פון פּראַקטישען שכל און האָט זי ניט געקאָנט בייקומען. אַ שטאָלצער, האָט זיך מאַטוועי געצאַפּעלט, זיך געוואָרפען אין נשמה־וועהען. ווער קאָן אין דעם שוועראַן, האַרפּאַשנעם פאַלקס־לעבען אויסמיידען די דאָזיגע אומרייניגע קראַפט? אָבער איינינגע ווערען בלויז עטוואָס צוקאַליעטשעט און איינגעשמירט פון איהר, און מיט אַ דערשלאָגענער, אַנשוויגע־נער אָדער מיט אַ ברוטאַליזירטער נשמה הויבען זיי אָן זיך שטו־פּען אין דעם אַלגעמיינעם געדראַנג פון דעם סטיכישען עקאָנאָ־מישען לעבען צו העסליכען ערפאָלג אָדער צו פּייניליכען אונטער־גאַנג און ענדליך — צו דער אַלגעמיינער גרוב, וואוהין דעם לעבענס שוועסטער, די הערשערין־טויט, שאַרט זיי צוזאַמען.

מאַטוועיען אָבער, צוליעב די אומשטענדען, צוליעב דעם שטאָלצען געבוי פון זיין נשמה און די ערשטע שפּראָצען פון אַ פּאָעטישער וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז אין איהם פאַרזייט גע־וואָרען פון דעם „דיאַטשאָק" און דעם האַלב־משוגע'נעם וויצלינג, האָט דער שיקזאַל עפּעס מיט אַמאָל דערשלאָגען, ביי איהם אַלעם אוועקגענומען, האָט איבערגעריסען יעדעס פאָדים וואָס האָט איהם געקאָנט באַהעפטען מיט דעם אַזוי־גערופענעם לעבענס־גליק און האָט אַזוי אַרום געמאַכט גרינגער פאַר איהם אַרויפצושווימען אויף

דעם פלאָך פון דעם לעבענס־ים, פאַרלאָזען די וועלט, אויפהערען זיין אַן אַקטיווער אנטיילנעמער אין איהר קאַמף, פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פרייען זוכער פון גאָט און אמת, ווען עס נאָגט אינווענינ אַ גרויסער אנגסט.

די וואַנדערענדע גאָט־זוכער — דאָס איז די פאַרקערפערונג פון די זוכענישען פון דעם מענשליכען געוויסען אין דער פינסטער־ניש פון דער כאַאָטישער סאָציאַלער אָרדנונג. די נשמה פון דעם אומוויסענדען דענקט מיט די קעפ פון די רעליגיעזע סעקטאַנטען, דענקט אויף אַ משונה'דיגען אופן, אָבער זי דענקט צו דער זעל־בער צייט אויך מיט דער ערפאַהרונג פון ליידען פון דעם האַלב־אויפגעקלערטען פאָלק. מיט די צובלוטיגטע פיס פון די וואַנדע־רענדע בעטלערס יאָגט זיך דאָס ליידענדע פאָלק נאָך דעם אמת.

גאָרקי נעמט אַ בולט'ען טיפ פון אַזאַ אמת־זוכער פון פאָלק.

וואָס וועט ער געפינען? וועט זיין וואַנדערונג זיין פונקט אזוי פרוכטלאָז ווי אין די אַמאָליגע צייטען? וועט ער אָננעמען אַלס אַן אוצר עפעס אַן אסקעטישע, דעם מענשען אָפּלייקענדע, זעלבסט־טויטענדע אילוזיע? וועט ער געפינען די פאַרלאָרענע זעלבסט־פאַרגעסענהייט אין די שאַרפע עקסטאַזען פון התלהבות, אין אָט דעם טראַגישען, קראַנקען ארויספליה פון דעם לייב און פון דער וועלט? וועט ער פאַלען ערגעץ אויף אַן אומבאַוואוסטען וועג, וואָס פיהרט צו די פאַנטאַסטישע „ראַכמאַנען", אין דעם קעניגרייך פון דעם פרעסביטער יונה, צו די פאַרשוואונדענע שבטים פון ישראל, וועלכע האָבען ערגעץ „אויף די ווייסע וואַסערען" געפונען סאָציאַ־לען שלום, האָבען פאַרווירקליכט דאָס „לעבען לויט דעם געווי־סען"? צי, נאָכדעם ווי ער וועט זיך ארונטערלאָזען און וועט פאַר־לירען אין דער בלאָטע פון שלעכטע הערבסט־וועגען און אין די קיכען פון די מאָנאַסטירען דעם אוצר פון זיין אומרוהיגקייט, וועט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פראָפעסיאָנעלען וואַנדערער, וואָס זוכט בלויז צו ערנעהרען זיין קערפער? צי וועט ער גאָר, אַ בייז־גע־וואָרענער, ווערען אַ בראָדיאַגע און וועט, אָנשטאָט די „ווייסע וואַסערען" דערגעהן צו די נערטשינסקער מינען?

מיר וועלען זיך ניט אָפּשטעלען אויף די באַגעגענישען פון אונזער אָדיסעי. וואָס קאָנען מיר דאָ צוזעצען? דער פאַרפאַ־

מער רעדט פאַר זיך. מיכא, אַנטאָני, מאַרדאַכי, — דאָס זיינען אומפאַרגעסליכע טיפּען. דאָס איז אַ פּלאַסטיק, וואָס שטעלט „קאָנפעסיאָן" לויט איהר קינסטלערישען פאַרדיענסט אין איין רייה מיט די בעסטע ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור.

אָבער פון זיינע וואַנדערונגען טראָגט מאַטוועי אַרויס בלויז אַ פינסטערע פאַרצווייפלונג, זיין נשמה איז געלייטערט געוואָרען פון די אַלע פאַלשע אילוזיען, אין איהר הערשט אַן „עהרליכער פעסי־מיזם".

דאָ באַגעגענט ער יונה'ן (יאָנאַ).

די אידעען־קראַפט און די פאַלשטענדיגע נייקייט פון גאָר־קי'ס ערצעהלונג באַשטעהט טאַקע אין אָט דעם גראַנדיעזען בילד: דאָס אויסגעמוטשעטע פאָלק אין דער פּערזאָן פון זיין וואַנדערער. זיין זוכער שטויסט זיך אָן פּנים לפּנים מיט דעם „נייעם גלויבען", מיט דעם אמת, וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט ברייננגט דער וועלט.

קאָן דער פּראָלעטאַרישער אמת, אין זיין גאַנצער ריינקייט, ווערען דער אוצר פון די אַרבייטס־מאַסען?

ניין. אָבער ערשטענס קענען און מוזען צו דעם דאָזיגען אמת קומען פיעלע פאַרשטעהער פון דער פויערען און גלייך־בירגערליכער אינטעליגענץ און צוקומען פונקט אַזוי נאָהענט, ווי די בעסטע אינ־טעליגענטען. צווייטענס, קאָנען אַזעלכע עלעמענטען, וואָס זיינען איבערגאַנגס־טיפּען פון דעם דאָרפישען און האַנדווערק פּראָלעטאַ־ריאַט, פאָלשטענדיג צושטהען צו דער פּאָהן פון וויסענשאַפט־ליכען סאָציאַליזם, כאָטש אין זייער באַגריף וועלען די אמת'ען פון סאָציאַליזם פיליכט זיך אַרויסווייזען אין אַן'אַנדער פּערספּעק־טיוו. דריטענס, וועט די פּאָליטישע העגעמאָניע, די רעוואָלו־ציאָנערע מיטווירקונג, דאָס פּראָגראַם פון וועלכער איז אָנגעדיי־טעט געוואָרען אין אַלגעמיינע שטריכען אפילו פון אַזאַ „ענגען אָרטאָדאָקס" ווי קאַוטסקי, וועלכער האָט אויך באַוויזען איהר מעגליכקייט, — אָהן צווייפעל האָבען אַלס איהר פּאַראַלעל דעם איינפלוס פון דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע אויף דער קליין־בורזשואַזיע.

דאָס הייסט, ניט צושטעהענדיג צום קאַלאָמוטנעם פּלאָנטער פון די עס־ערען, קאָנען מיר און מיר מוזען שטעהן אויף דעם

שטאַנדפּונקט, אַז דער איינפלוס פון דעם פּראָלעטאַריאַט אויף די פאָלקס־מאַסען איז ניט קיין פּוסטער קלאַנג, נאָר אַן ערשיי־נונג פון דער ערשטער וויכטיגקייט. און אָט די ערשיינונג שיל־דערט עס גאָרקי אין „קאָנפעסיאָן“. עס האָט א בליץ געטאָן א ליכט אין דער פינסטערניש. דאָס ליכט האָט זיך צוגאָסען איבער די דערפער, וואו די מאַכט פון פינסטערניש איז שטאַרק. עס האָט זיך פאַרברייט ארום יעדער שטאָדט, ארום יעדער פאַבריק.

דאָס דאָזיגע ליכט וועט צוערשט ארומכאַפּען דעם אינדוסט־ריעלען פּראָלעטאַריאַט, אָט דאָס אויסגעוועהלט פאָלק פון דער מאָדערנער געשיכטע, עס וועט אָבער אויך באַלייכטען אַלעס ארומיגעס. מען דאַרף זיך פרעהען מיט דער דאָזיגער גרויסער ערשיינונג און אויפמערקזאַם זי נאָכפאָלגען. גאָרקי'ס בוך קאָן אין א גרויסער מאָס פאַרשנעלען און פאַרשטאַרקען דעם דאָזיגען פּראָצעס, אין דעם וועט באַשטעהן זיין היסטאָרישע פאַרדיענסט; עס איז לעבערליך צו זעהן „נאַראָדניטשעסטוואָ“ אין דער דורכ־פיהרונג פון דער דאָזיגער אויפגאַבע.

דער פריערער טיראַליאַר

דאָס ליכט פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־אַנשויאונג פאַרשפּרייט זיך אין דער ברייט און אין דער לענג פון רוס־לאַנד; און עס שפּיגעלט זיך אָפּ פאַנטאַסטיש, אָפּטמאָל אמת שעהן, אין די אָריגינעלע מוחות, וואָס זיינען דאָ אַזוי פיעל צווישען פאָלק.

נאַטירליך, יונה, אָט דער פריערער יעגער און טיראַליאָר פון דעם נייעם אמת, שטעלט ניט צופרידען די אַלע פאָדערונגען, וואָס מען שטעלט א באַוואוסטזיניגען פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסט.

אָבער ער רייסט זיך ניט צו זיין קיין לעהרער, ער ווייסט זיין פּלאַץ, און דאָס איז אַן אויסגעצייכענט פּלאַץ.

„זוך ניט אין מיינע ווערטער קיין באַהויפּטונג; איך וויל ניט לערנען, נאָר דערצעהלען. די יעניגע באַהויפּטען, פאַר ווע־מען דער גאַנג פון לעבען איז געפעהרליך, דער וואוקס פון אמת־שעדליך. זיי זעהען, אַז דער אמת ברענט אַלץ העלער, ווייל אַלץ מעהר און מעהר מענשען צינדען אָן זיין פייער אין זייערע

הערצער — זיי זעהען דאָס און שרעקען זיך! אויף ניך וועלען זיי א כאַפּ טאָן א ביסעל אמת, וויפיעל זיי לוינט זיך, דריקען דאָס צוזאַמען אין א קליין קייקעלע און שרייען איבער דער גאַנצער וועלט: אָט איז דער אמת, די רייכע גייסטיגע שפּייז, אָט דאָס איז דאָס, — אויף אייביג אומריהרבאר! און זיי זעצען זיך אַנידער, די פאַרפּלוכטע, אויף דעם פּנים פון דעם אמת און שטיקען איהם, און ווערגען איהם, און שטערען אויף יעדען מעג־ליכען אופן זיין ווייטערדיגען וואוקס, אָט די שונאים אונזערע, שונאים פון אַלעם וואָס עקזיסטירט. און איך קאָן זאָגען איין זאַך: דערווייל איז דאָס אַזוי, און וואָס עס וועט זיין מאָרגען ווייס איך נים. ווארים, פארשטעהסטו, דאָס לעבען האָט נים קיין געהעריגען געזעצליכען בעל־הבית; ער איז נאָך נים געקר־מען און איך ווייס נים ווי אַזוי ער וועט זיין בעל־הבית'ישקיים איינאָרדנען ווען ער וועט קומען, וועלכע פּלענער ער וועט גוט־הייסען, וועלכע ער וועט צושטערען, און וועלכע טעמפּלען ער וועט אויפשטעלען.“

דאָס לעבען האָט נים קיין געהעריגען בעל־הבית! ווער־זשע איז ער? אָה, אין באַצוג צו איהם איז דער מאָדערנער פּראָלעטאַ־ריאַט נים מעהר ווי א פאָרגעננער, פּונקט ווי יונה איז בלויז א פאָרגעננער פון דעם פּראָלעטאַרישען געדאַנק. אפשר איז גאָט אָט דער בעל־הבית? יונה רופט איהם טאַקע אַזוי אָן.

אָבער אויף וועלכען פּלאַץ שטעהט אָט דער גאָט?

ווער איז דער גאָט וואָס טוט וואונדער? אונזער פאָטער אָדער דער זוהן פון אונזער גייסט?

דער גאָט, פון וועלכען דער אַלטער רעדט, איז די מענשהייט, די סאָציאַליסטישע מענשהייט אַלס א גאַנצע. דער דאָזיגער גאָט איז נאָך נים געבאָרען געוואָרען — מען בויט איהם ערשט. און ווער איז דאָס דער גאָט־בויער? נאַטירליך: דער פּראָלעטאַריאַט צום אַלעם ערשטען, אין דעם היסטאָרישען מאָמענט, וואָס מיר לע־בען דורך. אָבער אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון געשיכטע איז דאָס ווידער אַמאָל די מענשהייט, נאָך א צוריסענע, נאָך א פינ־סטערע. און מען דאַרף אַרונטעררעכענען פון איהר די גרופּען, וואָס שטערען דעם וואוקס פון די קרעפטען אין דעם באַוואוסט־

זיין פון דער דאָזיגער מענשהייט, דער פאַרוואַנדלונג פון דער מענשהייט פון אַן אומבאַוואוסטזיניגער אין אַ באַוואוסטזיניגער, איהר ליכטיגער אומוואַנדלונג. מען וועט פיליינכט די דאָזיגע טעאָריע אָנרופען מיט דעם נאָמען „נאַראָדניטשעסטוואָ"; אָבער ניין! אין אַלגעמיין און אין גאַנצען איז זי טריי אויף צו אונזער שטאַנדפונקט, — דער אונטערשייד איז, וואָס מיר ווייסען גענוי דעם פּראָצעס, דורך וועלכען די אומוואַנדלונג וועט פאָרקומען און די ראָל, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וועט אין איהם שפּיעלען. אָט דאָס ג ע נ ו י ע פאַרשטעהן פון די קרעפטען, וואָס פיהרען צו דער פאַרוואַנדלונג פון דעם עקאָנאָמישען כאַאָס אין אַ סאָציאַליסטישער האַרמאָניע איז דער אייגענטימליכער שטריך פון דעם מאַרקסיזם, פאַרגלייכט מיט דעם היסטאָרישען סאָציאַליזם אין אַלגעמיין. יונה גיט אָן דעם אַלגעמיינעם אמת, ניט פאָרמולירענדיג איהם גענוי. אָבער אין דער דאָזיגער אַלגעמיינער פאָרם איז ער צוגענגליך צו אַזאַ מענשען ווי מאַטוועי. און פאַר איהם, דעם גאָט־זוכער, איז פאַרשטענדליכער די הויכע פאָרמולאַ, אין וועלכער דער סאָציאַליזם איז דאָ איינגעוויקעלט. דו זוכסט גאָט? גאָט — דאָס איז די מענשהייט פון דער צוקונפט, בילד איהם צוזאַמען מיט דער מענשהייט פון היינט, צושטעהענדיג צו איהרע עלעמענטען אין די פאָדערשטע רייהען.

„עס וואַכט אויף דער ווילען פון פאָלק, עס פאַראייניגט מיט ־ גוואַלד ־ צוריסענע. פיעלע זוכען שוין די מעגליכקייט צוזאַמענצוגיסען אַלע כחות פון דער ערד, און פון דער פאַראייניגטער קראַפט וועט אַרויסקומען דער ליכטיגער, גלאָררייכער, אַלץ־אַרומנעמענדער גאָט פון דער ערד!"

אַ וואונדערליכע פאָרמולע. זי איז אויסגעדריקט ניט אין אונזערע טערמינען, אָבער אין עצם איז זי אונזערע. דאָס איז די זעלבע מוזיק, אונזער מוזיק, זי ווערט בלויז געשפּיעלט אויף אַנדערע כלים.

וואוהין־זשע וועט יונה שיקען אונזער אָדיסעי, ביי וועמען עס איז דונקעל אין דער נשמה, ווי פאַר באַגינען? צו דעם קוואַל פון זיין חכמה, צום קוואַל פון דעם ליכט, וועמעס שטראַלען ברעכען זיך איבער אייגענאַרטיג אין זיין קאָפּ.

„געה אַקאָרשט אין פאַבריק אריין, ארבייט דאָרט און רייד זיך דורך מיט מיינע פריינד. וועסט גאָר ניט פאַרלירען, גלויב מיר. דער עולם איז אויפגעקלערט; זעהסט, איך האָב זיך ביי זיי געלערנט, און איך בין ניט קיין נאַר, וואָס?" ער האָט אָנגעשריבען עפּעס אַ צעטעלע און האָט עס מיר אריינגערוקט אין האַנט. „געה, קוק זיך צו און דו וועסט זעהן! דאָס איז אַ ניי־געבאָרען, לעבעדיג פאָלק".

דאָס ניי־געבאָרענע פאָלק

„כ'געה איבער די דערפער און קוק זיך צו. דאָס פאָלק איז פאַרכמורעט און בייז, ס'ווילט זיך מיט קיינעם ניט ריידען. אַלע קוקען פאַרדעכטיג, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט מען זאָל ביי זיי עפּעס ניט צו'גנב'ענען.

„— גאָט־בויער, — טראַכט איך זיך, קוקענדיג אויף די האַרט־הויטיגע פויערים. כ'פרעג ביי זיי: וואוהין פיהרט דער וועג?

„ —צו דער איסעטסקי פאַבריק.

„— וואָס, אַלע וועגען פיהרען דאָ צו דער דאָזיגער פאַבריק?"

אָט דאָס איז די איינפאַכע און צו דער זעלבער צייט טיעף־סימבאָליסטישע ערקלערונג פון דער באַציהונג פון דעם נאָך אין גאַנצען כאַאָטישען „פאָלק" צום יענעם טייל פון פאָלק, וועמען דער פאַבריק־קעסעל האָט געהאָלפען נאָכאמאָל געבאָרען צו ווערען. מיר ווילען ניט צוזעצען וואָס ניט איז צום פּאַרפּאַסער'ס באַשרייבונג פון דער פאַבריק און דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף מאַטוועי'ס נשמה. מיר ווילען זיך בלויז אָפּשטעלען אויף איין זאַך. דאַכט זיך ניט, אַז מיכאַילאָ, דער לעהרער, איז אַן אפיקורס? עס שיינט, אַז דער פונדאַמענטאַלער פּראָלעטאַריער יאַגיך איז אַליין ניט איינפאַרשטאַנען מיט אייניגע באַזאָנדערהייטען פון מיכאַי־לאָ'ס אויסטייטשונג פון דעם סאָציאַליזם. „מישקאַ האָט שכל פאַר צוויי", זאָגט יאַגיך.

„וואַרט — ער וועט זיך נאָך פאַנאַנדערוויקלען! דער גלח פון פאַבריק האָט איהם אָנגערופען „ארכי־יערעטיק". אַ

שאָד, וואָס ביי איהם איז אַ פּלאָנטער אין קאָפּ וועגען גאָט. דאָס איז פון דער מאַמען זיינער. מיין שוועסטער איז געווען אַ באַ־ריהמטע פרוי אין געטליכע אנגעלעגענהייטען. פון פּראַוואָ־סלאַוויע איז זי אריבער צו די ראַסקאָלניקעס און פון דאָרטען האָט מען זי ארויסגעוואָרפען."

וואָס־זשע איז דאָס פאר אַ „פּלאָנטער מיט גאָט?" אפשר האָט זיך דער פּראָפעסער געגוויטינט אין דעם אלס אַ פּעדאַגאָגיש מי־טעל! אפשר איז גאָט פאר מיכאַילאָ'ן אַ מיטעל ווי אריינצונאַרען אין זיין גלויבען אַזעלכע מענשען ווי מאַטוועי?

„די פראַגע וועגען גאָט איז געווען אַ שטענדיגע אורזאַך פאר קריעגערייען צווישען מיכאַילאַ און זיין פעטער. ווי נאָר מיכאַילאָ פלעגט ארויסריידען דאָס וואָרט „גאָט", פלעגט זיין פעטער פיאָטר בייז ווערען.

„— שוין אָנגעהויבען! גלויב איהם ניט, מאַטוועי! דאָס האָט ער זיך פון זיין מוטער אָנגעשטעקט!

„— וואַרט, פעטער, פאר מאַטוועיען איז גאָט אַ פונדאַמענ־טאַלע פראַגע!

„— פּלאַפּעל ניט, מישקאַ! שיק איהם צו אַל־די שוואַרץ יאָהר, מאַטוועי! קיינע געטער! רעליגיע, קירכע און אַט די אַלע זאַכען — דאָס איז אַ פינסטערער וואַלד, — אַ פינסטערער וואַלד, וואו עס זיינען פאַרבאַהאַלטען אונזערע רויבער! דאָס איז אַ באַטרוג!"

אָבער מאַטוועי'ס נייגונג צו טעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע איז פאר מיכאַילאָ'ן בלויז אַן אויסרייד. אויך פאר איהם איז די פראַ־גע פון גאָט אַ טיעפע פראַגע, וואָס רודערט אויף זיין נשמה. דאַר־פען מיר, אַזוי ווי יאַגיך, ניט־פאַנאַנדערנעמענדיג זיך אין דעם עצם, שרייען „פינסטערער וואַלד, באַטרוג", ווען נאָר מיר הערען דאָס וואָרט „גאָט"? איז אין מיכאַילאָ'ס „רעליגיע" פאַראַן עפּעס פינסטערעס? ליגט דאָרט פאַרבאַהאַלטען עפּעס אַ באַטרוג? מאַט־וועי באַמערקט:

„זיין גאָט האָב איך ניט פאַרשטאַנען. אָבער דאָס האָט מיך ניט געקימערט. די הויפּט קראַפט פון דער וועלט איז ביי איהם

געווען עפּעס אַ ו ו ע ז ע ן, און איך האָב אינערליך אָנשטאָט
דעם וועזען אַוועקגעשטעלט גאָט, און אַלץ איז געגאַנגען גוט."

מאַטוועי שטעלט זיך אינסטינקטיוו אויף דעם קאָסמישען שטאַנדפּונקט, אויף דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט פון ספּינאָזע, העקעל און די מאָניסטען, אָנרופענדיג מיט דעם נאָמען „גאָט" דעם סך הכל פון די געזעצען פון דעם וועלט-אַל, זיין אומענדליכע סובּ-סטאַנץ. עס דאַכט זיך אָבער, אַז אין אַזאַ „גלויבען" שטעקט נאָך אַ היבש ביסעל פינסטערניש און עס איז דאָרט פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר שווינדעל. מיט דעם באַגריף ג אָ ט איז ענג פאַרבונדען דער באַגריף פון היילינקייט און פאָלקאָמענהייט. דער שלום וואָס קומט ניט ווילענדיג אין זינען און וואָס איז ווירקליך ארויסגע-זאָגט געוואָרען פון די מאָניסטען, סיי די אידעאַליסטען ווי העגעל סיי די מאַטעריאַליסטען ווי סטראַוס און העקעל, איז אַ גאַנץ קלאָ-רער: די נאַטור-געזעצען זיינען גוט, הייליג און פאָלקאָם; דער מענש דאַרף פאַר זיי זיך בוקען אין עהרפורכט. די נאַטור-געזעצען זיינען אָבער בלויז די צייטווייליגע פאָרמולען, אין וועלכע מיר צאַמען ווי עס איז איין די אָדער יענע ערשיינונגען פון דעם אומ-ענדליכען. אַ חוץ דעם זיינען זיי בשום אופן ניט קיין ווילען און פאַרשריפטען, לויט דער אַנאַלאָגיע מיט יורידישע געזעצען, נאָר בלויז אַן ערקענענדע צופּאַסונג — אַ צופּאַסונג, וועלכע ווערט געמאַכט אום די זעלביגע געזעצען בייצוקומען. מען שטודירט דאָס געזעץ פון פאַלען אום צו קענען פליהען. איבעראַל מוז דער מענש געוואַגט זיך פאַרמעסטען מיט דער נאַטור און בייקומען איהרע באַשרענ-קונגען. יעדע באַשרענקונג ווערט געפּאָרשט און ערקלערט אַזוי ווי מיט דעם אויסדריקליכען אַבזיכט זי בייצוקומען, פריהער אין געדאַנק, און דערנאָך — אין דער ווירקליכקייט.

דער גייסט פון עהרפורכט פאַר דעם אוניווערזום, מיט וועלכען דער בורזשואַזער מאָניזם איז דורכגעדרונגען, קאָן ווערען אַ קוואַל פון נייע קייטען פאַר דעם מענשען. די נאַטור אַליין, הייסט עס, האָט דאָס און דאָס פעסטגעשטעלט, און אומזיסט בונטעווען זיך די נייע וואָלטעריאַנער געגען דעם. און די נייע וואָלטעריאַנער וואָלט אויסגעקומען צו צושטערען דעם נייעם גאָט-נאַטור, אַזוי ווי דער

אַלטער וואָלטער האָט צושטערט דעם קאַטוילישען גאָט, און העקעל — דעם גאָט פון וואָלטער און די דעיסטען.

אָבער מיכאַילאָ זאָגט מיט אַ שמייכעל: „גאָט איז נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען". מיט דעם טראָגט ער אונז אַריבער אויף אַ גאַנץ נייעם באָדען. עס איז אין דער וועלט ניטאָ קיין זאַך, פאַר וועלכער דער מענש דאַרף זיך בוקען און עהרפורכט.

„דער הויפט פאַרברעכען פון די הערשער פון לעבען באַשטעהט אין דעם וואָס זיי האָבען צושטערט די שעפּפערישע קראַפט פון פאָלק. עס וועט זיין אַ צייט, ווען דער גאַנצער ווילען פון פאָלק וועט זיך ווידער צוזאַמענגיסען אין איין פונקט. דאַן וועט אין איהם מוזען אויפשטעהן אַן אומענדליכע און וואונדערליכע קראַפט, און — גאָט וועט אויפלעבען! און דאָס איז טאַקע ד ע ר, וועמען איהר, מאַטוועי, זוכט!"

דאָס, פאַר וואָס מיכאַילאָ איז גרייט זיך צו בוקען, איז דער קומענדער קאָלעקטיווער ווילען פון פאָלק. מיט איהם שטאַרבט, מיט איהם ווערט געבאָרען דאָס ג ר ו י ס ע, פאַר וועלכען דער איינצעלנער מענש קאָן זיך בוקען.

מיר קאָנען שוין פאָראויסזעהן איין אויסזעצונג: „אויך דאָ, וועט מען אונז זאָגען, ליגט אַ גרויס געפאַהר — דאָס געפאַהר צו אונטערוואַרפען דעם איינצעלנעם, די פּערזאָן צו אייער לויתן, אייער נייעם גאָט, דעם קאָלעקטיוו". וואָס מיינט אונטערוואַרפען די פּערזאָן? אין דעם קינסטליכען קאָלעקטיוו, אין דעם שטאַאַט פון אייגענטימער, איז דער קאָלעקטיוו ווירקליך פרעמד צו דער פּערזענליכקייט; דאָ דריקט דער סטאַדנע אינסטינקט און די אַלגעמיינע אינטערעסען אויף די אינדיווידועלע שטרעבונגען און צו־שטערט (מאַנכעס מאָל) פּריוואַטע אינטערעסען. דאָס וואָס די פאַרשיידענע אָפּגעזונדערטע מענשען פאַרמאָגען געמיינשאַפטליכעס, האָט זיך פאַראייניגט אין איין זאַך און דריקט אין די זעלבע מענשען דאָס, וואָס זיי האָבען אייגענטימליכעס. דאָ איז פאַראַן אַ טיראַניי פון דער געזעלשאַפט איבער דעם איינצעלנעם.

אָבער דאָס אַלעס פאַרשווינדט אינגאַנצען אין דעם לעבעדיגען, אָרגאַנישען, שעפּפערישען קאָלעקטיוו. דאָ איז דער איינצעלנער טייער טאַקע צוליעב זיינע אייגענטימליכקייטען, פאַר דעם

אלגעמיינעם כאַר. אַלעס באַוועגט זיך שטענדיג: פאַלקאַמענהייט איז געזיכערט דורך קאָלעקטיווען אויסוואהל, און ברייטקייט און פאַרשידענאַרטיגקייט — דורך דער אינדיווידועלער פּערזענליכ־קייט. עס איז ניטאָ קיין צושפּאַלטונג אויף בירגער און פּערזאָן, עס עקזיסטירט בלויז דער שאַפענדער, קאָלעקטיוו־פיהלענדער מענש.

אפילו דער אינדיווידואַליסט מאַטוועי האָט דאָס דערפיהלט, ווען ער איז געקומען אין באַריהרונג מיט דעם פּראָלעטאַריאַט.

„איך האָב אין זיך אָנגעהויבען צו באַמערקען אַ שטילען ציטער פון נייע געפיהלען. אַזוי ווי פון יעדען מענשען געהט אַרויס צו מיר אַ שאַרפער און דינער שטראַהל, ריהרט מיך אָן אומזיכטבאַר, ריהרט אומבאַמערקט אָן מיין האַרץ, און איך נעם אַרום מיט אַלץ גרעסערער עמפּפינדליכקייט די דאָזיגע געהיימע שטראַהלען. אַמאָל קלייבען זיך צוזאַמען ביי מיכאַילאָ׳ן אַרביי־טער, און זיי אָטעמען אָן אַ געדאַנקען־וואָלקען, וואָס רינגעלט מיך אַרום און הויבט מיך אויף אויף אַ זאָנדערבאַרען אופן. מיט אַמאָל הויבען מיך אַלע אָן צו פאַר־שטעהן פון אַ האַלב וואָרט. איך שטעה אין אַ קריין מענשען, און זיי זיינען אַזוי ווי מיין קערפּער, און איך, בעת איך רייד, בין אַזוי ווי זייער נשמה און ווילען. און מיינע רייד — דאָס איז זייער קול. איך פלעג פיהלען, אַז איך אַליין לעב אַלס אַ טייל פון אימיצענס קערפּער, אַז איך הער אַ געשריי פון מיין נשמה פון אַן אַנדערענס מויל, און אַזוי לאַנג ווי איך פלעג דאָס הערען, איז מיר געווען גוט; און אַז דאָס קול איז אַנשווייגען געוואָרען, בין איך ווידער געווען אַליין, פאַר זיך.

„איך דערמאָן זיך אָן מיין אַמאָליגער אייניגונג מיט גאָט אין מיינע תפלות: גוט איז מיר געווען ווען איך בין פאַרשוואונ־דען פון מיין אייגענעם זכרון, ווען איך האָב אויפגעהערט צו זיין. אָבער אין מיין צוזאַמענגיסען זיך מיט מענשען בין איך פון זיך ניט אַוועקגעגאַנגען. נאָר ווי אויסגעוואַקסען, זיך דערהויבען אי־בער זיך, און דער כח פון מיין גייסט האָט זיך פאַרפיעלפאַכט. דאָ איז אויך געווען זעלבסט־פאַרגעסענהייט, אָבער זי האָט מיך ניט פאַרניכטעט, נאָר בלויז פאַרלאָשען מיינע ביטערע געדאַנ־קען און די שרעקען איבער מיין איינזאַמקייט.“

און עס באַקומט זיך דער אומגעהויער פּועל־יוצא, וועלכער איז ניט דערזאָגט, וועלכער איז ניט דערגרייכט מיט דער הילף פון קאַלטן פאַרשטאַנד, אָבער וועלכער איז דורכגעפילט מיט דער לעבעדיגער ערפאַהרונג פון אַ ליידענשאַפטליך האַרץ:

„אין דעם גאַנצען וועסטו געפינען אומשטערבליכקייט,
אָבער אין איינזאַמקייט — אומפאַרמיידליכע שקלאַפעריי און פינסטערניש, אַנגסט און טויט."

אין איין זאַך קאָן איך מאַכען מיכאַילאָ'ן אַ פאָרוואורף; ניט אומזיסט, אפילו אויב אויסערגעוועהנליך גראָב, זאָגט איהם זיין פעטער:

„דו, מישקאַ, האָסט זיך אָנגעפּאַקט קירכישע געדאַנקען,
אַזוי ווי דו וואָלסט אונערקעס פון אַ פרעמדען גאָרטען אָנגע־גנב'עט, און דו פּיהרסט אַראָפּ מענשען פון וועג! אויב דו זאָגסט, אַז דער אַרבייטער איז גערופען צו באַנייען דאָס לעבען, טאָ באַניי, און הויב ניט אויף די שמאַטעס, וואָס די גלחים האָ־בען צוטראָגען ביז צו טראַנטעס און דערנאָך אַוועקגעוואָר־פען!"

ניט גראָד די גלחים! ניט זיי האָבען באַשאַפען דאָס וואָרט, דעם באַגריף ג אָ ט. אָבער אין אַלגעמיין קוקט מיכאַילאָ צופיעל צוריק. צוזאַמען מיט דער האָפנונג אויף גאָט — די קאָלעקטיווע מענשהייט — אין דער צוקונפט, זעהט ער איהם אויך דאָרט, וואו ער איז ניטאָ — אין דער פאַרגאַנגענהייט.

„דער גאָט, פון וועלכען איך רייד, האָט עקזיסטירט, ווען מענשען האָבען איהם איין־גייסטיג געשאַפען פון דער סוב־סטאַנץ פון זייער געדאַנק, צו באַלייכטען די פינסטערניש פון לעבען; אָבער ווען דאָס פאָלק האָט זיך צוטיילט אויף שקלאַ־פען און הערשער, אויף שטיקלעך און ברעקלעך, ווען עס האָט צוריסען זיין געדאַנק און זיין ווילען, — איז גאָט פאַרלאָרען גע־וואָרען, צושטערט געוואָרען!"

ניין, מיכאַילאָ, דער גאָט, פון וועלכען איהר רעדט, האָט קיינ־מאָל ניט עקזיסטירט. די אונטערגעגאַנגענע געטער פון פאָלק זיי־נען, נאַטירליך, נאָבעלער, טיעפער איידער דער קינסטליכער גאָט פון די נייע צייטען; מען דאַרף זיי שטודירען, ווייל געשיכטע איז

טאַקע די געשיכטע פון די כאַראַקטערנע און נויטווענדיגע טעות'ן פון דעם מענשליכען גייסט, אָבער זיי זיינען געשטאָרבען און ווע־לען ניט אויפשטעהן תחית המתים.

דער גאָט, וואָס מיכאַילאָ זוכט, דאַרף ערשט געבאָרען ווערען. דאָס איז די מאַכט פון קאָלעקטיווען פאַרנינפטיגען ווילען. און ווען ער וועט געבאָרען ווערען? אימער וועלען אויפשטעהן נייע פּראָבלעמען פאַר דער מענשהייט, אימער וועט ער פיהלען זיין באַ־גרענעצטקייט—„נאָך ניט קיין גאָט בין איך, דער ווילען איז נאָך ניט איינגאַנצען מיינער, מיין עקזיסטענץ איז נאָך ניט אומענדליך,—דאָס הייסט, גאָט איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען." און קיינמאָל וועט ניט געבאָרען ווערען קיין א ל מ ע כ ט י ג ע ר גאָט, ווייל אומענדליך איז דער וועלט־אַל. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? עס וועט קיינמאָל ניט געבאָרען ווערען קיין גאָט־אבסאָלוט, קיין אַלמעכטיגער גאָט, אָבער מיט דעם פעסטשטעלונג פון דעם סאָ־ציאַליזם וועט געבאָרען ווערען א מעכטיגער קאָלעקטיווער פאַר־נונפט — דער מענש. ביי מיכאַילאָ'ן קומט אויס, אַז די צוקונפט וועט זיין א צוריקקעהר צו דער גאָלדענער פאַרגאַנגענהייט. און אָט דאָס קען טאַקע יאַגיך ניט פאַרשטעהן. „באַני!", שרייט ער מיט כעס.

די נייע סביבה האָט ניט אַריינגעצויגען און האָט ניט געוואָלט מיט אַמאָל אַריינציהען אין זיך דעם נאָך ניט פאַרטיגען מענשען. מאַטוועיען האָט דער פּראָלעטאַריאַט אויפגעקלערט און האָט איהם אָפּגעלאָזען פונקט אַזאַ טרעגער פון זיינע איבערגעבראָכענע שטראַ־לען, ווי יונה איז געווען.

„באַהעפט מיך אויך צו דער זאַך, איך בעט אייך!

„עס ברענט אין מיר אַלצדינג.

„ניין, — האָט מיכאַילאָ געענטפערט, — וואַרט א ביסעל און איבערלייגט זיך. נאָך צו פריה פאַר אייך... ביי אייך איז נאָך פאַראַן א סך ניט געלייזטעס, און פאַר אונזער ארבייט זייט איהר ניט פריי. איך האָט אַרומגעכאַפּט, אייך רייסט מיט איהר שעהנקייט און גרויסקייט, אָבער — פאַר אייך האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט אין איהר גאַנצער קראַפט,—איהר שטעהט איצט ווי אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און איהר זייט אימשטאַנד צו

זעהן דעם גאַנצען טעמפּעל וואָס ווערט געבויט, אין זיין גאַנ־צער אומענדליכקייט און שעהנקייט, אָבער ער ווערט געבויט דורך שטילער, געהיימער, וואָכעדיגער ארבייט. און אויב איהר ווערט זיך נעמען פאַר איהר שוין איצט, איידער איהר זייט גוט באַקאַנט מיט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, וועלען פאַר אייך פאַר־שווינדען די אויסערליכע ליניען פון דעם טעמפּעל, עס וועט פאַרשווינדען דאָס בילד, וואָס איז נאָך ניט איינגעוואָרצעלט אין אייער נשמה, און די ארבייט וועט זיך אייך אויסווייזען אונ־טער אייערע כחות.

„— צו וואָס, — פרעג איך איהם מיט צער, — טרייבט איהר מיך? איך האָב זיך געפונען א פּלאַץ, עס פרעהט מיך צו זעהן אז איך בין א נויטיגע קראַפט...

„און ער זאָגט צו מיר רוהיג און אומעטיג:

„— איך דענק ניט, אז איהר זייט פעהיג צו לעבען לויט א פּלאַן, וואָס איז פאַר אייך ניט קלאָר; איך זעה, אז אין אייער גייסט איז נאָך ניט אויסגעוואָקסען דער באוואוסטזיין פון זיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גייסט פון דעם ארבייטער פאָלק. איהר זייט פאַר מיר שוין איצט דער געדאַנק פון פאָלק, פאַרשאַרפט פון דער רייבונג אָן לעבען, ארויסגערוקט צום פאָדערגרונט, אָבער איהר אַליין קוקט אויף זיך ניט אַזוי: אייך ווייזט זיך נאָך אויס, אז איהר זייט א העלד, וואָס איז גרייט, פון דעם איבער־פלוס פון זיינע קרעפטען, גנעדיג צו העלפען דעם מאַכטלאָזען. איהר זייט עטוואָס באַזונדערעס, וואָס עקזיסטירט פאַר זיך אַליין; איהר זייט פאַר זיך דער אָנהויב און דער סוף און ניט די פאָרטזעצונג פון דעם פרעכטיגען און שעהנעם אומענדליכען!"

דאָס איז אמת שעהן. דאָס איז א לעבעדיג, קאָנקרעט גע־פיהל פון קאָלעקטיווער איינהייט — פונקט אַזאַ נויטיגער עלע־מענט פון אמת'ן פּראָלעטאַרישען סאָציאַליזם, ווי די שטרענגע, „קאַלטע" פאָרמולען, אין וועלכע פיעלע זעהען דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער מאַרקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע. אין די דאָזיגע ווערטער פון דעם „אפּיקורס" דאַרף זיך יעדער האַלב־סאָציאַליסט אריינטראַכטען. און עס זיינען דאָ א סך אַזעלכע, פיעל מעהר, ווי זיי אַליין דענקען.

דער נס

די מעכטיגקייט פון קאָלעקטיוו, די שעהנקייט פון דעם עקס־טאַז פון קאָלעקטיווען לעבען, די וואונדער־שאַפענדע קראַפט פון קאָלעקטיוו — דאָס איז אין וואָס דער פּראָפעסער גלויבט און צו דעם רופט ער אונז. אָבער האָט ער דען אַליין ניט געזאָגט, אַז דאָס פאָלק איז איצט פאַנאַנדערגעטיילט און אונטערדריקט? האָט ער דען ניט געזאָגט, אַז קאָלעקטיוויזם קאָן מען זוכען בלויז אין דעם ניי־געבאָרענעם פאָלק, אויף דעם פאַבריק?

יאָ, אָבער דאָ, אין דעם צוזאַמענגעמען פון דעם קלאַסען־קאָ־לעקטיוו, אין דעם לאַנגזאַמען בויען פון אַן אַל־פּראָלעטאַרישער אָר־גאַניזאַציע ליגט די ווירקליכע ארבייט פון פאַרוואַנדלען די דאָ־זיגע מענשען אין אַ מענשהייט, כאָטש אויך די ארבייט איז בלויז אַ פאָרבערייטונגס־ארבייט. דאָס מיינט ניט, אַז די קאָלעקטיווע שטימונג זאָל ניט אויפפלאַקערען אימפּולסיוו, מאָמענטענווייז, אַז עס זאָלען זיך וואו ניט וואו צופעליג גיט צוזאַמענגיסען מענשליכע מאַסען אין איין גאַנצעס, מיט איין ווילען. און אַ סימבאָל פון דער צוקונפט, אלס אַ בלייבער פאַרגעשטאַלט, — בלייך אין פאַרגלייך מיט דער צוקונפט, אָבער העל אין פאַרגלייך מיט דער געגענוואַרט, — גיט גאָרקי אין זיין נס.

אייניגע זיינען שאַקירט פון דער אומגעבונג פון רעליגיעזער צערעמאָניע און אבערגלויבען, פון דער אנוועזענהייט פון אַלט־רעליגיעזען עקסטאַז, פון דער געמישעכץ פון דער אייגענטליך ווילדער און ניט סימפּאַטישער מענגע. צוליעב אָט די אויסזעצונגען האָבען פיעלע ניט באַמערקט דעם עצם.

וויכטיג איז דאָ טאַקע די אנוועזענהייט פון ג ע מ י י נ ־ ש אַ פ ט ל י כ ע ר שטימונג, פון אַ געמיינשאַפטליכען ווילען. אמת, דער קאָלעקטיוו איז דאָ געבויט אויף אַ קינסטליכען אופן און זיין קראַפט ווערט אַ פעטיש אין די מוחות פון זיינע אנטייל־נעמער, אָבער ער איז דאָך באַשאַפען, און זיין קראַפט איז אַ פאַקט. וויכטיג איז ניט אָפּצולייקענען אַ פּריאָרי, נאָר צו פאַרשטעהן און שעצען. ווי זאָל מען פאַרשטעהן דעם פאַקט פון דעם גראַנדיעזען אויפהויבען פון די נשמות פון די וואָס נעמען אנטייל אין די קאָ־לעקטיווע רעליגיעזע אקטען, דעם פאַקט פון דער ענטוויקלונג אין

אזא מענגע פון נייע קרעפטען, וואָס איבען אוים א מאַגנעטישע צוציהונגס־קראַפט אויף איינצעלנע אָרגאַניזמען? דאָס איז א שטי־קעל פון דער צוקונפט, זאָגט דער פּראָפעסער, דאָ איז צופעליג און קינסטליך פאַרגעקומען א צוזאַמענגים פון פּסיכאָלאָגיען. דער באָדען פון כמעט אַלע רעליגיעזע נסים איז ד ע ר צ ו ז א־מ ע נ ג י ס פ ו ן נ ש מ ו ת און ווי אזוי איז די אָפּשאַ־צונג? זי איז די פּאָזיטיווסטע אין באַצוג צום פאַקט, און די נע־גאַטיווסטע אין באַצוג צו זיין פּאָרמעלער הייטעל. דאָס אַלעס איז קלאָר פון מאַטוועי׳ס נאָכדענקונקען נאָך דעם נס.

„איך האָב געזעהן די ערד ווי א פּולען בעכער פון העל־רויט, אימער זודיג, לעבעדיג, מענשליך בלוט, און איך האָב געזעהן איהר האר, דאָס אַלמעכטיג־אומשטערבליך פאָלק.

„ער באַפליגעלט דאָס לעבען מיט דער גרויסקייט פון זיי־נע טאַטען און האַפנונגען, און איך האָב מתפלל געוועזן:

„— דו ביזט דער גאָט און שעפּפער פון אַלע געטער, וואָס האָסט זיי אויסגעוועבט פון די שעהנקייטען פון דיין גייסט אין דער מיה און אומרוהיגקייט פון דיינע זוכענישען!

„און די וועלט זאָל ניט האָבען קיין אנדער גאָט אויסער דיר, ווייל דו ביזט דער איינציגער גאָט, דער בעל־הנסים.

„דאָס איז מיין גלויבען און צו דעם וועל איך טריי זיין!

„...און דאַריבער געה איך צוריק אהין, וואו מענשען באַ־פרייען די נשמות פון זייערע נאָהענטע פון דער געפענגנים פון פינסטערניש און אבערגלויבען, ברייגנען דאָס פאָלק צוזאַמען, באַלייכטען פאַר איהם זיין געהיים פּנים, העלפען איהם דער־פיהלען די קראַפט פון זיין ווילען, ווייזען אָן די מענשען אויף דעם איינציגען און ריכטיגען וועג צו דעם אַלגעמיינעם צוזאַ־מענגוס פאַר דעם גרויסען צוועק, — דעם אַלוועלטילכען גאָט — בויען!

דער נס — דאָס איז א צייכען און ניט אָן אויסדרוק פון דער צוקונפט. ער איז ניט דאָס, צו וואָס דער פּראָפּאָסער רופט אונז, נאָר דאָס, וואָס, אַלס ביישפּיעל, גיט אונז א מעגליכקייט כאָטש טיילווייז צו פאַרזוכען דאָס, נאָך וואָס מיר גאָרען.

אָבער מיר זיינען שרעקיך איבערגעשראָקען. א קרייץ־פּראָ־

— וויראַך־לעמפּלעך? פּו־יסטעך־בגדים? איקאָנען? צעסיע? מיר ווילען פון דעם ניט הערען, אפילו אויב אונטער די דאָזיגע באדינגונגען ענטוויקלען זיך די אינטערעסאנטסטע סאָציאַל־פּסי־כאָלאָגישע ערשיינונגען. אזוי טויג ניט. דער גרונד־פּרינציפּ פון מארקסיזם איז צו באטראכטען די גאנצע וועלט מיט די אויגען פון אַן אנאליטיקער און דיאלעקטיקער, זיך אָפּרו־פען אויף איהרע ערשייגונגען מיט דעם הארצען פון אַ באוואוסט־זיניגען קעמפער און אומבאדינגטען קאָלעקטיוויסט. זאָל דער לעזער, וועלכער האָט זיך דערשראָקען פאר דער אויסערגעוועהנ־ליכער צוזאמענבינדונג פון קאָלעקטיוויזם מיט אַ קרייץ־פּראָצע־סיע, צוגעהן צו די מעכטיגע פעלדער, וואו דער נס איז באשריבען, מיט אזוינע אויגען, און ער וועט זעהן, וואָס פאר אַ וואונדערבאר שעהנעם דאָקומענט איבער דער פּסיכאָלאָגיע פון קאָלעקטיוו דער פארפאסער האָט איהם געשענקט אלס מתנה.

אז מען ווארפט אַ בליק אויף „קאָנפעסיאָן“ אלס אַ גאנצעס, נאָך דעם ווי מען האָט די ערצעהלונג איבערגעלייענט, הערט זיך ווי אַ שעהן־קלינגענד הארמאָניש ליעד. עס הויבט זיך אָן מיט אַ קינדערשען עקסטאז, מיט אַן איינזאם לעבען און נאָך ניט אָנ־געריהרטער נשמה, דערנאָך ווערט עס אָן זיין לויטערקייט, ווערט צוריסען אין די דיסאָנאנסען, נאָך דעם ווי עס קומט אין צוזאַ־מענשטויס מיט דעם ווילדען כאָאס פון לעבען; דאַן דערהויבט עס זיך אין ענגסטליכען ריס צום הימעל, פול מיט זוכעניש און וועה, רייסט זיך איבער, ווערט פארצווייפעלט און לאָזט זיך ארונ־טער לאנגזאם, שווארץ ווי אַ שווערער ראָב, טרויעריג ווי אַ לויה־מארש, טרייסטלאָז ווי די וואָלקענס אין הערבסט. און מיט אמאָל, ווי אַ רעגענבויגען צושפּרייט עס זיך איבער דעם הימעל, ווי אַ גוואלדיגער פאָכער, אלעס ציטערט אויף, אלעס ווערט באלויכטען פון דער זון, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון די וואָלקענס, און אזוי ווי עס האָט אַ טרונק געטאָן לעבעדיג וואסער, דערהויבט זיך וויע־דער דאָס ליעד, קלינגט שוואַך און קוים געוואגט צוערשט, אזוי ווי עס וואָלט ניט געגלויבט זיין גליק און רעטונג, אזוי ווי מורא־האָבענדיג פאר דער אומבאוואוסטער קראפט, וואָס האָט צערטליך דערוואָרימט די פון קעלט ציטערענדע נשמה. און דאָס ליעד

שטייגט העכער און העכער, ווי א לאַרך און צוגיסט זיך אין טרער־לען, אזוי ווי עס האָט דערזעהן די הימלישע „שטאָדט“, וואָס עס האָט אזוי לאַנג און אומזיסט געזוכט; און עס וואַקסט און קרעפ־טיגט זיך דאָס ליעד און ווערט פארוואנדעלט אין א הימנע צו דער נייער קראַפט און נייעם אמת און עס פארענדיגט זיך מיט א געשריי פון שטורם־פויגעל, וואָס זאָגט אָן עפעס גרויסעס, מורא׳־דיגעס, ליכטיגעס! דאָס איז די ליעד פון דעם היידען וואָס איז געקומען אין דער אמת׳ער קירכע אריין, דאָס איז די ודוי פון דעם אויסגעמוטשעטען רייזענדען, פנים לפנים מיט דעם ניי־געבאָרענעם משיח — דעם פאָלק.

„דו ביזט דאָס ליכט וואָס באַלייכט די לשונות און דער רוהם פון דיין פאָלק ישראל.“

„ערלויבט מיר צו דערצעהלען אייך מיין לעבען; קיין סך צייט וועט די דאָזיגע מעשה ביי אייך ניט אוועקנעמען, און וויסען דארפט איהר זי.“

אזוי הויבט מאַטוועי אָן זיין געשיכטע.

יאָ, דאָס דאָזיגע לעבען איז נויטיג צו וויסען.

פאַר דעם גוואלדיגען פאַקט פון דעם אריינדרינגען פון פראָ־לעטארישען אמת אין די פאָלקס־מאסען, זייט ביי זייט מיט דעם פאַקט פון דער ערשיינונג פון א נייעם לעזער, א נייעם דענקער, וואָס רעדט מיט שמערץ און אָנשטרענגונג וועגען לעבען, וועגען דער געזעלשאַפט, וועגען דער וועלט, וועגען זיך, — ווי קליינליך זעהט אויס די פלאכע פאָליטיק, מיט דער ערלויבניש פון נאַטשאַלסטוואָ, מיט דעם גאַנצען מויזען־טומעל און פישטשען פון דער קליין־ביר־גערליכער פובליציסטיק און די שלומפערישקייט פון דער קליין־בירגערליכער ליטעראַטור!

דאָרט, אין דער טיעף, געהט אָן אַרבייט, עס קלינגט און רוישט עפעס, ווי מאַסען אייז, וואָס האָבען זיך א ריהר געטאָן אויף דעם טייך אין מיטען נאַכט. דאָרט געהט אָן א פלאַץ־אי־בערבייטונג פון עפּעס מאָלעקולען, אָן אומבאַקעמפּבאַרער פראָצעס פון קרעפטען־גרופּירונג אַרום אַ נייעם מיטעלפּונקט.

די פילאָזאָפיע פון דער טראַגעדיע

פריי איבערזעצט — א. נירענבערג

1.

די טראַגישע פּראָבלעם און איהרע לעזונגען

עס קומט אָפט אוים צו הערען און לעזען באהויפּטונגען, אַז די גרונט־אידעע פון דער אַנטיקער־טראַגעדיע איז די אידעע פון שיקזאַל, אין דער צייט, וואָס פרייער ווילען און מאָראַלע פאַראַנט־וואָרטליכקייט איז די שפּרינג־פעדער פון דער היינטיגער טראַגע־דיע. עס איז אַן אויבערפלעכליכער, אַלגעמיינער קוק. די טראַ־געדיע אין אַלע צייטען איז געווען די טראַגעדיע פון שיקזאַל און קען קיין אַנדערע ניט זיין. עס איז פאַרשטענדליך, אַז די גרונט־אידעע פון שיקזאַל איז ניט שטענדיג גלייך פאַרשטאַנען געוואָ־רען, און דער מענש האָט ניט שטענדיג אין א גלייכער מאָס זיך געהאַלטען אָפּהענגיג פון דעם שיקזאַל.

פון צייט צו צייט האָט די מענשהייט געמאַכט פאַרצווייפעלטע אָנשטרענגונגען צוצונעמען ביי דעם שיקזאַל זיין כאַראַק־טער פון בלינדקייט און שרעקליכער זינלאָזיגקייט; די מענשהייט האָט זיך באַמיהט איהם צו רעכטפערטיגען, באַגרייפען, — איהם איז צוגעשריבען געוואָרען די העכערע, פאַר אונז אומפאַרשטענד־ליכע גערעכטיגקייט, מען האָט זיך געמיהט צו זעהן אין איהם דעם ווילען פון די געטער, פון דעם גאָט פון נקמה און פון דער השגחה.

אָבער אָפט איז די מענשליכע נשמה דורכגעשטאָכען געוואָ־רען פון א שרעקליכען געדאַנק, אַז אומזיניג און גרויזאַם איז זי פאַר׳משפט געוואָרען אויף ליידען, — ווייל די נאַטור, וואָס רינ־געלט זי אַרום, איז לער, אומזיניג און גלייכגילטיג; אַז זי צור־ברעכט מיט איהר אומבאַוואוסטער סטיכיע א מענשליך הארץ פונקט מיט אַזא גלייכגילטיגקייט, ווי זי צורייסט וואָלקענס; אַז פאַר דער נאַטור איז ניטאָ קיין קליינעס און קיין גרויסעס, קיין מאָראַלישעס און הייליגעס, — בלויז אַן אומענדליכער, אייביגער פּראָצעס.

ווי שרעקליך איז פאַר דעם מענשען דער דאָזיגער גערדאַנק! אויב די שולד פאַר די אומגליקען, וואָס שיטען זיך אויף זיין קאָפּ ליגען ניט אין איהם, הייסט עס, אַז ער קאָן מיט קיין זאַך זיך ניט העלפען צו באַפרייען זיך פון דער שרעקליכער לאַגע: דאָס שטיינערנע פּנים פון דער געטין פון שיקזאַל וועט פון קיין שום תפלות און געבעטען קיין ציטער ניט טאָן, קענסט זי מיט קיין שום זאַך ניט אונטערקויפען, און, ווי זאָגט עס דער פיעל געפּרואווטער איוב: „דער מענש ווערט געבאָרען פאַר ליידען, ווי א פונק, כדי צו פאַרלעשען זיך."

ווען דער דאָזיגער געדאַנק, די דאָזיגע ניהיליסטישע וועלט־אַנשויאונג לייגט אַרויף איהר אייזערנע האַנט אויף דעם מענשענס מוח, פאַלט דער מענש אונטער דער משא און ער שרייט אויס, אַז עס איז שוין בעסער אין גאַנצען ניט צו פיהלען און זעהן, אבי נאָר אויפצוהערען פיהלען די דאָזיגע ליידען. דער בעסטער אויסוועג, דאַכט זיך, איז זעלבסטמאָרד. „בעסער פאַר דעם מענשען איז אינגאַנצען ניט געבאָרען צו ווערען, און פון די געבאָרענע איז דער גליקליכסטער דער, וואָס איז פריהער געשטאָרבען."

אָבער די האַנט פון דעם ניהיליסט־זעלבסטמערדער ווערט אָפּגעשטעלט פון א שרעקליכען, אין אָנפאַנג אומקלאָרען, אָבער אַלץ וואַקסענדען געפיהל. — אַלץ איז אין דיר און ניט אויסער דיר. וועט דען דיך ערלייזען דער דאָזיגער פאַרצווייפעלטער שריט? גיב א קוק אויף דער דאָזיגער וועלט, וואָס איז שרעקליך מיט איהר רייכקייט: ווי זי גאַרט נאָך לעבען, ווי זי צוואָרפט גייציג מיליאַרדען פון איהר זוימען, ס'אַרא פאַרצווייפעלטען קאַמף עס פיהרט אָן אַלץ וואָס עקזיסטירט נאָך אין זיין עמבריאָ, כדי צו ווערען, און ווען עס ווערט — כדי צו בלייבען, כדי זיך צו פאַרשפּרייטען. דער טויט פון אַן איין־איינציגען מענשען וועט גאָרנישט ניט ענדערען אין דעם כאַאָס פון דער דאָזיגער לעבענס־פרייד, וואָס, ניט קוקענדיג אויף אַלע ליידען, גיסט זי זיך אַריבער איבער דעם ראַנד פון דעם בעכער פון דער אייביגקייט און שוימיג שטראָמט זי און שטראָמט אָהן אַן אויפהער.

דער מזרח־ניהיליסט פיהלט, אַז ער איז פאַרבונדען מיט טויזענטער שטריק און אויף אייביג מיט דער דאָזיגער וועלט; ער

פיהלט, אַז דאָס לעבען און די ליידען וועלען ניט אויפהערען, און אַז זיין טויט קאָן ניט האָבען אויפ'ן גאַנג פון לעבען קיין גרעסערע ווירקונג, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעהאַקט אַ פינגער. אַנערקענענדיג, אַז דער עצם פון אַלעם וואָס עקזיסטירט איז דער ווילען צום לעבען, האַלט ער זיך פאַר אַ געפאַנגענעם פון דער וועלט אַזוי לאַנג ווי אין איהם אַליין איז דאָ כאָטש אַן איינציגער פונק פון אָט דעם ווילען. וואָרים, ווען מען רייסט איבער דאָס פאַקטישע לעבען, הייסט עס בלויז אָפּגעריסען אַ בלימעל, אויף וועמעס אָרט עס וועט באַלד אויסוואַקסען אַ צווייטער, — מען דאַרף אויסרייסען דעם וואָרצעל, דעם קוואַל פון דעם לעבען, נעמליך, דעם ווילען צום לעבען, וואָס איז די שולד און די אורזאַכע, וואָס מיר זיינען אונטערגעוואָרפען די ליידען; מען דאַרף טאָן אַזוי, אַז מען זאָל הויך אויפהויבען זיך איבער'ן בלינדען שיקזאַל; וואָרים, אין וועמען וועקט אויף שרעק דער שיקזאַל? — ער הערשט בלויז איבער די, פאַר וועמען דאָס לעבען האָט אַ ווערט; אויב דער ווילען וועט זיך אין גרונט איבעראַנדערשען, און שטאָט ווילען צום לעבען וועט עס ווערען דער ווילען צום טויט — וועט דער ליידענדער אריינפאַלען אין די ווייכע אָרעמס פון דער גליקזעליגער גלייכגילטיגקייט און אַ געראַטעטער וועט ער זיין גאַנצען לעבען זיין דער אַפּאָסטאָל פון דעם אבסאָלוטען טויט, אַלס אַן אַקט פון ערלייזונג.

דאָס איז די גראַנדיעזע פילאָזאָפיע פון בודיזם, דער ראַדיקאַלסטער מיטעל ווי צו באַפרייען זיך פון דעם שרעקליכען שיקזאַל. לויט איהר קלאָרער פאַרשטעלונג פון דער וועלט, לויט איהר ענטשלאָסענהייט, קאָנסעקווענץ און טיעפקייט, האָט זי ווייט איבערגעשטיגען אַלע פעסימיסטישע סיסטעמען פון דער מענשהייט.

און אַ גרויסע צאָהל רעליגיאָנען, פילאָזאָפישע סיסטעמען, שפּרוכען און מיטהען שטויסען דעם מענשען אָפט אָדער פאַרשטעלטערהייט אויף אָט דעם וועג. און פאַר דעם קאַלטען שטיינערנעם פּנים פון שיקזאַל הויבט זיך אויף דאָס פאַרגליווערט שמייכלענדע געזיכט פון דעם מענשען, וואָס האָט געזיעגט אַ דאַנק זיין זעלבסטענטזאַגונג.

אָבער דאָס איז ניט די איינציגע וויזהייט, וואָס מענשען האָבען געשאַפען אין אָנגעזיכט פון שיקזאַל.

אָבער צוזאַמען מיט אַלע ליידען, האָט דאָך דאָס לעבען זיינע פריידען! פאַרוואָס זאָלען מיר ניט אָפּנאַרען דעם שיקזאַל, פאַר־וואָס זאָלען מיר זיך ניט אויסלאַכען פון איהם, פאַר וואָס זאָלען מיר ניט צו׳גנב׳ענען אַלע פריידען, וואָס געפינען זיך אויף זיין טיש? אזוי האָט געטראַכט און געפיהלט דער טיפּישסטער גריך אַנאַקרעאָן. „דאָס לעבען איז קורץ און פול מיט טרויער — באַ־ציהר־זשע זיך מיט רויזען, קוש דיין שעהנע פריינדין און פאַרגעס זיך ביים שוימיגען כוס אונטער׳ן קלאַנג פון האַרף און ליעדער.“ דאָס איז זיין שטענדיגער רעפריין. די דאָזיגע לעבענס־ווייזהייט, וואָס איז אַזוי געשעצט געוואָרען פון די גריכען האָט געבאָרען דאָס העלענישע געפיהל פאַר מאָס און די וואַקכאַנאַלישע אָרגיען.

„קאָן דען דער פּעסימיזם אַרויסוואַקסען פון דער פולקייט פון לעבען? קאָן דען זיין געפעהרליך איבערמעסיגע געזונטהייט?“ פרעגט ניטשע און ער ענטפערט, אַז יאָ. מיר זיינען פולשטענ־דיג איינפאַרשטאַנען מיט איהם.

קיינער איז ניט אריינגעדרונגען אַזוי טיעף אין דעם עצם פון דער גריכישער טראַגעדיע, אין דעם גריכישען קוק אויפ׳ן שיקזאַל, ווי העגעל. ארויסגעהענדיג פון זיין שטאַנדפּונקט, קאָן עס אַזוי ערקלערט ווערען: דער מיטעלער מענש, ווען אפילו ער איז אונ־טערוואָרפען אונטער ליידען, קאָן ער זיי אַלענפאַלס אין אַ גרויסער מאָס אויסמיידען, אויב ער וועט זיך האַלטען אין די לעבענס־ראַ־מען, וואָס זיינען איהם באַשטימט פון דעם שיקזאַל. די געטער זיינען גנעדיג צו די מענשען, וועמעס פאַרלאַנגען זיינען מעסיגע, וועלכע וואַרפען זיך אונטער אונטער די אַלטע מנהגים, אונטער וועלכע מען קאָן דורכלעבען דאָס לעבען א ו מ ב א מ ע ר ק ט פון שיקזאַל. אָבער דער שטאָלצער מענש, וואָס האַלט שטענדיג אויפגעהויבען אין דער הויך זיין קאָפּ, געהט שטענדיג פאַרלאָרען. די אורזאַכע דערפון איז, וואָס דער שטאָלצער פּאַרציייטיגער מענש איז אונמיטעלבאַר און אימפּולסיוו. ער לעבט אַ פולען לעבען און די גאַנצע געזונטע ענערגיע פון זיין מעכטיגער פיגור רייסט זיך ביי יעדער געלעגענהייט ארויס; ער רעאַגירט שנעל. ער איז אַן אַקטי־ווער און ניט אַן איבערטראַכטענדער מענש, אָבער טאַקע אין דעם אַלעם באַשטעהט זיין אומגליק. ווייל דער וועלט־אַל, איינשלי־

סענדיג אויף אין איהם די מענשליכע געזעלשאפט, איז זעהר קאמפליצירט; יעדע גרויסע טאט, וואס איז אהן איבערלייגונג געטאן געווארען, ברײנגט אין באוועגונג די גרויסע סיסטעם פון באציהונגען און קרעפטען, צו וועלכע דער אקטיווער מענש שענקט ניט קיין אויפמערקזאמקייט; די פאלגען פון זיין טאט צוואוואקסען זיך ווי א גרויסער וואלקען און פארניכטען איהם. אין דעם טאקע ליגט די שולד פון עדיפ'ן אדער אנטאגאנינע'ן. עדיפ איז ניט שולדיג אין אלע זיינע האנדלונגען (סאפאקל ווייזט עס קלאר ארויס אין דעם לעצטען טייל פון זיין טראגעדיע); ער איז זיי באגאנגען אהן זיין וויסען, אבער א מענש, וואס קען ניט פארטראגען קיינע באליידיגונגען, א מענש וואס יאגט זיך גייציג נאך מאכט און כבוד, וואס גלויבט מיט'ן גאנצען הארצען אין אלץ, אין וואס עס פארוויילט זיך איהם נאר גלויבען, — אט אזא מענש, כאטש ער וועט זיך אויפהויבען גאנץ הויך א דאנק זיין ענערגישען כאראקטער, וועט אבער סוף־כל־סוף טיעף פאלען. „דו ביזט בלינד, מענש", און סאפאקל וויל זאגען: „*ווי וואגסטו צו האנדלען*?" — „דו ביזט בלינד, מענש", זאגט ער צו זיין אנטאגאנינע'ן: „ווי זשע וואגסטו צו *אורטיילען*?" גערעכט איז אנטאגאנינא, וואס וויל בלייבען טריי צו די פארשריפטען פון די אלטע געטער און פאמיליען מנהגים, אבער זי האט אינגאנצען ארויסגעלאזען פון זינען דאס מלוכה־לעבען, איהר זיינען אינגאנצען פרעמד די וויטע האריזאנטען פון מלוכה־ציעלען. גערעכט איז קרעאן, וואס פיהלט אונטער זיך דעם פעסטען באדען פון מלוכה אינטערעסען; אבער ער מיינט, אז ברײנגען די פערזענליכקייט פאר א קרבן צו דעם שטאאט איז זיין פליכט, און א פליכט א לייכטע. פרואוו אויס, דו שטאלצער מענש, צי דעם מענשליכען הארצען איז ליעב צוברעכען צו ווערען פון די פארשריפטען פון דעם אומ'ברחמנות'דיגען געזעץ! נעם ניט אויף זיך קיין שווערע אויפגאבען, געה ניט ארויס פון די גרענעצען, וואס דער שיקזאל האט באשטימט פאר דיר! בויג זיך איין, בויג זיך איין אויף וויפיעל דו קענסט נאר, מענש, בויג זיך נידעריגער, אפשר וועט דער שיקזאל, וואס פליהט ארום אויף זיינע שטיינערנע פליגלען ניט אנריהרען דיך. דאס איז, אין אלגעמיינע

שטריכען — לויט העגלען — די פילאָזאָפיע פון דער אַלט־קלאַסי־שער טראַגעדיע.

אויף וועלכען פון די גריכען האָט אַם שטאַרקסטען געווירקט די דאָזיגע טריסטלאָזע פילאָזאָפיע? פאַרשטעהט זיך, אויף דעם געזינטערען און קרעפטיגערען, אויף דעם, וואָס האָט ניט געקאָנט שלום מאַכען מיט זיין מזל, אויף דעם עהרגייציגען, באַוועגליכען און ליידענשאַפטליכען. און אַזוי, ווי אַט דער טיפּ מענש איז גע־ווען זעהר פאַרשפּרייט צווישען די העלענען, האָבען טאַקע פון דאָרט אַרויסגעשטראָמט צוויי גרויסע קולטורעלע שטרעמונגען: די רעליגיאָן און די פילאָזאָפיע פון געמעסיגקייט און אָרגיעס.

פראָקלאַמירען דעם אידעאַל פון געמעסיגקייט, מאַכען איהם פאַר'ן עצם פון דער גאַנצער קולטור, פאַרגעטערען, פאַרהערליכען איהם, דאָס האָט געפאָדערט די נשמה פון דעם גריך, אין וועלכער עס האָט געלעבט אַן אומגעצאַמטער ענטוזיאַזם, אַלע שטורמישע ליידענשאַפטען און וועלכער האָט דערפאַר געאַרדפט אַ מיטעל צו קאָנען פיהרען זיין וואָגען, וואָס איז געווען געשפּאַנט מיט אַזוינע צולאָזטע פערד.

דער שיקזאַל האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין דער געטין פון נקמה: אַ מענש געהט פאַרלאָרען, ווען ער טרעט איבער די גרענעצען פון געמעסיגקייט, איינגעהאַלטענקייט, — אַזוי דאַרף זיין שטענדיג, וואָרים וואָס איז דער ציעל, דאָס גליק און דער שטאָלץ פון דעם מענשען. ניין, די נאַטור איז ניט קיין אונזיכי־גער באָאָם, — זי איז באַפעלקערט מיט פּראַכטפולע געטער, וואָס זיינען פול מיט מאָס און געהען ניט אַרויס פון זייערע גרענעצען. דער ליידענשאַפטליכער גייסט פון פּראָמעטעאוס דעם געטער באַ־קעמפער, דעם קריגערישען קעמפער פאַר די מענשען, דעם גייסט פון דער אַגרעסיווער, ריין מענשליכער קולטור, וועקט אויף ביי דעם גריך אין געהיים די טיעפסטע סימפּאַטיע, אָבער ער איילט זיך צו פאַרוואַנדלען דעם טיראַן זעאוס, וואָס האַלט אין צאַם דאָס מענשליכע געשלעכט, אין אַ קעניג פון גערעכטיגקייט, ער קושט די האַנט, וואָס האָט איהם אָנגעוויזען זיין פּלאַץ אַזוי וויים פון דעם גליקליכען אָלימפּוס. מען דאַרף זיין איינגעהאַלטען, ניט פאָדערען צו פיעל, כדי מען זאָל קאָנען לעבען, אין דער שטיל, צו

ביסלעך הנאה האָבען און... שטארבען. דער געדאַנק פון טויט האָט שרעקליך געדריקט די גריכען. דעם דאָזיגען פאָלק האָט זיך געוואָלט לעבען: עס האָט ליעב געהאַט זיין בלויען הימעל, בלויען ים, די בערג שפּיצען, דעם שפּיעל פון בלוט אין זיין האַר־צען און דעם שפּיעל פון געדאַנקען אין זיין מאַרך... בלויז אין מינוטען פון די שאַרפסטע ליידען האָט דער טויט געקאָנט אין זיינע אויגען אויסזעהען ווי גליק, און בלויז אין דער צייט פון העל־ראָאישע שלאַכטען האָט דער גריך געקאָנט זיין גלייכגילטיג צום טויט. אָבער דער טויט איז אונפאַרמיידליך. דער גריך האָט זיך דערפאַר באַמיהט צוצונעמען פון טויט דאָס שרעקליכע, וואָס עס ליגט אין איהם, ער האָט באַמיהט זיך אליין צו באַווייזען, אז ניט דאָס לעבען און ניט דער טויט האָבען וועלכען עס איז העכע־רען געדאַנק, אז צום טויט, אזוי גוט ווי צום לעבען דאַרף מען זיך באַציהען גלייכגילטיג און דער מענש האָט אַן איין־איינציג ציעל, — געניסען וואָס מעהר פערגעניגענס.

אָט שטעהט פאַר אונז דער עלעגאַנטער קירענאיער, דער פּרינציפּעלאָזער חונף, וואָס פּטר׳ט אזוי לייכט דאָס לע־בען: „פאַנג יעדע זיכערע רגע, טראַכט ניט, וואָס וועט זיין מאָר־גען: היינט באַלאַנגסטו נאָך זיכער צו זיך, אָבער ווער קאָן דיר גאַראַנטירען פאַר מאָרגען?“ אָט שטעהט פאַר אונז דער עפּיקורער מיט אַ שטילען שמייכעל, וואָס זאָגט, אז די געטער אַרט ניט פאַר די מענשען, און אַז זיי וועלען אונז ניט שטערען הנאה האָבען פון לעבען. „בלויז זיי געמעסיגט, אויב דו ווילסט ניט, אז דאָס פאַרגעניגען אליין זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין פּיין, קוש ניט צו שטאַרק די ראָזע בעקלעך, — אז ניט וועלען דיינע ליפּען פול ווערען מיט געשמאַקלאָזען אַש, האַלט ניט צו שטאַרק ביים מויל דעם כוס וויין, — דער וויין וועט ווערען סם פאַר דיר; רוהיג און געמעסיגט באַנוץ זיך מיט׳ן לעבען“. דער עפּיקורעאיזם איז די קירענישע פילאָזאָפיע, צופיהרט מיט וואַ־סער: די גריכען האָבען געטרונקען און געגאָסען וואַסער אין זייער וויין אַריין, זיי האָבען ליעב געהאַט דעם וויין און מורא געהאַט פאַר איהם.

אָט שטעהט פאַר אונז דער ציניקער אין טראַנטעס,

אָפּשפּעטענדיג קוקט ער ארום זיך און קוועטשט מיט די פּלייצעס:
„נאָך וואָס יאָגט איהר זיך מענשען? די חיות זיינען גליקליכער פון אייך! איהר האָט דאָך אלץ אוועקגעגעבען פאַר'ן רעכט צו קענען אָטעמען, זייט־־־־־ קאָנסעקווענט און דערפיהרט צו א מי־נימום אייערע באַדערפעני‏שען.“

מיר לאָזען זיך ארונטער מיט א טרעפּ נידעריגער, פאר אונז שטעהט דער ס ט אָ א י ק ע ר. קאַלט און גלייכגילטיג איז זיין געזיכט, קיין זאַך פרעהט איהם ניט און ערגערט איהם ניט: „מאַך הארט, מענש, ווי שטאָל, דיין הארץ, — געדענק, דאָס לע־בען איז געגליכען צו א חלום. זיי שטאָלץ! ווער ניט הינגערי־סען פון די צוזאַגונגען פון לעבען, כדי זאָלסט קאָנען פונקט מיט אזא שטאָלצער גלייכגילטיגקייט פארטראָגען די ענטוישונגען פון לעבען. זיי שטענדיג גרייט פאַר'ן טויט!“

ס'אַרא זאָנדערבארע פאָרמען נעמט אָן די פילאָזאָפיע פון נעמעסיגקייט.

„טו קיין שלעכטס ניט אין לעבען, — הערען מיר א שטי־מע — דאָס לעבען אליין איז שלעכטס... א ריינער זאָלסטו דורכגעהן דיין וועג, טראָג פאַרזיכטיג דורך דיין נשמה: דאָ איז זי א געפאנגענע, פול מיט טרויער און פיין; אלס באַלוינונג דערפאַר, וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ פון פארגעניגענס און פאר דיין ריינקייט וועסטו קריגען אָן אָפּרוה, פול מיט גליקזעליגקייט, דאָרט, אויף דער צווייטער זייט פון דער אייביגקייטס־שוועל“.

דאָס איז די לעהרע פון די אָרטיקער און די ניי־פּיטאַגאָרעער.

עס פיהרט אונז אלץ נעהנטער און נעהנטער צו די טויערען, ביי וועלכע עס באגעגענט אונז דער שמייכעל פון דעם אונפאר־גלייכבארען סאקיא מוני.

וואָרים אין דער טיעפעניש פון דער פילאָזאָפיע פון געמע־סיגקייט, צי זי איז א פארבלאָז־פּיליכטערישע צי א גריכיש־קינסטלערישע, וואָרצעלט זיך דער פארלאַנג נאָך רוה, איז שוין דאָ אָן אָנפאנג פון דעקאַדענס.

דער העדאָניזם אזוי גוט ווי דער אסקעטיזם ציהען זייער יניקה פון דער פילאָזאָפיע פון ענטזאגונג. צום ערשטען ענטזאגט זיך דער מענש פון דער געפעהרליכער רעכט פון בכורה פאר'ן

געגום פון א טאָפּ ליגזען, און דערנאָך זאָגט ער זיך אָפּ פון דעם אַלץ נאָך געפעהרליכען געגום צוליעב רוה, קאַלטע און שווארצע רוה.

לויגט עס זיך דען אָבער? לויגט עס זיך דען אין אנגעזיכט פון טויט אזוי פאַרזיכטיג ארומצוגעהן אַלע ליידען? איז דען ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג? איז דען ניט בעסער זיך צו פאַר־געסען אויף א מאָמענט, זיין חוצפה'דיג, געוואגט ביז משוגעת און שפעטער — זאָל זיין וואָס עס וויל? איז דען ניט בעסער זיך אָנצוטרינקען מיט ריינעם וויין, ביז עקסטאַז צוטאַנצען זיך, אז אַלץ ארום זאָל זיך אויסמישען אין א ווילדער, קראַנקהאַפטער ענטציקונג? אויף דעם וועג רופט דער זאָנדערבאַרער באַרבאַ־רישער גאָט, וועמעס קאָפּ איז מיט וויינטרויבען בעקראַנצט — דיאָניסוס. און די גאַנצע בעהאַלטענע קראַפט פון זינליכקייט גיסט זיך אוים אין א ווילדער, פערצווייפעלטער אָרגיע.

אָבער דער עצם פון דעם דיאָניסוס־קולט איז אויך די פאַר־צווייפלונג, פונקט ווי פון אַלע פריהערדיגע סיסטעמען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דאָס טראַגישע געפיהל איז געוואַקסען לויט דער מאָס, ווי עס איז געוואַקסען די זעלבסט־ערקענטניס, לויט דער מאָס, ווי דער אינדיווידום האָט זיך אָב־געטיילט פון דער סביבה. דער טראַגיזם פון לעבען האָט זיך אין דער אַלטער צייט זעהר שוואַך געפיהלט. דער מענש האָט גענומען די פאַרטיגע לעבענס־ווייזהייטען; קיין פראַגען וועגען דעם, ווי צו לעבען, וואָס איז דער ציעל פון לעבען, — האָט ער זיך ניט געשטעלט. עס איז צו באַוואונדערען די טיעפקייט פון די אַלטע מיטהען, וואָס האָבען ארויסגעבראַכט די ליידען פון דעם מענ־שען לויט זיין ערקענטניס פון גוטס און שלעכטס.

אָנשפאַרענדיג זיך אָן דעם פעסטען געזעלשאַפטליכען קער־פער, כמעט ניט אנערקענענדיג זיך פאַר עפּעס פערזענליכעס, איז דער מענש געווען באַשיצט געגען די גרויזאַמקייטען פון שיקזאַל און, א דאַנק דעם, וואָס זיין פערזענליכקייט איז ניט געווען ענט־וויקעלט, האָט ער קיין שום גרענעצען ניט איבערגעטראָטען און ער האָט זיך בעוואוסטזיניג ניט באַמיהט צו שטעלען זיך וועלכע ניט איז גרענעצען, געגרעכטפערטיגען אָדער באַפּוצען זיי. די ציע־לען פון דער געמיינדע זיינען געווען זיינע ציעלען, איהר לעבען —

זיין לעבען. דאָס איז געווען אַ הערליכער באָדען צו ענטוויקלען אַן אמת׳ע מענשליכקייט, אָבער די עוואָלוציאָן פון דעם מענשליכען גייסט האָט געדאַרפט דורכגעהן דעם פּיינליכען שטאַדיום פון דער מאָראַלישער איזאָלירונג פון דעם אינדיווידואום, פון דער פאַר־קלענערונג פון ציעלען, דעם שרעק פאַר׳ן טויט א. ז. וו.

דאָס צופאַלען פון דער געזעלשאַפטליכער סאָלידאַריטעט און פון טראַדיציאָנעלען גייסט, די ערוואַכונג פון קריטיציזם ביי די אינדיווידומען און די אַלע ליידען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דעם, וואָס די דורות אַלטע זיילען האָבען געגומען זיך וואַקלען, האָבען געבאָרען אַזאַ גרויסע ערשיינונג ווי די אַטהענישע טראַ־געדיע. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אין קאַמף מיט דער לעהרע פון די סאָפיסטען, האָבען די טראַגיקער געוואָלט אָנוואַרפען אַ שרעק אויף דעם מענשען דורך בילדער פון דעם אומפאַרמיידליכען אונטערגאַנג פון די שטאָלצע; אָבער אין דער בליהענדער עפּאָכע האָבען זיי ערררייכט בלויז דאָס ענטגעגענגעזעצטע דערפון, ווי עס זאָגט עדות אַריסטאָטעל אַליין. דער גייסט פון דער אַטהענישער טראַגעדיע, אַלס דער קאַמף צווישען צוויי יסודות — דעם פּראָ־מעטעאישען שטאָלץ און די סטיכישע קרעפטען — האָט זיך פאַר־לאָשען, ווען שרעק און מיטגעפיהל האָבען געזיעגט אין דער פילאָזאָפיע און דער רעליגיאָן.

אַ לאַנגע צייט איז רוים געווען פרעמד דאָס טראַגישע גע־פיהל. עס איז אמת, אַז עס האָט זיך זיכער ניט געפונען קיין צווייט פאָלק מיט אַזאַ אַבערגלויבישען שרעק פאַר אַן אָריגינעלען נייעם שריט אין פּריוואַטען לעבען. עס איז אַ צווייפעל צי עס האָט זיך געפונען אַן אַנדער פאָלק, וואָס זאָל מיט אַזוי פיעל צע־רעמאָניעס אַרומצאַמען יעדען שריט זיינעם, ווי די רוימער; דער־פאַר אָבער האָט עס געפונען פרייהייט און רוים פאַר זיך אין דעם אונגעהויערען וואוקס פון זיין שטאַאַט. אָט די דאָזיגע גייציגע שטרעבונג פון רוים, אַרונטערצונעמען די גאַנצע וועלט אונטער איהר אייזערנער האַנד, האָט אויף אַ לאַנגע צייט פאַררוקט אָן אַ זייט אַלע פראַגען פון אַ טראַגישען כאַראַקטער. „וואָס איז דער ציעל אין לעבען?“ — „דיענען דעם שטאַאַט“. דער רוימישער אָד־לער האָט אָנגעפילט מיט שטאָלץ דאָס האַרץ פון יעדען רוימער.

אָבער דערפאַר איז דער רוימער געווען גראָב, ער האָט אפילו קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון זיין מיסיאָן. וועו עס האָבען זיך באַוויזען די גרויסע אינדיווידומען, גרוים בלויז אַ דאַנק זייער אינדיווידואַליטעט — איז דאָס געווען אַ סימפּטאָם פון אינערליכער צופאַלונג, און דאָס טראַגישע באַוואוסטזיין, אין די פאַרצווייפעלטסטע און ערגסטע פאָרמען, האָט באַהערשט רוים. נירוואַנאַ האָט באַזיעגט די שטאָלצע ברוסט פון רוים. אמת, די נירוואַנאַ איז געקומען אין געשטאַלט פון דעם קריסטליכען הימעל, אין געשטאַלט פון אַ צוזאָג אויף אייביגער גליקזעליגקייט, אָבער דאָס וויכטיגסטע אין אָט דער פאָרם פון קריסטענטום, וואָס האָט אַזוי צוגעצויגען די דאַמאַלסטדיגע וועלט — איז געווען דאָס אָפּלייקענען פון לעבען און פון די לעבענס-ציעלען.

דאָס לעבען איז אומגליק, זינד. מיר זיינען פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט מיט זינדיגע, שלעכטע קרעפטען. דאָס, וואָס די רעליגיאָן פון געמעסיגטקייט איז גרייט געווען צו אנערקענען פאַר נעטליך, איז גלייך צו די געטער פון דער באַרבאַרישער הפקרות: אפאָלאָן איז פונקט אזא מיוועל ווי בעל און מולך. דער שיקזאַל איז נערעכטפערטיגט געוואָרען: די שולד ליעגט אין דעם מענשען, און אויף דעם באַדען ווערט בעשאַפען איינער פון די גרעסטע טראַ־נעדיעס אין דער געשיכטע פון דער קונסט — די טראַגעדיע פון ערלעזונג.

דאַכט זיך, אז קיינמאָל אין דער מענשליכער געשיכטע איז נאָך ניט געווען אזא שטאַרקע שטרעמונג אין דער ריכטונג וואָס איז געגענגעזעצט דעם בודהיזם, ווי אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס.

דער קעמפּערישער מוט, דער פראָמעטעאוס פייער איז קיינ־מאָל ניט אויסגעלאָשען געוואָרען אין דעם מענשען, געשטיקט פון דעם שיקזאַל האָט ער געטליעט און מיט אַמאָל אויפגעפלאַמט מיט אַ קראַפט, וואָס מען האָט נישט געקאַנט איינצאַמען און זיינע דעוויזען זיינען געווען די יסודות, וואָס לוציפער און פּראָמעטעאוס האָבען אריינגעטראָגען אין דעם מענשליכען לעבען: 1) אַ קריטי־טישע באַציהונג צו דעם לעבען, ערקענטניש פון גוטס און שלעכטס, איבערשאַצונג פון אַלע ווערטען, 2) בלינדע האָפנונגען, וואָס גיבען די מעגליכקייט צו קוקען ווייטער פון קבר, 3) פייער, ווי דער

אָנפאַנג פון מענשליכער קולטור, — מיט אַנדער ווערטער — ער־קענטניש, אידעאַלע ציעלען, עקאָנאָמישער פּראָגרעס, אָבער צוליעב דעם, אַז די קולטור, וואָס באַשטעהט פון דער ענטוויקלונג פון די דריי איינציגע גרויסע שטרעמונגען, זאָל זיין מעגליך, איז פריהער פון אַלץ נויטיג אַ לעבענס באַשטעטיגונג.

אַ מענש, וואָס פאַרלייקענט ניט, נאָר באַשטעטיגט דאָס לע־בען, וועט ענטוועדער פּאַראָורטיילען די נאַטור, ווי אַ סכום פון זינ־לאָזע קרעפטען, מיט וועלכע ער איז דאָך גרייט צו קעמפען, אָדער ער בענשט זי, אַלס דעם קוואַל פון לעבען. אָננעמענדיג די גרויס־פאָדערונג פון לעבען, ארויסגעהענדיג צום קאַמף מיט דער נאַטור, פאַרלאָזט זיך דער מענש אַם מעהרסטען אויף זיין שכל, אויף זיין פאַרשטאַנד. לויט העגעלן איז דער אימפּולסיווער מענש ניט דער־וואַקסען דערצו, אַז ער זאָל זיך גען רעכענען מיט דער ארומיגער ווירקליכקייט, ער וויל די נאַטור, די סטיכיע באַזיגען דורך זיין ערקענטניש. דאָס איז אַ דאָמינירענדער שטריך אין דער נייער געשיכטע. צוזאַמען מיט דעם ווערט דאָס געפיהל פון דעם מענ־שען אַלץ איידעלער, דינער. די בלינדע ליידענשאַפט צופאַלט. עס טרעטען ארויס די געמיטסצושטאַנדען צווישען וועלכע די איי־דעלע, דינע געפיהלען פאַרנעמען אַ באַדייטענדע ראָל. אַלץ מעהר און מעהר הויבען די מענשליכע ליידען אָן צו שטאַמען פון זיין אינערליכען לעבען. אָבער נייע אומגליקען שיקט אויף דעם מענ־שען דער שיקזאַל, און דאָס טראַגישע געפיהל טרעט אריין אין אַ נייער פאַזע, וואָס טיילט אַזוי שאַרף אָב די מאָדערנע טראַגעדיע פון דער אַנטיקער.

און פאַר'ן אַנגעזיכט פון דעם זעלבען שיקזאַל בעוואָפענט זיך דער מענש מיט די איידעלסטע, פּאַלקאָמסטע אַנאַליטישע אינ־סטרומענטען, אָבער פון דער שווערער אַרבייט, וואָס דער מענש מוז דורכפיהרען, איידער ער באַשליעסט זיך אויף אַ בעדייטענדען באַ־שלוס, ווערט פּאַראַליזירט זיין אַקטיוויטעט. צוויי פריינד, וואָס זיינען אין תוך שונאים, וואַקסען אויס אין דעם מענשענס נשמה, — דער שוין צו שאַרפער, דינער שכל און דאָס שוין צופיעל צערטליכע געפיהל; זיי גראָבען אָפּטמאָל אונטער דעם וואָרצעל פון יעדען ווילען.

דערפון שטאַמט, וואָס פיעלע גרויסע פאַרשטעהער פון אונזער עפּאָכע בענקען נאָך יענער אונמיטעלבארקייט, וואָס איז אזוי פאַר־אורטיילט געוואָרען פון דער גריכישער קולטור.

עס שטעהט פאַר דעם מענשען פאַר אין גאַנצען צו באהערשען זיין שכל און זיין ראַפינירטע עמפינדליכקייט, זיי מאכען הארמאָניש מיט זיין ווילען, כדי, א בעוואָפענטער מיט זיי, זאָל זיין ווילען קאָנען געהן אין קאַמף מיט דער נאַטור און נעהנטער קומען צו דער איינציג אמת׳ער לעבענס־ליכטיגער און פּאָזיטיווער לעזונג פון דער אייביגער פּראָבלעמע.

כדי מיר זאָלען קאָנען דארשטעלען דעם עצם פון דער היינטיגער טראַגעדיע וואָס קאָנקרעטער, וועלען מיר אנאַליזירען דריי טיפּען פון דער מאָדערנער טראַגעדיע: מייסטער היינריך, ווי א קרבן פון זיינע געפיהלען; האמלעט, ווי א קרבן פון זיין שכל; און פאוסט, ווי א פּאָזיטיווען און זיעגערישען טיפּ.

ווייל נישט בלויז בודהא אליין קאָן זיך געגענשטעלען דעם שטיינערנעם פּנים פון דעם שיקזאל, איהם האָט דורכגעשטאָכען מיט זיין אָדלער־בליק דער גרויסער חכם פון דעם אומרוהיגען מערב. דער גרויסער וואָלפגאַנג געטהע קוקט אויף איהם מיט א געוואגטען צוטרויען און ליעבע, און דאָס שטיינערנע פּנים, דאַכט זיך, איז גרייט צוצושמייכלען זיך צו איהם, דער ספינקס איז גרייט צו זאָגען: „ווייזער עדיפּ, דו האָסט מיך געלעזט".

2

מייסטער היינריך.

מעגליך, אז פאַר פיעלע וועט אויסזעהן זאָנדערבאַר, וואָס צוזאמען מיט „האמלעט" און „פאוסט" אנאַליזירען מיר גערהארד האופּטמאַן׳ס „פארזונקענעם גלאָק". מיר מיינען גאָרניט צו פאַרגלייכען דעם טאלאַנטפולען האופּטמאַן מיט די ריעזען פון דער וועלט־פּאָעזיע, אפילו ניט זיין קונסטווערק מיט די טראַגעדיען פון שעקספּיער און געטהע; מיר אנערקענען בלויז, אז אויסער די גרויסע

פּאָעטישע פאַרדיענסטען, איז אין דעם „פאַרזונקענעם גלאָק“ פאַר־קערפּערט אַ בעדייטענדע אידעע, וואָס איז גאַנץ בולט אַרויסגע־בראַכט געוואָרען אין אַ גאַנץ טיעף אָנגעצייכענטען כאַראַקטער, וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר אונזער טעמאַ.

עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אַ מיינונג, אַז די אידעען, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דעם ווערק, זיינען גענומען פון ניטשע'ן. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דער גרויסער דענקער האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף האופּטמאַנ'ען, אָבער דער הויפּט בעגייסטערער אין דעם פאַל איז, אָהן צווייפעל, געווען איבסען, וועמען הויפּטמאַן האָט אויך פריהער געהאַט נאָכגעאַהמט. ד ע ר פ אַ ר ז ו נ ק ע־נ ע ר ג ל אָ ק איז אַ מערכענהאַפט־שעהנער, פאַראַלגעמיינטער און פאַרפּאָעטיזירטער ר אַ ס מ ע ר ס ה אָ ל מ ס. ווי שטאַרק „ראַסמערסהאָלמס“ האָט געווירקט אויף האופּטמאַנען קאָן מען זעהן דערפון, וואָס אויך זיין „פוהרמאַן הענשעל“ שטעלט מיט זיך פאָר אַ וואַריאַנט אויף דער טעמאַ, וואָס די דאָזיגע דראַמאַ בעהאַנדעלט. דער הויפּט פאַרדיענסט פון האופּטמאַנ'ס דראַמאַ אין פאַרגלייך מיט איבסענ'ס איז, ניט בלויז די וואונדערבאַרע שפּראַך און די פּאָעטישע פאַראַלגעמיינערונג פאַר וועלכער מיר האָ־בען ניט קיין אַנדערען טערמין ווי ס י מ ב אָ ל י ז ם. די נאַטוראַ־ליסטישע דראַמאַ איז שטענדיג אַן עפּיזאָד פון לעבען, אַמאָל זעהר אַ באַלערענדער; די טראַגעדיע, אָבער, דאַרף זיין אַ מיטוס, אין וועלכען עס דאַרף זיך אָבשפּיעגלען אַ גאַנצע וועלט מיט אידעען; אין דער טראַגעדיע דאַרף אַלץ זיין אונפאַרגלייכבאַר שטאַרקער, שאַרפער, דער פאַרנעם — ברייטער, וואָרים בלויז אין אַזאַ פאַל וועלען אויפ'ן ערשטען פּלאַן אַרויסטרעטען די אַלע וויכטיגע, צאָל־רייכע זייטען פון לעבען, ווענען וועלכען עס האַנדעלט זיך, און זיי וועלען זיך ניט פאַרלירען אין דעם מינדערוויכטיגען, סביבה'יד־נען, מיקראָסקאָפּיש־אַנאַליטישען. די נאַטוראַליסטישע דראַמאַ איז דער ערשטער שריט צו פאַראַלגעמיינערונג, די טראַגעדיע — דער צווייטער. אמת, די בילדער ווערען אַבסטראַקטער. דערפאַר אָבער נעמען זיי אַרום אַ ברייטערען פעלד. די טראַגעדיע פיהרט אונז אַריין אין דעם קעניגרייך פון אידעען. קינסטלערישע גאַנצע און קאָנסעקווענטע כאַראַקטערען ענטוויקלען זיך אין אַזאַ אומגעבונג,

וואָס איז פאַר זיי בעשאַפען געוואָרען פון דעם דיכטער'ס פאַנטאַזיע און ניט פון דעם בלינדען צופאַל. אין דער טראַגעדיע וואַקסען זיי אויס, קריסטאַליזירען זיך, נעמען אָן די ריכטיגע פאָרמען; אין דער טראַגעדיע רעדט דער מענש ניט אין נשמה־לאָזער פּראָזאַ, נאָר אין זיין אמת'ער שפּראַך — האַלב זינגענדיג, ריטמיש. די אמת'ע שפּראַך פון דעם מענשען איז ריטמיש און מעלאָדיש. רייד מענשליכע אויסגעדריקט אין פּראָזע, לויט מיין מיינונג, זיינען פּונקט אזא פּאַרזועהעניש, ווי די אזוי גערופענע פּראָזאַ פון לעבען.

מערקווירדיג איז דאָס, אז די דריי דיכטער, וועמעס ווערק מיר קלייבען זיך דאָ אַנאַליזירען, פיהרען ארויס זייערע העלדען שוין צובראָכענע מענשען. האַמלעט איז אַ צובראָכענער מענש נאָך פאַר דעם ערשטען אַקט פון דער טראַגעדיע, און אין דער טראַגעדיע ווערט ער גיכער בעפרייט פון זיינע ליידען, ווי פאַרניכטעט. און פאַוסט, פּונקט אזוי ווי האַמלעט, ערקלערט כמעט אין זיינע ערשטע פאַר ווערטער, אז ער איז גרייט צו שטאַרבען. דאָס זעלבע איז אויך מיט היינריך'ן. עפּעס האָט ער געשאַפען, צו עפּעס האָט ער געשטרעבט... צו וואָס זיין נשמה האָט געבענקט — האָט ער אַליין קלאָר ניט געוואוסט. אָבער ער איז געווען גראָב, געגען זיין אייגענעם ווילען, צו זיין ליעבענדער פרוי, געגען זיין אייגענעם ווילען האָט עם איהם עפּעס אַ שטוים געטאָן אין די בערג אריין... אָט די דאָזיגע הויבע בערג, מיט זייער ווילדקייט און שעהנקייט, האָבען זיך אין זיין פאַנטאַזיע צוזאַמענגעגאָסען מיט זיין קונסט, מיט זיין קינסטלערישען חלום וועגען דעם נאָך ביז איצט ניט געהערטען גלאָקען־געזאַנג. טיילמאַל האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז דער נייער גלאָק, וואָס ער האָט געהאַלטען אין אויסגיסען, וועט זיין דער, וועגען וועלכען ער האָט גע'חלום'ט, אָבער זעהר גיך האָט ער זיך ענטטוישט. ער האָט געוואָלט דעם קלאַנג פון זיינע גלאָקען אויך לאָזען הערען די בערג, אָבער די בערג־גייסטער האָבען זיך ביטער נוקם געווען אָן איהם און האָבען איהם צוזאַמען מיט זיין אָרעם און עלענד ווערק אראָפּגעשטופּט אין תהום אריין.

אין אזאַ עלענדען אויסזעהן זעהען מיר איהם אין ערשטען אַקט, ווען ער וואַכט אויף אויפ'ן שוים פון דער נאַטור. אזוי הויבט זיך אויך אָן דער צווייטער טיפּ — פאַוסט. איבער דעם

פאַרמאַטערטען מענשען טראָגען זיך מיט אַ הערליכען געזאַנג „די גרויסע קליינע גייסטער פון דער נאַטור“ און דרינגען אַריין אין זיין נשמה, טראָגענדיג מיט זיך גענעזונג, בערוהיגונג, נייע, פרישע, קרעפטען. די זעלבע צערטליכע, פאַר׳חלום׳טע, געהיימניספולע, פולקרעפטיגע נאַטור וויקעלט אויך אַרום דעם ליידענדען היינריך: זי וועט נאָכפאָלגען איהם אין זיין ענגען צימער, זי וועט איהם אויסהיילען, צוריקברענגען צו זיינע כחות, אָבער זי וועט פאָדערען אַ באַלוינונג דערפאַר.

זעהר כאַראַקטעריסטיש זיינען די באַציהונגען פון היינריך און פון פאַוסט צו דער נאַטור. פאַוסט האָט ליעב די נאַטור, אָפט־מאָל איז זי פאַר איהם אַ קוואַל פון בעגייסטערונג, אָפטמאָל פרואווט ער אַריינדרינגען אין איהר געהיימניספולער טיפעניש; אין די מאָמענטען, ווען זיין נשמה איז פול, זעהט די נאַטור איהם אויס נאָהענט און אייגען, אָבער פאַוסט איז הויפּטזעכליך — אַ מ ע נ ש. פיהלענדיג די גרויסע שעהנהייט פון דער נאַטור, פיהלט ער אָבער אין נאָך אַ גרעסערער מאָס איהר פיינדליכע קראַפט, וואָס דאַרף באַזיעגט ווערען; זי איז פאַר איהם אַ רעטעניש, וואָס דאַרף געלעזט ווערען, זי איז פאַר איהם פּרוכטלאָזע כוואַליעס, ביי וועלכע מען דאַרף אויסקעמפען לעבען און פרייהייט... פאַוסט פיהרט די מענשען אין שלאַכט געגען דער נאַטור: א י ה ר ב ל י נ ד ע ס ט י כ י ע ו ו י ל ע ר א ו נ ט ע ר ט ע נ י ג מ א כ ע ן צ ו ד ע ם פ א ר ש ט א נ ד. אַנדערש איז היינריך, ער איז אין גאַנ־צען עמאָציע. ווען ער האָט באַגריפען די נאַטור איז ער גלייך געוואָרען איהר פאַרעהרער, פּריסטער, איהר פּרעדיגער! זיין אויפ־גאַבע איז ניט די אויפגאַבע פון דער גאַנצער מענשליכער קולטור, נאָר אַן אַנדערע, נעמליך, צ ו ר י ק צ ו ב ר ע נ ג ע ן ד ע ם מ ע נ ש ע ן צ ו ד ע ר נ א ט ו ר, בעפרייען איהם פון זיינע נאַרישע פאָראורטיילען, פון זיין קרענקליכען, קליינעם אַרט לעבען און צוריקברענגען צו דער זון, צו דער פרייד!

ווען מענשען געוועהנען זיך ווי־ניט־ווי צו צו דער נאַטור, מאַ־כען זיי צווישען זיך וואָס גיכער שלום און דעמאָלט ווערט די גרעסטע טוגענד — געמעסיגטקייט, דאָס באַנוגענען זיך מיט ווי־ניג ,און דערנאָך קומט שוין אַליין די טיפע פינסטערניש פון די

אַלע אַנדערע טוגענדען, וואָס וואַקסען אַרוים פון דעם צוזאַמענ־לעבען פון האַלבע קאַליקעס און האַלבע אידיאָטען. געדולד און דעמוטיגקייט ווערט די פילאָסאָפיע פון דעם פיליסטער. דאָס ווערט פון איין זייט זיין רעליגיאָן, און ווילדער קאָנסעקווענטיזם פון דער צווייטער זייט. כדי עס זאָל ווידער אויפברויזען דער קאַמף מיט דער נאַטור, דאַרף מען זיך אומקעהרען צו איהר, שעפּען כחות ביי איהר, ווערען פּאָדערענדיגער, שלעכטער, אויפלעבען אין זיך דעם שטאָלץ און אַלעם איבעריגע, וואָס עס פאָדערט אַ קעמפּענ־דער גייסט. וואָרים די נאַטור לערנט אונז דאָך ניט קיין אידיליען, ווי עס פאַרזיכערען אונז פאַרשיידענע פיליסטער, נאָר אייביגען קאַמף!

ווי שטעלט האופּטמאַן פאָר די נאַטור? זי איז מעכטיג, שטאָלץ, שלעכט און פּאָדערענדיג; דאָס ווערט אויסגעדריקט דורך וואַלדשראַט, ניקעלמאַן, ראַוטענדעליין, וואָס ריידען פאַר איהר; אויסער דעם איז זי גלייכגילטיג צו דעם גאַנצען ים פון לעבען, וואָס זי געבירט. אין וויטיכענ׳ס רייד שיינט דורך ניט נאָר אַ סטיכישע ווייזהייט, נאָר אויך די העכערע, איבערמענשיכע גוטסקייט, וואָס באַציהט זיך צו היינריך׳ן פונקט אַזוי, ווי צו דעם שמעטערלינג.

דאָס פולסירען פון געזונטע קרעפטען פיהלט זיך אין דער גאַנצער באַפעלקערונג פון די בערג, כאָטש עס פעהלען אויך ניט קיין שלעכטע קרעפטען... אָבער דאָס איז צום גוטען: אין דער דאָ־זיגער שלעכטסקייט איז דאָ עפּעס ליכטיגעס, אמת׳דיגעס, עפּעס, וואָס איז אונענדליך ווייט פון יעדער פייגהייט, וואָס ווערט פאַר־העריכט פון פאַרשיידענע מענשעלעך דאָרט אין טאָל. די נאַטור, אין געשטאַלט פון איהרע נישט קאַליע געוואָרענע קינדער, האָט פיינט דעם מענשען. די באַציהונג פון דעם באַרג צו דעם טאָל קאָן מען כאַראַקטעריזירען מיט די ווערטער פון געטע׳ס סאַטיר, וואָס האָט זיכער געדיענט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר וואַלדשראַטען און, מענ־ליך, געבאָרען אין האופטמאַנס מח דעם געדאַנק פון זיינע בערג־גייסטער

און די מענשען פון זייער זייט האָבען ערקלערט די נאַטור פאַר אומבאַדייטענד און זינדיג און זיך אַליין געשטעלט העכער פון איהר. די קלוגע וויטיכען זאָגט:

שווייגט... איך קען גוט אַלע איי׳רע דרשות!
כ׳ווייס: די געדאַנקען איי׳רע זיינען זינד,
אַן ארון איז די ערד; דער בלויער הימעל —
דער דעק פון ארון. די שטערען זיינען לעכלעך,
אַ גרויסע לאָך אין הימעל — איז די זון.
די וועלט וואָלט אונטערגעהן, ווען ס׳וואָלט ניט זיין קיין פאַסטאָר,
און אונזער הער גאָט איז אַליין אַ פּריסטער.
שמיץ! בלויז שמיץ! אָט דאָס האָט איהר פערדינט,
און קיין זאַך מעהר!

און דער פּריסטער, אַלס ענטפער אויף דעם, באַשיט זי מיט זידלערייען.

אָבער די קינדער פון דער נאַטור קוקען מיט פיינדשאַפט און זיי קאָנען ניט פאַרשטעהן ניט בלויז די צופרידענע, זאַטע, אַר־ביימזאַמע פּריזירער, שול־לעהרער, פּריסטער, נאָר אויך די אויס־דערוועהלטע, אין וועמעס ברוסט עס לעבט דאָס אמת׳ מענשליכע שטרעבען, די פּרוטבאַרע אומצופרידענהייט. עס זעהט פאַר זיי אויס זאָנדערבאַר, און צוקוקענדיג זיך צו דעם, קעהרט זיך דער עלעמענטאַרער גייסט מיט עקעל דערפון אָפּ.

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער אַלוויזהייט, האָט דער עלעמענטאַרער גייסט דאָס מאָל אַ טעות. דער דאָזיגער שטריך פון מענשליכען גייסט, דער דאָזיגער מענשליכער טיף האָט זיך אַרויסגעוויזען מעהר מעכטיג און קאָמפּליצירט, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט. ניט אומזיסט האָט די שענסטע נימף, די בעגייסטערטע, אונגעצאַמטע ראוטענדעליין, די גאָלדלאָקיגע, גע־פיהלט צו די דאָזיגע מענשען אַזאַ טיפע סימפּאַטיע, אַזאַ שווער־מוטיגע, פול מיט טרויעריגע פאָרגעפיהלען, בענקשאַפט. און דער קלוגער ניקעלמאַן רוימט איין אין אויער פון דער נימף, זיין עלע־מענטאַר־קאַלטע, ווי קוואַל־וואַסער, קלאָרע און פשוט׳ע וויזהייט:

דער אָנפאַנג פון דעם מענש איז דאָ, צווישען אונז;
דאָך אָבער ווייניג איז ער אויף אונז עהנליך.
ר׳איז יאָ און ניט אַ זוהן פון אָט דער וועלט,

א העלפט פון איהם באַלאַנגט אהער, די צווייטע וואו?
אויף העלפט איז ער א ברודער אונז, א נאָהנטער,
אויף העלפט איז ער א שונא אונז, א פרעמדער.
אָ, וועה צו דעם, וואָס פון זיין באַרג־געצעלט
צו די פאַרפלוכטע מענשען געהט אַרונטער!
דער וואורצעל פון דעם שטאַם איז קראַנק, דאָך ווילד זיין זינען—
און זיך אליין פארוואונדעט אזוי אָפט דער דאָזיגער שטאַם.
גלייך ווי אין קעלער דער קאַרטאָפעל, ווען ער הויבט אָן שפּראָצען,
ציהט זיך אַרויף, אַרויף אַלץ, אזוי אויך ער
מיט קראַנקע הענט ציהט זיך צום ליכט אַלץ,
די זון, זיין מוטער, געדענקט עס אָבער מעהר שוין ניט.
דער פריהלינגס־ווינט ברעכט לייכט די קראַנקע צווייגען,
ווען לייכט און מילד ווערט גראָד פון איהם געצערטעלט.
וואַרף זיי אוועק, נעה נישט אין זיי׳רע רייהען,
ווייל וועסט פאַרזונקען ווערען גיכער ווי א שטיין.
זיי וועלען דיך מיט נעבעל טיעף פאַרהיילען,
פאַרוואַנדלען וועלען זיי ס׳געלעכטער דיינס אין טרערען
און שמידען וועלען זיי דיך צו אַן אַלטען בוך
און ווי אויף זיי, וועט זיין אויף דיר דער זונענמוטער׳ס פלוך,

ווער איז דאָס אזוינס ראוטענדעליין? עס איז גענוג צו זעהן ווי דאָס דאָזיגע קינד פון דער נאַטור באַציהט זיך צו היינריך׳ן כּדי צו וויסען, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר: זי איז די לאַסקע פון דער נאַטור, זי איז די לאַסקע פון פרייע ליעבע (איז דאָך דאָס אויך די נאַטור), זי איז אַן אונמיטעלבאַר וועזען, א שטאַרקע, אַן אומענדליך איבערגעבענע אין ... זיך, א טיעף אונגליקליכע. דאָס, וואָס דער מענש האָט געקאָנט אַריינציהען אין זיין טראַגישען שיקזאַל אזא וועזען, וואָס איז פול מיט געזונדע קרעפטען און לעבענס־פרייד, בעווייזט אונז קלאָר, מיט וויפיעל אָנציהענדער שעהנהייט זיינען פול די פּראַגרעסיווע שטרעבונגען פון דעם מענשען. פאַר׳ן גלח איז עס משוגעת, פאַר ניקעלמאַנען — קראַנקהייט, אָבער ראוטענדעליין קושט אוים א בעגייסטערטע מיט איהרע זיסע ליפען די מאַרטירער קנייטשען אויף דעם הויכען שטערן פון דעם זשעני.

די נאַטור און דער מענש זיינען איינער דעם צווייטען געגאַנגען אַנטקעגען. די פּראַכטפולע פּעע האָט געגעבען דעם מענשען דאָס גליק און פאַרגעניגען, וואָס בעגייסטערט דעם מענשען צו פּראָקלאַמירען פאַר גאָט די זון, אָן וועלכער, לויט ניקעלמאַן׳ס מיינונג, ער האָט פאַרגעסען.

אָבער די מענשען און די גייסטער זיינען אויפגעשטאַנען געגען דעם בונד. זיי וואָלטען ניט געקאָנט באַזיעגען אָט דאָס שטראַליגע פּאָרל, ווען עס וואָלט זיי ניט... ווען עס וואָלט זיי ניט געלונגען אַרונטערצונעמען היינריך׳ס קאָפּ ניט מיט אַ גרויסען באַרג, נאָר מיט אַ שטרויעל.

לאָמיר זיך נעהענטער צוקוקען צו היינריך׳ס כאַראַקטער, כדי צו פאַרשטעהן דעם פאַטאַלען אויסגאַנג פון זיין לעבען.

דאָס איז אַ פּאָעט, עמפּינדליך ביז גאָר, אומבאַשטענדיג און מיט אַ צערטליכער נשמה.

ווען די נאַטור קרעפטען האָבען איהם פאַרניכט, ווייס ער אפילו ניט צו בעטען וועגען עפּעס אַנדערש, ווי וועגען רוה, פאַרגעסענהייט: „זאָג, אַז קיינער ,אַז קיינער זאָל מיך ניט וועקען" — זאָגט ער.

אָבער די האַלבווירקליכקייט, האַלב־חלום נעמען איהם צערטלען, און ער ענטפּערט אויף די דאָזיגע צערטליכקייטען מיט אַזאַ הערליכען געבעט, מיט אַזאַ קינסטלערישען־אונמיטעלבאַרען אויסגוס:

האָסט צוגעבויגען זיך צו מיר? הויב מיך אויף
איצט פון דער ערד מיט הענט מיט צערטליכע...
אָ, זי איז גרויזאַם, דער שיקזאַל האָט צו איהר מיך
צוגעשמידט,
ווי צו אַ קרייץ... גיב פרייהייט מיר..
דו קענסט עס... אָ, נעם דו מיט דער האַנט דער צערטליכער,
פון קאָפּ דעם דערנער־קראַנץ אַראָפּ...
זיי האָבען מיר מיט איהם דעם קאָפּ באַקראַנצט,
איך אָבער דאַרף איהם ניט, איך דאַרף דעם קראַנץ ניט,
איך דאַרף נאָר ליעבע, ליעבע בלויז!

דאָ איז אזוי דאָך גוט... ווי הערליך און ווי צערטליך
די בוימער רוישען, מיט הענט מיט דונקעלע,
געהיימניספול באוועגען זיך די טאַנען,
און שאָקלען פייערליך אזוי די קעפּ...
אזוי ווי אין א מערכען! דאָס איז א מערכען...
ווי שטיל, ווי זאָנדערבאַר עס ווערט אין וואַלד...
אָט נעמט דאָס מערכען זיך באוועגען,
עס נעהנטערט זיך צו מיר א ווייסע...
ווייזט מיט זיין ווייסען פינגער אָן אויף מיר...
האָט אָנגעריהרט זיך אָן די אוי׳רען מיינע... מיינע ליפּען...
מיינע אויגען...
און איז פארשוואונדען... אָבער דו געבליבען ביסט!
דאָס מערכען — האָס ביזט דו!
אָ, מערכען, קוש מיך!

און אָט האָט ער זיך ווידער געפונען. ער לעבט אויף. און אָט איז זיין בענקענדע פרוי, וועלכע מען דאַרף נאָך טרייסטען, איינבעטען צו לעבען.

איז דען איהם ניט שלעכט? פאַרוואָס דאַרף מען איהם מאַ־טערען מיט אָט די ליעבעס פליכטען?

און זי, אין גאנצען א בלייכע, מיט אויגען פול מיט טרערען, שטעהט אויף די קני ביי זיין בעט און מורמעלט מיט האלב טויטע ליפּען:

ניט גרויזאַם זיי צו מיר כאָטש היינט!

וואָס אָבער זאָל ער טאָן? ער קאָן מעהר נישט לעבען מיט דער שוין צו פיעל גוטער פרוי:

זיין אמת הייסט ביי דיר זיין גרויזאַם.

ווי אָפט טרעפט זיך דאָס! ווי אָפטמאָל שניידט דער אמת, ווי א שאַרפער מעסער, און שניידט דאָס לעבעדיגע לייב פון א נאָהענטען מענשען. וואָס בלייבט אָבער צו טאָן? שווייגען? לאַי־

גען? נאָהענט דאַרפֿען בלויז זיין די מענשען, וועלכע האָבען א י י ן אמת. אָבער היינריך איז גאָרנישט גרויזאַם. אָט איז שוין זיין האַרץ ווייכער געוואָרען, אָט בעווייזען זיך אין זיינע אויגען טרערען, און ער זאָגט צו זיין אומשולדיגען קרבן:

גיב מיר די האַנט. כ'האָב שלעכטס דיר פֿיעלע מאָל
מיט וואָרט און טהאַט געטאָן, און פֿיעלע מאָל באַליידיגט
האָב איך דיין ליעבע אויך: איצט זיי מיר מוחל, מאַגדא!
כ'האָב קיינמאָל ניט געוואָלט עס טאָן, דאָך האָב איך
עס אָפֿט געטאָן. איך וויים ניט ווער ס'האָט מיך דערצו
געצוואונגען,
איך וויים בלויז, עמיץ האָט געצוואונגען מיך דערצו.
אָ, זיי מיר מוחל, מאַגדא!

און מיט א הינרייסענדער צערטליכקייט פֿרעגט זי איהם:

„זאָג, וויסטו, וואָס דו ביסט פֿאַר מיר?"
— „איך וויים עס ניט!" —

ענטפֿערט ער מיט א ליידענדער שטימע. וואָס איז ער אין אמת'ן פֿאַר איהר? ווי אזוי קאָן ער עס וויסען? זי איז דאָך פֿאַר איהם גאָרנישט.

מאַגדא איז א וואוילע, זי וויים אָפּצושעצען די גרויסקייט פֿון איהר מאַן. אָבער דאָס איז נאָך ערגער! וואָלט זי זיין א פשוט פֿרוי, וואָלט מען דאָך געקאָנט זיך בעפֿרייען פֿון איהר, אָבער אזא פֿרוי האַלט פֿעסט דעם מאַן.

האָסט מיך גענומען און האָסט אויפגעהויבען מיך
און פֿאַר א מענש געמאַכט. אונוויסענד, אָרעם, שרעקענדיג
בין איך געוועזן. מיין הימעל איז געוועזן גרוי.
האָסט מיך אַרויסגעלאָקט, געטראָגען צו דער פֿרייד!
כ'האָב קיינמאָל שטאַרקער ניט געפֿיהלט דיין ליעבע
ווי אין די רגע'ס יענע, ווען האָסט מיט דיין רויער האַנט

מיין פּנים, וואָס אין נאַכט געוועזען איז פאַרזונקען,
געווענדט צום ליכט. איצט זאָג, וואָס איז דיין זינד,
וואָס איך דאַרף דיר פאַרגעבען?

איהר וואָלט זיך געוואָלט זיין זיין ראַוטענדעליין... דאָס איז נאָך ערגער פאַר איהר: ער דאַרף דאָך ניט האָבען ניט איבערגע־בענהייט און ניט זאַרגזאַמקייט... זי קאָן דאָך איהם ניט געבען יענע אומבאַשרייבליכע פרייד פון פרייער ליעבע, וואָס עס האָט איהם געשאָנקען ראַוטענדעליין! פּאַראַפראַזירענדיג איבסענ׳ען, וואָלט היינריך געקאָנט פרעגען: „האָסטו דען האָר וואָס פּאַלען ווי אַ גאָלדענער מבול? פיהלט זיך דען אין דיינע אויגען דער אָפּ־גלאַנץ פון דעם בליץ? קענסטו דען לאַכען אַזוי, אַז דאָס האַרץ זאָהל נעמען טאַנצען אין דער ברוסט און קושען, אַז עס זאָל פאַר־געהן פון זיסע ליידען? — לאָז מיך אַליין!" היינריך זאָגט:

יאָ, מיין ווערק געוועזען איז שלעכט...
אָ, מאַגדאַ, יאָ, דער גלאָק, וואָס איז אַראָפּגעפּאַלען,
איז ניט געוועזען געמאַכט פאַר בערג און ניט געקענט
אין בערג אָן עכאָ אויפצואַוועקען...

און היינריך טרויערט ניט אויף דעם, ער האָט בלויז מורא, אַז ער זאָל ניט, ווי זיי רופען עס דאָרט אָן, געזונט ווערען, אַז זיין לעבענס־געטראַנק, וועלכער איז אַ מאָל ביטער און אַ מאָל זיס גע־ווען, אָבער שטענדיג שטאַרק, זאָל ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קיהלען געטראַנק, —

זאָל ווער עס וויל אַזאַ איהם טרינקען,
מיר אָבער איז דערווידער בלויז אַ טראַכט צו טאָן דערפון!

איהר איז עס פיינליך צו הערען, און זי שטעלט דעם מאַן אַ פראַגע, וועלכע ווייזט ס׳אַרא פיינער פּאָעט הויפּטמאַן איז:

אָ, זאָג מיר, מאַן, ווי ס׳איז דיר כריסטוס ליעב!
ווי קומען, זאָג, צו דיר אַזוינע טרוי׳ריגע געדאַנקען?
אָ מענש, ווי דו, וואָס איז פון הימעל אַזוי רייך באַשאָנקען,

און איז אַזוי באַריהמט ביי אַלע פאַר זיין קונסט!
האָסט זיך מיט פריינד, אָהן אויפהער, אַלץ געמיהט, און
הונדערט גלאָקען
אויף הונדערט טורעמס קלינגען אוים דיין רוהם!
דו האָסט אַריינגעגאָסען זיך אין פורפור־גלוט פון אָוועגט,
און אין דעם גאָלד פון ליעבען גאָט'ס פריהמאָרגען!
אָ, עושר, וואָס דו קאָנסט אַזוי פיעל שענקען!
דו ביזט גאָט'ס שטימע, דו, וואָס האָסט בלויז
געהאַט דאָס פרייד וואָס האָט אַ גליק־צוטיילער אין דער צייט,
ווען מיר דאָ לעבען בלויז פון בעטעל־ברויט, —
דו קוקסט אויך, זאָג, מיט עקעל אויף דיין ווערק?
אָ, היינריך, קענסטו מיך איצט צווינגען לעבען
דאָס לעבען, וואָס איז אַזוי ביטער?
וואָס קאָן דאָס לעבען זיין פאַר מיר, ווען דו
וואַרפסט עס אַוועק פון זיך, גלייך ווי אַ שלעכטען פעניג...

פאַר קליינע און אומבאַדייטענדע מענשען איז אומפאַרשטענדליך דער טרויער, וואָס מאַטערט מענשען בעדייטענדע. זי ווערט שווער דערפון; עס ווערט זיי שווער, וואָס זיי קאָנען ניט פאַרשטעהן, פאַר וואָס ליידט עפּעס זייער אַ נאָהענטער מענש, אַ בעדייטענדערער פון זיי און דערביי האָבען זיי אַ געפיהל, אַז זייער נשמה מוז זיין קליין, ווען זי קאָן זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס עס דריקט און מאַטערט דעם בעדייטענדען מענשען. דער פאַרלאַנג נאָך מאַכט און נאָך שאַפען ווערט ניט קלענער, פאַרקעהרט, וואָס גרעסער דער גייסט איז, אַלץ גרעסער ווערט דער פאַרלאַנג, עס וואַקסט אין פיין און איז פאַרניכטענד ניט בלויז פאַר די נאָהענטע פון דעם גרויסען גייסט, נאָר אויך פאַר איהם, עס איז אַזוי לאַנג געפעהרליך, ביז דער גייסט דערגרייכט יענע זוניגע ספערע, וואו די נשמה, וואָס גאַרט נאָך רוים, קאָן זיך אויפהויבען, ווי אַן אָדלער, ברייט, רוהיג, שטאָלץ.

מאַגדאַ איז גרייט אויף אַלץ, אַבי נאָר היינריך זאָל צוריקגעווינען זיין אַמאָליגע קראַפט... כמעט אויף אַלץ. זי איז גרייט צו ליידען פאַר איהם, צו שטאַרבען פאַר איהם... אָבער ווייטער קאָן

איהר קרבן ניט געהן: זי איז גרייט אוועקצוגעבען פאַר איהם איהר לעבען, אָבער זי וועט איהם קיינמאָל ניט ערלויבען, אַז ער זאָל זי פאַרלאָזען.

איצט קענען מיר דעם שרעקליכען שונא פון מייסטער הייני־ריך: דאָס זיינען זיינע נאָהענטע, די הויזיגע... די שונאים פון דעם מענשען זיינען זיינע הויז מענשען, — שטעהט אין עוואַנגעליום. זייערע פיילען טרעפען אין דעם אָנגעוועהטיגסטען אָרט, זיי בינדען איך מיט די שרעקליכסטע קייטען — מיט די קייטען פון זייער ליעבע. אָבער די ליעבע פון אָבגעשטאַנענע, באַגרענעצטע מענשען איז אַן אומגליק פאַר דעם מענשען, וואָס האָט אַ צערטליך הארץ. און אויב נאָך די דאָזיגע באַגרענעצטע מענשען זיינען ניט אין גאַנ־צען טעמפּ, אויב די דאָזיגע קראַפטלאָזע זיינען דערצו נאָך אַ ביסעל עהרענהאַפט, איז דער אומגליק נאָך גרעסער! אַ פרוי, וואָס פאַרגיסט טרערען, וואָס כאַפּט זיך מיט די שטאַרקע הענט פון פאַרצווייפלונג פאַר אַ מענשען — איז באמת אַ שונא, אַ נסיון. „פיהר אוועק די פרוי!" — האָט ארויסגעמורמעלט דער שטאַר־בענדער סאָקראַט. אָבער אָט די פרוי איז געווען קסאַנטיפּאַ! קלוג איז געווען דער אַלטער אַטענער: קסאַנטיפּאַ איז צוגעפּאַסט צו זיין די פרוי פון אַ העלד! ס'אַרא גליק וואָלט געווען, ווען הייני־ריך'ס ווייב וואָלט געווען קסאַנטיפּאַ!

פאַרוואָס איז די לעצטע צייט געוואָרען אַזוי אָנגעוועהטאָגט די פראַגע פון מיטגעפיהל? פאַרוואָס האָט ניטשע אָהן רחמנות בעפאַלען דאָס מיטגעפיהל, ווי אַ פעסטונג פון שונא? פאַר וואָס האָט איבסען וועגען דעם אויפגעשריבען אַזאַ שרעקליכע זאַך ווי „ראָסמערסהאָלם" און פאַרוואָס האָט דער קלאַנג פון דעם „פאַרזונ־קענעם גלאָק" אַזוי פיינליך אָפּגעקלונגען אין אַלע הערצער? מיר ווייסען, אַז דער ציעל פון דער טראַגעדיע איז אויפצואוועקען שרעק און מיטגעפיהל און דורך דעם בעפרייען דעם מענשען פון אַזוינע געמיטסצושטאַנדען. איז דען אָבער אונזער צייט אַזוי מיטפיהלענד? האָבען מיר דען צופיעל רחמנות? איז דען באמת אונזער קולטור, די קולטור פון מיטגעפיהל?

ניין, טויזענד מאָל ניין! אונזער קולטור איז די קולטור פון בלוט, די קולטור פון נקמה, די קולטור פון פאַרניכטונג פון שוואַכע־

רע ראַסען, און, פריהער פון אַלץ, אַ קולטור פון האַרצלאָזער קאָנ־קורענץ און נאָך מעהר האַרצלאָזער עקספּלואַטאַציאָן.

יאָ, מיר זיינען אומבאַרמהערציג. דער גאַנצער געבוי פון אונזער געזעלשאַפטליכען בנין איז שרעקליך און אונברחמנות'דיג. אָבער מיר האָבען זיך דערצו שוין צוגעוועהנט, מיר באַמערקען עס אַפילו ניט — דאָס איז געשעפט! אויב איך דערטרינק אַ קאָנקורענט, אויב איך באַצאָל ניט דעם אַרבייטער, וואָס איהם קומט — דאָס איז מיין געשעפט, דאָס פאָדערט פון מיר דאָס לעבען... אין אַלעם איבריגען בין איך זעהר באַרמהערציג, מיטפיהלענד, באַזונדערס אין מיין קרייז, אין מיין פאַמיליע.

דאָס פרעדיגען פון מיטגעפיהל שטערט זיי מיט קיין זאַך ניט אין זייערע געשעפטען, דער דאָזיגער מיטגעפיהל איז זיי נויטיג פאַר'ן היימישען געברויך: אין הויז דאַרף מען די באַציהונגען מאַ־כען ווייכער און וואָס מעהר אַריינטראָגען צערטליכקייט און אַל־טרואיזם.

די זאַך באַשטעהט אין דעם, וואָס די קייטען פון מיטגעפיהל, וועלכע שטערען גאָרניט די הערשער פון דער וועלט, לאָזען אָבער קיין טראָט ניט מאַכען די קעמפער פאַר נייע וועלטען. דער קעמפער פאַר נייע אידעען זעהט אַז דער פונדאַמענט פון דער געביידע איז צופוילט, ער וויל עס פאַריכטען, אָבער צוליעב דעם דאַרף ער אָנ־ריהרען פיעלע אינטערעסען, אונטערוואַרפען זיך צו שרעקליכע גע־פאַהרען און אונאַנגענעמליכקייטען, און דאָ נעמען אונזערע געגנער שרייען וועגען מיטגעפיהל; אויב איהר וועט זיי ניט פאָלגען, וועלען זיי געגען אייך אַרויסשיקען אייערע נאָהענטע און זיי שטעלען אין דער ערשטער רייה געגען אייערע קוילען. דאָס מיטגעפיהל פון דעם פיליסטער שטעהט אויף אַ פונדאַמענט פון חיה'שער גרויזאַמ־קייט, און דער פונהאַמענט פון רעוואָלוציאָנער'ס גרויזאַמקייט איז זיין באַגעהר נאָך העלדען־טהאַטען אין נאָמען פון דער העכערער ליעבע צו דער מענשהייט.

אַזאַ מענש איז געוועזען היינריך און קלאָר וועט ווערען אונזער געדאַנק, ווען מיר וועלען אַנאַליזירען זיין טראַגישען שיקזאַל.

ווען ראַוטענדעליין האָט אומגעקערט היינריך'ן זיינע קרעפטען און איהם געשאָנקען איהר ליעבע, איז ער גלייך אַוועק אין די בערג

פול מיט דער וואהנזיניגער פרייד פון זיעג, וועלכע ער האָט אזוי באַגעהרט אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט.

נאָך איינמאָל וויל איך ווענדען זיך צום לעבען,
איך וויל פערלאַנגען, קעמפען; ווידער
וויל איך א מוטיגער נאָך האָפען, שאַפען,
שאַפען...

די אידעע איז אַלץ ברייטער און קלערער געוואָרען און הײנריך איז געווען פאַר׳שכור׳ט מיט זיין גראַנדיעזען פּלאַן פול מיט ליעבע און האָפנונג. וואָס איז דאָס פאַר א פּלאַן, ווי האָבען זיך מענשען באַצויגען צו זיין פּראָיעקט זיי גליקליך צו מאַכען, און וועלכען טעמפעראַמענט האָט הײנריך געהאַט — דאָס אַלץ ווערען מיר געוואַר פון דעם פּראַכטפולען און שעהנעם דיאַלאָג, וואָס הײנריך פיהרט מיט דעם פּריסטער און פון וועלכען איך וועל ברענגען די בעסטע שטעלען.

ווען דער פּריסטער, אַן ערנסטער, אַן אָנגעבלאָזענער, האָט זיך אויפגעהויבען אין די בערג, וואו הײנריך האָט געשאַפען, האָט איהם הײנריך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס: איהם איז נאָר־נישט איינגעפאַלען, אז מען קען זיך אויפהויבען אין די בערג מיט אנדערע ציעלען, ווי זיינע גראַנדיעזע און הייליגע ציעלען. דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר הײנריך׳ן.

איך זעה, אז איהר האָט מיט א פעסטער האַנט
די קייטען דורכגעבראָכען און דאָס גאָטעסדיענסט פאַרלאָזען,
און געלאָזט האָט איהר זיך גאָט צו זוכען!
איהר קענט מיר ווי א פריינד די האַנט דערלאַנגען!
און כ׳שווער אייך איצט ביי האָן, ביי שוואַן, ביי פערדענקאָפּ,
אז איך נעם אייך אויף ווי א פריינד, און כ׳וועל
אייך עפ׳נען ברייט די טירען צו דעם פריהלינג פון מיין זעל.

„איהר קאָנט אזוי האַנדלען“, ענטפערט דער גלח. — „ניט

איינמאָל האָט איהר שוין אזוי געהאַנדעלט, — איהר קענט דאָך מיך גוט."

איך קען אייך, יאָ. און וואָלט איך אייך ניט קענען,
און וואָלט פאַר מיר דאָ אין אַ מאַסקע פון אַ פריינד
די נידערטרעכטיגקייט אַליין געזעסען און געטראַכט
זיך מיט דער גוטסקייט מיינער געהרען, — וואָלט אויך זיין
דאָס זעלבע!
ווייל ס'קאָן מיין גאָלדענע מתנה ניט פאַרלירען
קיין האָר נישט פון איהר ווערט אפילו אין דעם הארצען
פון אַ סיקאָפאַנט.

אָט דאָס איז די איבערן ראַנד זיך גיסענדע עדעלע לעבענס־פרייד. אזאַ זעלענצושטאַנד מאַכט באמת דעם מענשען פאַר אַ טייל פון דער נאַטור, פאַר עפּעס סטיכישעס און הערליכעס. אָבער אזאַ היילינע אמונה אין דער אייגענער גאָלדענער מתנה איז פריה־צייטיג: דער ליעבער מייסטער וויים ניט, ער שטויסט זיך אפילו ניט אָן ווי שמאָל און שמוציג איז דאָס נשמה'לע פון דעם סיקאָ־פאַנט, און נישט נאָר זיינע, נאָר אפילו די נשמה פון דעם פּיליס־טער.

די אַלע טוגענדען, וואָס בליהען און געדייהען אין אַ נאָבעלער נשמה, וועלקען, ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט, אין די דאָזיגע נשמות.

דעם גלח'ס גראָבע אויערען פאַרנעמען קיין איינציגען קלאַנג ניט פון דער גאַנצער מוזיק, וואָס שטראָמט פון אָט דער פריידיגער נשמה, אָבער ער איז באַליידיגט פון דער זאָנדערבאַרער, אונגע־הערטער שבועה: „זאָגט, אַלענפאַלס, מייסטער, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאָנדערבאַרע שבועה?" — „האָן און שוואַן?" — „יאָ... אָבער מיט אַ פערדענקאָפּ אַלס צוגאָב".

איך וויים ניט, ווי ס'איז אויפ'ן זינען מיר געקומען!
מיר דאַכט זיך, אז דער האָן פון אייער קירכע,
וואָס שטעהט מיט זונען־שיין באַגאָסען,
דער פערדענקאָפּ פון שכנ'ס קליינעם הויז,

די שוואַן וואָס אין דער הימעל־בלויקייט
געפלויגען איז און זיך פערלאָרען, —
האָט אויפ'ן זינען מיר אַרויפגעבראַכט די שבועה;
עס איז דאָך אָבער אַלץ איינס.

דאָס איז אַ פּראַכטפולע שטעלע. היינריך'ס קינסטלעריש־און־מיטעלבאַרע, קינדישע נשמה איז נאָך באַפליגעלט מיט פרייד; ער נעמט זיינע בילדער פון איבעראַל, ער קלייבט זיי מיט אַ לייכטער האַנט, ער איז גרייט זיך צו שווערען מיט זיי, — וואָרים אין אָט די מינוטען איז איהם אַלץ ליעב אויף דער וועלט, אַלע אָרום זיינען זיינע ברידער און די זון איז אַלעמענס מוטער.

דאָס וואָס עס וואַקסט אין מיר איז ווערט
אַז ס'זאָל אויפבליהען און אויך צייטיג ווערען...
קיין מייסטער בין איך ניט געווען, אויך ניט גליקליך!
איצט בין איך ביידע זאַכען: גליקליך און אַ מייסטער!

דאָס פאַרזיכערט ער דעם פּריסטער און מיט אַ קינדישע פרייד דערצעהלט ער איהם, אַז זיין ציעל איז צו שאַפען עפּעס אַ באַזונדערע שפּיעל פון גלאָקען.

אין אַ רגע אָרום ווערט איהם אַליין לעבערליך, וואָס ער האָט מיט די דאָזיגע ווערטער באַצייכענט זיין גראַנדיעזען פּלאַן.

דער גלח שטוינט: גלאָקען? פאַר וועמען? ווער וועט פאַר זיי באַצאָלען? פאַר איהם איז אַ מייסטער — אַ בעל־מלאכה, וואָס נעהט, ווען זיינע קונדען באַשטעלען, שיך, גיסט גלאָקען. היינריך צוגיסט זיך אין פאָלגענדע פּראַכטפולע, פּאָעטישע ווערטער:

ווער וועט מיר פאַר'ן גלאָק באַצאָלען? פּאַסטאָר! פּאַסטאָר!
באַגליקט מען דען דאָס גליק? באַלוינט דען דעם לוין?
אַ גלאָקען־שפּיעל האָב איך דאָס ווערק מיינס אָנגערופען,
זאָל זיין אַזוי! דאָך אָבער, אין קיין קלויסטער
איז אַלץ ניטאָ קיין גלאָקען, וועלכע האָבען אַזאַ קלאַנג;
מיין גלאָק קאָן זיך אין קראַפט פאַרגלייכען

מיט'ן שטאַרקען שאַלען פון א פריהלינגס־דונער!
און מאַכען וועט ער מיט זיין קלאָרען קלאַנג
פאַרשטומען זאָלען אַלע קירכען־גלאָקען,
און פריידיג וועט ער אָנזאָגען, אַז ס'איז
דאָס ליכט אויף ס'ניי געבאָרען אויף דער וועלט!

דער עפעקט פון די דאָזיגע זאָנדערבאַרע, פריידיגע ווערטער איז אין גאַנצען אַן אונערוואַרטעטער: פאַר דעם פאַסטאָר איז דאָס אַלץ קינדערייען, פראַזען, אָבער ער פיהלט אַז דאָס איז עפּעס נייעס און עס איז געפעהרליך פאַר דער אונטערטעניגקייט, געמע־סיגטקייט און פינקטליכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט פאַר דורות און וועלכעס איז דער פונדאַמענט, דער תוך פון דעם פּילים־טערישען גליק.

אָ, מענש! וואַכט ענדליך אויף, וואַכט אויף! איהר טרוימט...
, איהר טרוימט דעם טרוים דעם שרעקליכסטען, פון וועלכען
צו פיינען אייביגע ערוואַכט מען. אויב גאָטס וואָרט
וועט ניט געלינגען אויפצואוועקען איך אַצינד, זייט איהר
פאַרלאָרען שוין אויף אייביג, מייסטער היינריך...
. . . . . . יאָ, מייסטער היינריך,
ס'איז אייער פאַרגעס פאַר מיר צו הויך,
איך בין אַ מענש אַ פשוט'ער, געבאָרען פון דער ערד
און איך ווייס גאָרנישט אין די זאַכען אייערע.
איינס אָבער ווייס איך, וואָס איהר ווייסט ניט מעהר:
איך ווייס, וואָס רעכט און אומרעכט, גוט און זינד איז.

— — — — — — — — — — — — — — .. — — — — — —

איהר מיידט די קירכע אויס און אין די בערג אַנטלויפט,
חדשים גאַנצע קומט איהר ניט אַהיים, וואו אייער ווייב
אַ בענקענדיגע זיצט, און אייערע קינדער
די מוטער־טרערען איהרע טרינקען.

היינריך ענטפערט איהם:

ווען איך זאָל קאָנען טרוקען מאַכען אַט די טרערען
וואָלט איך עס גערן טאָן. איך קאָן עס אָבער נים.

עס פיהלט מיין הארץ אין שעה'ן אין די פיינליכע,
אז כ'קאָן זיי איצט אין זייער וועה ניט העלפען.
כאָטש איך בין לויטער ליעבע און אין ליעבע ניי געבאָרען,
דאָך, איהר דארפט ניט די לעערע בעכערס אייערע
אָנפילען מיט'ן איבערפלוס פון מיין עשירות,
ווייל ס'וועט מיין ווייַן פארוואנדלען זיך פאר אייך
אין עסיג און אין גאל און ביטערען, און סם.
זאָל דער, וואָס האָט שטאָט פינגער פאלקענלאָפּעס
די בעקלעך פון די וויינענדיגע קינדער גלעטען?
זאָל גאָט זיי העלפען!

פאר דעם מענשענס אויג ציהען זיך דורות; אין זיין האנט ליעגט דער גורל פון געטער און מענשען... און קליינע אומבאדייטענדע פערזענליכקייטען ווערען אמאָל געהאָלפען אין זייער פארצווייפלונג. אָבער די אומבאדייטענדע, קליינע מיטגעפיהל ווייסט ניט פון גרויסער ליעבע. יעדע גרויסע אידעע חזר'ט איבער די דאָזיגע הייליגע, שרעקליכע ווערטער: „ווער עס זאָגט זיך ניט אָב פון פאָטער און מוטער און געהט מיר ניט נאָך, איז מיך ניט ווערט".

אָבער דער פאסטאָר איז פאלשטענדיג איבערצייגט, אז נאָכפאָלגען קריסטוסען הייסט זיין א גוטער בירגער, א גוטער פאמיליען מאן און זוהן, א זאָרגזאמער מאן, א צערטליכער פאָטער און אויסער דעם, זיין אונטערטעניג צו אלע שטאאטליכע און גייסטליכע אויטאָריטעטען און אָנגענומענע זיטען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז קריסטוס דער ערלייזער, דער סימבאָל פון אלץ ארומנעמענדער ליעבע איז נעהענטער היינריך'ן ווי דעם פאסטאָר; דער פאסטאָר האָט ניט קיין פארשטענדניש פאר'ן אמת'ן קריסטענטום.

דאָ שטעה איך, מייסטער, אן ערשיטערטער
פון אייער הארצענס שווערליכער הארטקייט,

זאָגט דער פאסטאָר,

דאָס ווערק, פון וועלכען איהר האָט דאָ געפלוידערט...
פערשטעהט אליין: איז דאָך די גרעסטע גרויל

וואָס האָט אַ היידען־קאָפּ ווען אויסגעטראַכט.
כ׳וואָלט בעסער וועלען, אַז די אַלע מכות,
וואָס גאָט אַמאָל האָט אויף מצרים אָנגעשיקט
זיי זאָלען איצטער אויף די קריסטען פאַלען,
ווי איהר זאָלט קאָנען ענדיגען איי׳ר טעמפּעל!
קערט זיך אום! באַזינט אייך! בלייבט אַ קריסט!
דען באַלד וועט זיין צו שפּעט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז היינריך קאָן זיך ניט אומקערען צו דעם קריסטענטום פון דעם פּאַסטאָר, פריזירער און שול־לעהרער. דעמאָלט נעמט דער פּאַסטאָר דונערען:

נענוג! דאָך ווייסט: ס׳איז שייטערהויפען פאַר מכשפות דאָ!
און פאַר די פערדינער פון זינד אויך זיינען דאָ
פאַרהאַנען איצט, פּונקט ווי אין אַלטע צייטען!
Vox populi, vox dei!
— אייער טעטיגקייט,
דאָס געצענדינערשע, איז ניט פון אונז פאַרבאָרגען,
און ס׳וועקט אויף שרעק און שנאה אין די הערצער.
עס קאָן געשעהן, אַז די עמפּערונג
זאָל זיך ניט לאָזען צאַמען מעהר, און ס׳זאָל דאָס פאָלק
פאַרניכטען אָהן רחמנות אייער ווערקשטאַט.

„אויב דער קראַנקער — ענטפערט היינריך — שלאָגט ארויס פון מיין האַנט דעם בעכער רפואות, וואָס איך טראָג איהם אונטער, איז עס ניט מיין שולד, זאָל ער ליידען“.
און דער פּאַסטאָר ענטפערט איהם:

ס׳איז דאָ אַ וואָרט,
חרטה הייסט עס, און אין אַ טאָג, אָ, מענש,
וועט דיך אין מיטען פון די כשוף־מעשיות דיינע
אַ קויל דורכלעכערען דאָס האַרץ דיינס —:
דו וועסט ניט לעבען און דו וועסט נישט שטאַרבען,

און זיך אַליין, די וועלט און גאָט און אויך דיין ווערק
וועסטו פאַרשעלטען! דערמאָן זיך דעמאָלט, מענש, אָן מיר!

„דאָס קאָן קיינמאָל ניט פּאַסירען“ — ענטפערט היינריך.

היינריך איז צערטליך, עדעל. זיין גאַנצעס שאַפען, זיין גייסטיג לעבען איז אַ פּראָדוקט פון זיין דינער, פיינער שטימונג און יעדער פיינטליכער ווינט קאָן צובלאָזען אָט די פיינע שטימונג זיינע. אויב זיין נשמה הויבט אָן צו טאַנצען, ווען זי דערפיהלט אַרום זיך פרייד, וועט זי אָבער אויסגעהן פון פּיין, ווען זי וועט דערפיהלען דעם אָטעם פון אַ פיינטליכע קראַפט.

דאָס געוויסען! דאָס געוויסען האָט זיך אין אונז אויסגעאַרבייט דורך יאָהר־הונדערטער און יאָהר־טויזענדער, עס האָט זיך אויסגעאַרבייט דורך געוואוינהייט, דורך דער גרויזאַמער געזעלשאַפטליכער דרעסירונג, דורך די שטראָף־רייד פון די פּריסטער; זי איז אויסגעוואַקסען אין אָן איררעציאָנעלער קראַפט, פאַלשטענדיג צוגעפּאַסט פאַר אַ פיהרענדע ראָל אין אַ געזעלשאַפט, וואָס שטעהט אויף אַ נידריגען שטאַנד, אָבער איז אומערטרעגליך און אוננויטיג פאַר אַ באַוואוסטזיניגען מענשען. דאָס געוויסען פּראָטעסטירט ניט נעגען די מעהרסטע גרוילטהאַטען פון דער היינטיגער קולטור, אָבער דערפאַר לייגט עס נאָך צו אינערליכע פּיינען, יסורים צו די שטראָפען, וואָס די געזעלשאַפט לייגט אַרויף אויף די קעפּ פון די פאַרברעכער. עס קאָן זעהר פּאַסירען, אַז אַ מוטער, וואָס האָט גע'גנב'עט ברויט פאַר איהרע קינדער, זאָל לייי־דען פון געוויסענסביסע, אָבער קיינמאָל וועט ניט ליידען קיין געוויסענסביסע דער אונטערנעמער, וואָס דריקט אַרונטער דעם אַרבייטס־לוין אָדער שיקט אַוועק זיינע אַרבייטער אין די שווערע צייטען פון אַ קריזיס. דאָס געוויסען היט אַם מעהרסטען אָפּ אַלטע געוואוינהייטען און איז אַ שונא צו יעדען געדאַנק.

אמת, עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער געוויסען; דאָס געוויסען פון אַ גאַלילייַ אָדער ברונאָ; אַ קעמפּעריש געוויסען, וואָס וועט אייך ניט שטראָפען פאַר זאַכען, וועלכע איהר אַנערקענט ניט פאַר זינד. דאָס איז אַ באַוואוסטזיניג געוויסען, דאָס קינד פון פאַרשטאַנד, אָט דאָס געוויסען פאַרשרייבט אייך בלויז אַזוינע

טוגענדען, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען די קריטיק פון פאַרשטאַנד, וועלכע זיינען ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף איין, נאָר וועלכע איהר האָט אָנגענומען פריינוויליג נאָך אַ טיעפער, פערזענליכער איבערשאַצונג פון אַלע ווערטען. אָט אַזאַ געוויסען האָט דאָס געטריבען היינריך'ן אין די בערג אריין, אָט דאָס געוויסען האָט עס איהם געמאַכט צו „פאַרטיידיגען די מענשען געגען זיך אַליין", אָבער איצט ערוואַכט אין איהם יענער, דער אַנדערער, דער אינסטינקטיווער, דער גע'ירשנ'טער פון די אורעלטערען געוויסען, וועלכען יעדער מענש, וואָס נעהט פאַראויס, דאַרף הרג'ענען אין זיך. יעדער נייער גלויבען באַפרייט דעם מענשען פון די פאַרשריפטען פון דעם אַלטען גלויבען, ער איז אַ פּרוכט פון פרייהייט, איז פרייוויליג פון אונז אָנגענומען געוואָרען, און דער אַלטער גלויבען איז געווען געזעץ, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף אונז און עס איז איהם געלונגען אריינצודרינגען טיעף אין דעם אויבערבאוואוסטזיניגען טייל פון אונזער נאַטור, און באַהערשענדיג אונזערע אינסטינקטען, אַטאַקירען אונז דורך זיי. סאָקראַט האָט ניט געוואָלט אַרונטערזעצען פון טראָן קיין איינציגען גאָט, ער האָט געוואָלט זיי באַפעסטיגען, אַרויספיהרענדיג זיי פון דעם פינסטערען, אונטערערדישען טעמפּעל פון טראַדיציאָן און אינסטינקט אין דעם ליכטיגען טעמפּעל פון פרייהייט און פאַרשטאַנד... אָבער ער איז פאַראורטיילט געוואָרען פאַר צולאָזען די יוגענד. די זאַך איז פשוט: די געטער געטרויען זיך ניט איבעריג פיעל.

ניט איינער ליידט פון געוויסען. היינריך ליידט. זיין נשמה איז דאָך געווען אַזוי וואַכיג, אַזוי דין. פון די ספערען, וואוהין עס גרייכט ניט דאָס אויג פון דעם פאַרשטאַנד, דערטראָגט זיך די שטימע פון געוויסען... ביי נאַכט קומט זי און שטיקט היינריך'ס ברוסט. זעהר געראָטען איז דער איינפאַל צו אָביעקטיווירען דאָס געוויסען, אריינצולייגען זיינע גרויזאַמע רייד אין דעם מויל פון דעם פאַרזעהעניש ניקעלמאַן, וואָס הויבט זיך פון דעם שאָטענדיגען גרונט פון זיין טיעפען ברונען.

עס קריכען שאָטענס הונגעריגע אויף די בערג,
ווי וואָלקענס פינסטערע, בייז און שווייגענדיג,

מיט פויסטען מיט צוזאַמענגעדריקטע, און פונקט ווי אין פיין,
פאַרברעכען מיט אַמאָל די הענט זיי

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און קאַלט איז איהם... אַלץ נעהנטער איז דער ווינטער,
ביז אין די ביינער דרינגט זי איהם אַריין,
אפילו אין דעם חלום, אומאויפהערליך,
זעצט ער אַלץ פאָרט די אַרבייט זיינע.
לאָז אָפּ! דו קעמפסט אומזיסט! ווייל גאָט אַליין
איז אין אַ קאַמף מיט דיר אַריינגעטראָטען.
גאָט האָט אַרויסגערופען דיך אין קאַמף מיט איהם—
און דיך פאַרשטויסען, ווייל דו ביזט צו שוואַך!
אומזיסט איז יעדער קרבן: די זינד בלייבט זינד.
האָסט ניט אַרויסגעריסען ס'גליק
ביי גאָט
ס'פאַרברעכען אין פאַרדינסט, די
שטראָף אין לוין פאַרוואַנדלען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די נעבעל־ריעזען בויען פינסטערע טורמעס
און לאַנגזאַם אויף די בערג אַנטקעגען דיר
זיי ברייגגען זיי כדי פאַרניכטען
דיין ווערק און דיך און אַלץ מיט דיר,

די ווערטער, וואָס איך האָב אונטערגעשטראָכען, נויטיגען זיך מעהר ניט אין קיינע קאָמענטאַרען. ניט בלויז שטעלען זיי פעסט היינריך'ס קראַנקהייט, נאָר זיי ווייזען אויך דעם ציעל, דעם וועג. וואָס־זשע קומט אָבער דערפון אַרויס? דער וועג איז אַ שווערער און איז איבער די קרעפטען פון די מערסטע מענשען. וואָלט כאָטש דער המון אָנגעפאַלען אָפען!

„זיי זיינען מיך ווי הינט בעפאַלען!" שרייט היינריך אויס.

ווי הינט האָב איך זיי פון די בערג געטריבען,
ווער ניט אַנטלאָפען איז — גע'הרג'עט איז געוואָרען.
גיב מיר דעם כוס! דער קאַמף פרישט אויף די ברוסט!
דאָס בלוט פולסירט אַלץ הייסער אין די אָדערן!

צעהנמאָל פאַרשטאַרקט די קראַפט דער קאַמף
און לעבט דעם האַס אויף אין דער ליעבע.

ווי איהר זעהט, איז דער רעזולטאַט דער צופרידענשטעלענדסטער. ניט ווילענדיג דערמאַנט מען זיך אָן דר. שטאָקמאַן, וועמען דער קאַמף האָט שטופּענווייז פאַרוואַנדעלט אין אַ העלד. אָבער דר. שטאָקמאַן׳ס פאַמיליע האָט נאָכגעפאָלגט איהם. „דער שטאַרקסטער מענש איז דער, וואָס איז איינזאַם“, שרייט אויס איבסען׳ס העלד, אָנלעהנענדיג זיך אויף דער וואַנט, זייענדיג אַרומגערינגעלט פון דער גאַנצער פאַמיליע זיינער. נישט דאָס איז דאָס וויכטיגסטע: איינזאַמע מענשען זיינען ניט שוואַכער פון די, וואָס ווערען געשטיצט פון זייערע נאָהענטע, פון זייער פאַמיליע, וואָס טיילען זייערע מיינונגען; דער עיקר איז, דער איינזאַמער מענש זאָל זיין באַשאַנקען מיט אַ קראַפט, וואָס זאָל איהם פאַרהיטען פון צו ווערען אַ יאָהאַנעס פאָקעראַט. אָבער ערגער פון אַלעמען איז דעם, וועמען מען האָט ליעב און וועלכער קאָן ניט נישט ליעבען, כאָטש אַ גאַנצער תהום טיילט אָפּ די ליעבע פון זיין לעבענס אויפגאַבע. מען קאָן אין פיינדליכען לאַגער ניט האָבען קיין פריינד.

„איך בין אַ מענש“, — זאָגט היינריך טרויעריג צו זיין נייער פריינדין:

אַ פרעמדער און אַן אייגענער בין איך אין טאָל דאָרט,
דאָס זעלבע איז אויך דאָ... קינד, מיין קינד, פאַרשטעהסטו עס?

אָרעמער, אָרעמער היינריך!

און דאָך איז ער פאַרמאַטערט געוואָרען פון דער אָנשטרענגונג פון זיין שאַפען. דאָס האָט געפאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע קרעפטען, און אויב אַ וואָרים עסט דעם וואָרצעל, מוז דאָס בלימעל פאַרוועלקט ווערען. און דער אָרימער היינריך,

פונקט ווי די שפּראָצונג פון קאַרטאָפעל אינ׳ם קעלער,
רייסט זיך אַלץ אין דער הויך, פאַרבאָרגענדיג די זינד אין וואָרצעל.

ענדליך קומט דער יום־הדין. עס קומט פּאָר אַן ערשיטערענדע סצענע; עס קומען היינריך'ס קינדער. מען האָט געדאַרפט אַרויס־ברענגען אַ שרעקליכע קראַפט, וואָס זאָל זיך שטעלען געגען היינ־ריך'ן, וועלכער האָט באַזיעגט, ווי אַ מחנה הינט, זיינע בלוטיגע שונאים. גאָניאָל האָט האופטמאַן דורכגעפיהרט זיין אויפגאַבע. אַט די דאָזיגע קינדער אין בלויזע העמדלעך, די בלייכינקע, מאָגע־רע, וואָס האַלטען זיך קוים אויף די פיס, שלעפּען אין די בערג אַ שווערע משא, אמתנה פון דער מוטער: אַ קרוג ביטערע, קאַלטע טרערען. דער עפעקט מאַכט אייך באמת שטוינען.

וואָסערען באַדייט האָבען די פּאָר קינדער אין אָנגעזיכט פון דער מענשליכער ערלייזונג? ווייניג זיינען אַזוינע קינדער דען אונטערגעגאַנגען און געהען אונטער? אָבער היינריך קאָן ניט אַריבערטרעטען איבער די קערפּערס פון זיינע קינדער... מיט איהם איז אַלץ צו ענדע: דאָס געוויסען האָט אויפגעוואַכט און היינריך שטויסט אָפּ פון זיך זיין גאָלד־לאָקיג גליק, דאָס געטער־גליק, און פול מיט חרטה לויפט ער אין טאָל אַריין.

איך קאָן דיך ניט פאַרטראָגען, איך האָב דיך פיינט,
איך שפּיי דיר אינ'ם פּנים! אַוועק! פאַרשאָלטענע מכשפה
כ'וועל שלאָגען דיך! אַוועק, אַוועק, אומריינער גייסט!
פאַרפלוכט זאָלסטו איצט זיין, אויך איך, מיין ווערק, די גאַנצע וועלט!
כ'בין דאָ! כ'בין דאָ! איך געה, איך נעה... אַ גאָט!
ערבאַרעם זיך אויף מיר!

„באַזין זיך, היינריך!" שרייט אויס ראַוטענדעליין. דערנאָך קומט אַ לאַנגע, לאַנגע פּויזע. איהרע אויגען לעשען זיך, די הענט פאַלען אַרונטער; און אַלץ האָט זיך גענענדיגט... אַלץ געענדיגט. „פאַרביי, פאַרביי!".

די טראַגעדיע איז געענדיגט.

אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם עפּילאָג — ביים שלוס פון דעם אַרטיקעל.

3.

פרינץ האַמלעט.*)

מען קאָן גישט ניט זיין איינפערשטאַנען מיט מעזיער, דעם בעסטען קאָמענטאַטאָר פון „האַמלעט", אַז די ליידען, וואָס האַמ־לעט ליידט, זיינען נישט אָבהענגיג פון די אומשטענדען, אין וועל־כע ער געפינט זיך. וואָס עס זאָל ניט זיין זיין לאַגע, וואָלט ער אַלץ געפיהלט אַן עקעל צום לעבען און אַ פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס לעבט. די טראַגעדיע, די געשעהעניסען, ענטוויקלען זיך פאַר אונז, אָבער נאָך פריהער איז פאָרגעקומען די אינערליכע טראַגעדיע, וואָס האָט געמאַכט פון האַמלעטען אַ ביטערען פעסימיסט, אַ מענשען, וואָס איז אין גאַנצען אונפעהיג צו לעבען. „האַמלעט באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון פינסטערע מוחות, — זאָגט מעזיער, — וואָס זעהען בלויז דאָס שלעכטע אין לעבען. די אורזאַכע דערפון איז זייער מעלאַנכאָלישער טעמפּעראַמענט און זייער צאַרטע און דינע שאַרפזיניגקייט". און אין אמת'ן זיינען דאָך דער צו ראַפי־נירטער שכל און די געבאָרענע נייגונג צו פאַסיוויטעט — האַמ־לעט'ס קראַנקהייט; איינער אָהן דעם צווייטען וואָלט ניט געהאַט אַזוינע פאַטאַלע רעזולטאַטען.

מעזיער ווייזט ריכטיג אָן דעם אונטערשיעד צווישען האַמ־לעט'ן און די העלדען פון דער אַנטיקער טראַגעדיע. ביי אָרעסט'ן וואָלט דער געדאַנק גלייך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין טהאַטען; אויב דאָס פאַרברעכען וואָלט ענטדעקט געוואָרען, וואָלט ער גלייך באַשטראָפט די שולדיגע און, ניט טראַכטענדיג פיעל, וואָלט ער דערשלאָגען קלאַדיוסען און אפשר אויך זיין מוטער. אָבער האַמ־לעט איז צוגעוועהנט צו טראַכטען, צו איבערלעגען זיך און ער קאָן ניט האַנדלען אַזוי איבעראיילט.

כמעט אַזוי כאַראַקטעריזירען האַמלעט'ן געטע, קאָלרידזש און אַנדערע.

אין אַלגעמיינעם איז דאָס אויך מיין בליק אויף האַמלעט'ן; דאָך דאַכט זיך מיר, אַז די קאָמענטאַטאָרען האָבען ארויסגעלאָזען

*) די ציטאַטען פון „האַמלעט" זיינען אין דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ.

פון אויג די דאָפּעלטקייט פון זיין שמה. אמת, אין אַלגעמיין איז טאַקע זיין טעמפּעראַמענט אַ פּאַסיווער, די אויסברוכען פון כעס און ליידענשאַפט געהען זעהר גיך איבער אין וועלקענדיגער פויל־קייט, אָבער דאָך איז אין האמלעט'ן נאָך ניט אין גאַנצען אָב־געשטאָרבען די ווילדע ליידענשאַפט פון אַן אַנטיקען העלד, די אינסטינקטען פון אַ קעמפּער, וועלכע רייסען זיך, אמת, אביסעל צו שפּעט, אָבער פּאָרט דורך. אָט דאָס מאַכט האמלעט'ן פאַר אַ טראַגישער פיגור, ווען ניט דאָס וואָלטען מיר פאַר זיך געהאַט בלויז איינעם פון די אונצעהליגע האמלעטלעך.

מיר ווילען זיך באַמיהען צו כאַראַקטעריזירען האמלעט'סביידע נשמות און נאָכפאָלגען דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר צווי־שען זיי ביידען, — ערשט דעמאָלט וועט אונז אין גאַנצען קלאָר ווערען די באַדייטונג פון אָט דער טראַגישער געשטאַלט.

מען קאָן ניט אָנרופען האמלעט'ן אַ טיפּישען מעלאַנכאָליקער, ער האָט אויך טעמפּעראַמענט; עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז ער איז אַ נעווראַסטעניק. מיר ווילען זיך גענויער צוקוקען צו זיין פיזישער און נערווען אָרגאַניזאַציאָן.

האמלעט אונטערשעצט ניט די באַדייטונג פון זיין פיזישער ענטוויקלונג, ער האַלט אין איין איבען זיך אין פעכטען און ניט איינמאָל כאַראַקטעריזירט ער זיך ווי אַ מענשען, וואָס קאָן זיין שטענדיג באַשטעהן. אָבער ער ליידט פון אַסטמאַ. דאָס שטערט זיין ריין פיזישער טעטיגקייט. ער אַליין רעכענט זיך פאַר שוואַך און מעלאַנכאָליש און אונפעהיג פאַר אויסברוכען. דאָך ווייסען מיר, אַז האמלעט איז פעהיג אויף ווילדע אויסברוכען; פון וואַנען־זשע קומט דאָס, וואָס ער קוקט אויף זיך, ווי אויף אַ פלעגמאַטי־שען מענשען, ווען ס'איז שווער אַרויסצוברענגען פון זיך? מסתמא שטאַמט דאָס פון די לאַנגע שעה'ן פון פּאַרמאַטערטקייט, וואָס פאָלגען נאָך זיינע אויסברוכען, פון יענע שעה'ן, ווען דער געדאַנק פון טויט פאַרנעמט דעם וויכטיגסטען פלאַץ צווישען זיינע געדאַנקען, ווען זיין פילאָזאָפיע פיהרט איהם בלויז צו איין גע־דאַנק, געמליך, וואָס ווייטער צו אַנטלויפען פון לעבען. לאַנג האַלט ניט אָן ביי האמלעט'ען דער אויפרעגענדער צושטאַנד: ניט בלויז זיין קערפּער, נאָר אויך זיין נשמה ליידט פון אַסטמאַ.

זעהען מיר אַלזאָ, אַז האמלעט'ס פיזישער און אויך נערווען־

נעבוי זיינען געווען שטרויכלונגען צו יעדער אַרט אַקטיוויטעט. און אַ דאַנק דעם, וואָס זיין שכל האָט זיך אַלץ ענטוויקעלט איז האַמלעט געוואָרען אַן אייגענטימליכער קאַליקע.

מען דאַרף נאָך דערצו צולייגען, אַז זיין געזעלשאַפּטליכע לאַגע מאַכט אוננויטיג פאַר איהם דעם קאַמף פאַר מאַטעריעלע מיטלען צום לעבען; אמת, דאָס איז ניט מעהר קיין נאָבעלער קאַמף, אָבער טיילמאָל האָט ער דאָך אַ גרויסע ווירקונג, ער מאַכט שטאַרק, פעסט דעם ווילען. אָבער דאָס מאַכט ניט האַמלעט'ן פאַר אַן אויסנאַם, פאַרקערט, ער דערנעהנטערט איהם נאָך מעהר צו די אינטעליגענטערע מענשען פון דער נייערער אייראָפּאַ; ווארים עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אַזאַ טעמפּעראַמענט איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דורך יאַהרהונדערטער זיינען די נערוועז גייסטיג אָנגעשטרענגט געווען. אין שעקספּיר'ס צייטען זיינען שוין געווען צו באַמערקען די זוימען פון די היינטיגע נעוראַסטאַניקער, באַזונדערס צווישען אַריסטאָקראַטען.

האַמלעט איז זעהר בעגאַבט, גייסטיג און קינסטלעריש; אויף דעם פעלד האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט. די שטודענטישע סטודיע, לעקציעס, ביכער, דיספּוטען, — דאָס איז האַמלעט'ס אמת'ע וועלט צו וועלכער ער רייסט זיך, שטרעבט. זיין באַרוף איז צו פילאָזאָפירען וועגען דעם לעבען און ניט נעמען אַן אנטייל אין איהם. האַמלעט רעדט שעהן, ער איז גיפטיג, ער באַמערקט זאַכען. זיין געוואוינהייט צו פילאָזאָפירען איז אַלץ טיפער געוואָרען און האָט געגעבען רייכע פּרוכטען, די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען: ערשטענס, אונעטשלאָסענהייט; צווייטענס, פּעססימיזם; דריטענס, די ליעבע צו פּאָזע. מיר וועלען אַנאַליזירען יעדע איינע פון די דאָזיגע שטריכען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען האַמלעט, פון דעם דענישען פּרינץ ביז דעם לעצטען שלים'מזל'דיגען גימנאַזיסט.

האַמלעט איז ביז גאָר אומענטשלאָסען, און ער ווייס עס. זיין געוואוינהייט אָפּצורופען זיך מיט'ן שכל אויף יעדער ערשיינונג, מאַכט איהם אויף צוויי אופנים אומענטשלאָסען: עס באַוועגט איהם אויסצוגיסען דעם טרויער פון דעם בעטרעפענדען מאָמענט אין ווערטער און גערדאַנקען, און עס פאַרוואַנדעלט זיך פאַר איהם אין פאַרשיידענע סאָפיסטישע שפּיצלעך.

וואָס צווינגען איהם אָפּצולייגען און אָפּצולייגען דעם ענט־שלאָסענעם מאָמענט. נאָך איידער עס באַווייזט זיך דער שאָטען איז שוין האַמלעט טיעף אומגליקליך, זיין טעאָרע־טישער פּעסימיזם ווערט פּשוט ניט איבערצוטראָגען, אַ דאַנק דעם פּאָטער'ס טויט, דער שאַנדהאַט פון דער מוטער און דער ליגנע־רישער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך אין הויף. עס פאָלגט, פארשטעהט זיך, אַ ליידענשאַפטליכער מאָנאָלאָג. פארגיפטענדיג זיך די נשמה מיט'ן מאָלען די אומגעבונג און די געמיינהייט, וואָס רינגלען איהם ארום, פארשפּרייט ער עס אויף דער גאַנצער וועלט.

„גאָט, מיין גאָט!
ווי נישטיג, נאַריש, קליין און עקעלהאַפט
דעם מענשענס מעשים זיינען אויף דער ערד!
פאַרהאַסטע וועלט! ביסט אַ פאַרלאָזטער גאָרטען
וואָס ברענגט נאָר דערנער שטעכיגע ארוים".

דאָס הייסט, קאָנסטאַטירען פאַקטען, געגען וועלכע עס איז אונמעגליך צו קעמפען. אָבער געגען דעם אָנקעל, וועלכען האַמ־לעט פאַראַכט, וואָלט מען יע געקאָנט קעמפען. אָבער דאָס איז שוין דער כאַראַקטער פון די האַמלעטס: יעדען פּערזענליכען אומ־גליק פאַרוואַנדלען זיי אין אַן אַלגעמיינעם און צוגיסען זיך אין נאַרישע טרערען. די אַקטיווע נאַטור פון דעם אויסוואורף יאַגאָ איז אין דער הינזיכט פיעל סימפּאַטישער. ער מיינט אויך, אַז דאָס לעבען איז אַ גאָרטען, און אָט וואָס ער זאָגט וועגען דעם קאַסיום'ן:

„נישטאָ קיין כח? נאַרישקייטען. עס איז אָפּהענגיג אָן אונז ווי מיר זאָלען זיין! אונזער קערפּער איז אונזער גאָרטען, און אונזער ווילען — דער גערטנער אין איהם. אין אונז ליעגט, וואָס מיר זאָלען פאַרזייהען אין גאָרטען. אַ גליק, וואָס מיר פאַרמאָגען פאַרשטאַנד, אַז ניט וואָלט דאָס בלוט און די נידער־טרעכטיגקייט פון אונזער נאַטור דערפיהרט אונז צו אומפּאַר־אַנטוואָרטליכסטע טהאַטען."

און האַמלעט ענדיגט זיין שטורעמדיגען אויסברוך מיט דעם, אַז עס איז ניטאָ קיין גוטע אויף דער וועלט און עס וועט ניט זיין, און אַז דאָס מויל מוז שווייגען אין דער צייט, וואָס די נשמה ליידט. אָ, ניין, עס איז ניט אַזוי! האַמלעט'ס מויל איז ניט פאַר־שלאָסען, ער רעדט נאָך צו פיעל. גלייך נאָך די ווערטער, מאַכט ער צו האָראַציאָ'ן גיפטיגע באַמערקונגען וועגען אַלע, וואָס רינגלען איהם אַרום. פאַראַן ווערטער, נאָך וועלכע עס פאָלגען טהאַטען, און עס זיינען פאַראַן ווערטער וועלכע דריקען בלויז אויס דעם געמיטס־צושטאַנד. אַט אַזוינע רייד זיינען האַמלעט'ס ליעבסטער צייט־פאַרטרייב.

און האַמלעט באַנוגענט זיך דערמיט, וואָס ער פאַראַלגעמיי־נערט זיין וועה, וואָס ער קאָנסטאַטירט די אומגערעכטיגקייט פון דער וועלט־אָרדנונג און וואָס ער הויבט אָן צו טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי זיך אין גאַנצען צו באַפרייען פון לעבען. אָבער דער שיקזאַל האָט געוואָלט אונטערשטרייכען זיין וועה, זיינע ליידען, מאַכען איהם פאַר אַן אויסנאַמע און איהם צווינגען ניט בלויז צו קאָנסטאַטירען פאַקטען, נאָך אויך רעאַגירען אויף זיי.

נאָט מיינער, ס'אַרא ענטשלאָסענהייט און געוואַגטהייט האַמ־לעט ציינט אַרויס אין דעם מאָמענט, ווען איהם ווערט קלאָר דער גאַנצער פאַרברעכען, און ווי גיך פאַרשווינדט זיין קריגערישע שטי־מונג! דער שאָטען האָט זיך נאָר וואָס געהאַט דערווייטערט. האַמ־לעט רעדט קראַמפּהאַפט און רעדט, ער וויינט, ער שווערט. אָבער ער האָט שוין דאָס פאַרגעפיהל, אַז זיין קאָמפּליצירטע נאַטור, זיין גרויסער גייסטיגער באַגאַזש, לאָזט ניט, אָדער וועט ניט לאָזען דעם נייעם איינדרוק אומצוטיילבאַר באַהערשען זיין נשמה.

„כל זמן זכרון לעבט ביי מיר אין מוח —
וועל איך דיך ניט פאַרגעסען, איך וועל געדענקען דיך!
איך וועל פון בלאַט פון מיין זכרון אָבווישען
אַלץ, אַלץ, וואָס ס'האָט דאָס לעבען דאָרט פאַרשריבען —
די ביכער, בילדער, איינדרוקען, געפיהלען,
וואָס האָט דאָס לעבען און בעאָבאַכטונג פאַרקריצט.
דיין איינציגער געבאָט אַליין זאָל לעבען,

זאָל לעבען אינ׳ם בוך פון מיין געהירען
מיט זאכען איינפאכע ניט אויסגעמישט.״

מעשיות, ביכער, בילדער, פערזענליכע באטראכטונגען, דאָס איז אלץ, וואָס האמלעט געדענקט; פון דעם אלעמען שפּראָצט ארויס זיין חכמה וועגען דער נוצלאָזיגקייט פון לעבען, וועגען דעם, אז דאָס לעבען איז אַן דערנידעריגענדער וויץ און בעסער פון אלץ איז אוועקצוגעהן אָן א זייט. און האמלעט שרייט אויס:

„וואו איז מיין שרייב־געצייג? איך וועל פארשרייבען,
אז ס׳קאָן פארלויפען אין דער וועלט: א מאַן
זאָל שמייכלען, שמייכלען — און א מערדער זיין!
צום ווייניגסטענס אין דענעמארק איז עס מעגליך.
(שרייבט) איך האָב דיך, אַנקעל.״

שמייכעלסט, ניט ווילענדיג, ווען דו לעזסט די דאָזיגע ווער־טער. האמלעט פארנעמט זיך מיט די פיינסטע פּסיכאָלאָגישע און עטיעש פראגען אפילו אין דער שטורעמדיגער נאכט, ווען ער בא־געגענט זיך מיט׳ן גייסט.

און ס׳ארא שרעקליכע ענדע. וואָס פארניכטעט מיט אמאָל דעם גאנצען איינדרוק פון האמלעט׳ס שיינבארער קראפט און גע־וואגטקייט.

„נו קומט; די צייט איז איצט ארויס פון איהר געלענק —
אָ, בייזער שיקזאל מיינער, וועה! צו דענקען
אז כ׳בין געבאָרען עס צו אָרדנונג ברענגען״.

מיר דארפען אננעמען, אז פון דער צייט ווען עס באווייזט זיך דער שאָטען ביז האמלעט׳ס באגעגעניש מיט די אקטיאָרען געהט אוועק א לאנגע צייט. האמלעט גיט זיך אָפּ מיט זיין בא־ליעבטען צייט־פארטרייב, צו בעאָבאכטען, צו זאָגען גיפטיגע ווי־צען, צו מיסטיפיצירען די ארומיגע, אָבער ער פיהרט ניט אויס זיין פּלאַן. כאָטש ער האָט געבראַכט דערצו, אז דער קעניג זאָל

מורא קריגען פאַר איהם. שטעכיגע באַמערקונגען, פינסטערע בליקען, אָפּאָזיציע, דאָס אַלץ רעגט אויף דעם געגנער און גיט איהם אַ מעגליכקייט זיך צוצוגרייטען — אין דעם ליעגט האַמ־לעט'ס הויפּט־אומגליק.

אין אַלע דורות און צייטען זיינען די האַמלעטס, מעהר פון אַלע אַנדערע מענשען, געניייגט געווען צו זעלבסטפאַרניכטענדער קריטיק און אין דערזעלבער צייט צו גערעכטפערטיגען זיך מיט די פאַרשיידענסטע סאָפיזמען. דער מאָנאָלאָג — „גאָט איז מיט אייך, אַצונד בין איך אַליין" — איז אַן אמת קונסטווערק פון פּסי־כאָלאָגישען אַנאַליז. ביטער, גרויזאַם באַפאַלט האַמלעט זיך אַליין.

„וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיגער בין איך —
טראָג זיך אַרום מיט אומפּרוכטבאַרע טרוימען,
און האָב ניט וואָס צו זאָגען; ניין, אפילו ניט
איין וואָרט; איינצושטעלען פאַר אַ קעניג
אויף וועמעס טראָן און לעבען ס'איז באַגאַנגען
אַ הימעל־שרייענדעס פאַרברעך געוואָרען".

אָבער האַמלעט איז קיין פייגלינג ניט, ער וואָלט קיינמאָל ניט איבערגעטראָגען קיין אונמיטעלבאַרע פּערזענליכע באַליידיגונג, אָבער איצט:

„אָ, אייזעל וואָס איך בין! ווי בראַוו איך בין!
אַז איך, דער זוהן פון דעם ערמאָרדעטען קעניג —
פון טייוועל און פון גאָט געררייצט צו ראַכע —
מוז, ווי אַ גאַסען־פרוי, מיט ווערטער האַנדלען
און ווי אַן אַלטע מכשפה שילטען!
די שמאַך און שאַנד! ווער טהעטיג מיין פאַרשטאַנד!"

און האַמלעט ענטשליסט זיך — נאָך אַמאָל איבערצוטראַכטען, איבערצוקוקען די זאַך!

„דער גייסט, וואָס כ'האָב געזעהן, קאָן זיין דער שטן:
ער קאָן אין אויסזעהן זיך פאַרשטעלען;

כ׳בין מיעד און טרויעריג — ער האט די שליטה
אויף ליידענדע און טרויעריגע נשמות —
און וויל מיך פאנגען אין זיין נעץ פון זינד.
דעריבער דארף איך שטארקערע בעווייזע.״

גרויסארטיג! דאס איז באמת געניאל! ניט לאנג צוריק, למשל, האט א געוויסער קריטיקער, ריידענדיג וועגען בעלעטריסטי־שע ווערק, וואס כאראקטעריזירען דאס ציעל־לאזיגקייט, דאס אומ־באשטענדיגקייט, דאס צובראכענקייט פון אונזער אינטעליגענץ־באמערקט, אז עס איז שוין צייט, אז אונזער אינטעליגענץ זאל מודה זיין, אז זי איז „א קלאטשע, וואס באמיהט זיך אומזיסט צו זיין א פעגאזוס״. געטע זאגט וועגען האמלעט׳ן, אז ער איז א וואזע, וואס ברעכט זיך, און אין וועלכער קיין דעמב וועט ניט אויסוואקסען, אויב ער וועט איהר פריהער ניט צוברעכען... יא, אמת, אבער דער דעמב וועט אויך פארטריקענט ווערען, אויב ער וועט צופעליג ניט אריינפאלען אין א שטיק פרוכטבארער ערד, אונטער׳ן אפענעם הימעל, אויף א געראמען ארט. און ניט איין אינטעליגענט, שלאגענדיג זיך אין דער ברוסט, באגיסענדיג זיך מיט טרערען, האט זיך מודה געוועזן מסתמא; „יא, יא, א קלאטשע... דאס איז ריכטיג... וואהרהאפטיג, איך בין ניט מעהר ווי א קלאטשע, און וואס האט זיך מיר עפעס פארוואלט צו ווערען א פעגאזוס?״

און גלייך נאך דעם — זעלבסטבארעכטיגונג. הערט זיך איין, וואס עס זאגען די אומבאשטענדיגע, ברעכענדיגע זיך אינטעליגענ־טען: אמת, מיט א פאר יאהר צוריק זיינען מיר געוועזן היינגערי־סען פון די אלע פערספעקטיוועז, וואס האבען זיך פאר אונז גע־עפענט, עס האט א וועה געטאן מיט נייעם גייסט.

אבער מיינט ניט, אז האמלעט נויטיגט זיך אין געזינטערע, פעסטערע באווייזע; אט האט ער זיי שוין געפונען און דאך זוכט ער שוין מיט נייע סאפיזמען זיך ארויסצודרעהען.

אט דאס איז האמלעט׳ס טעאריזירענדיגע, אויף איין ארט זיך דרעהענדיגע פארזיכטיגקייט. ער איז צופיעל צוגעוועהנט וועגען יעדער קלייניגקייט צו פארטראכטען זיך, צו פילאזאפירען.

אבער דער זיעג געהט איבער צו דעם צווייטען האמלעט׳ן,

װעלכען דער אינטעליגענט האָט נאָך ניט אין גאַנצען פאַרניכטעט.

זאָל גאָט געבען, אַז אַלע אונזערע האַמלעטס זאָלען האָבען אינערליכע כחות; זאָל גאָט געבען, אַז אויך זיי זאָלען זיין פעהיג אויף וואולקאַנישע אויסברוכען.

אָבער וועגען דעם שפּעטער.

איצט וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף'ן באַריהמטען מאָנאָלאָג „זיין צי ניט זיין".

די אַלע דריי העלדען, וועלכע מיר האָבען אויסגעקליבען צו אַנאַליזירען אין דעם עסעי, איז אויסגעקומען צו שטעהן ביים טויער פון טויט; מען קאָן דורכפיהרען אַן אינטערעסאַנטען פּאַראַלעל צווישען די באַטראַכטונגען, וואָס זיי מאַכען פאַר'ן טויט. דערצו וועט גענוג זיין צו שטעלען זיי איינעם אַנטקעגען דעם צווייטען.

„זיין אָדער ניט זיין? אָט וואָס ס'איז די פראַגע.
איז איידעלער פאַר'ן געמיט פאַרטראָגען שטיל
דעם שליידער־שטריק און פייל פון בייזען מזל,
צי זיך בעוואָפנען אַנטקעגען ים פון לייד
און ענדיגען דעם קאַמף?"

איהר הערט, ער רעדט וועגען קאַמף. האָפט אָבער ניט, אַז ער איז באמת גרייט אַרויסצוטרעטען אין אַקטיווען קאַמף מיט די אומגליקען פון לעבען.

„און ענדיגען דעם קאַמף? אָ, שלאָפען! שטאַרבען!
דאָס גאָר! און וויסען, אַז מיר מאַכען דורכ'ן שלאָף
אַ סוף צו אונזער האַרצוועהטאָג און וואונדען,
דאָס ס'איז דער גורל פון אַ יעדען מענשען!
אַ טיעף באַגערטער שלאָף!"

אָט וואָס עס הייסט, לויט האַמלעט'ס מיינונג, קאַמף!

„שלאָפען?
יאָ, שלאָפען; אפשר חלומ'ען אין שלאָף —

אַט וואו דער אומגליק איז; ווייל אין דעם טויטענשלאָף
ווען מיר וועלען די לעבענס־קייטען אַפּטרייסלען —
ווער ווייסט, וואָס פאַר חלומות מיר'ן זעהן?
אַט וואָס פאַרצאַמט דעם ווייטערדיגען וועג
און ציהט דעם אומגליק דורכ'ן לעבען לאַנג.
ווער וואָלט דעם בייטש פון לעבען פאַרטראָגען,
דאָס רעכט פון אומרעכט, יאָך פון אונטערדריקער,
דאָס שפּאָטען פון בעל־גאוה, און די טיפע וואונד
פון אומגליקליכע ליעבע, אומבאַשטראָפטע זינד,
באַליידיגונג פון אויסגעלאַכטער טוגענד,
וואָס דעם מוטוויליגענ'ס שפּאָט אריבער —
ווען ער אליין זאָל קאָנען רוה געפינען,
און מיט איין מעסער־שטאָך, אין אויגענבליק,
נעקאָנט פון אלע ליידען זיך באַפרייען?
ווער וואָלט אונטער דעם שווערען יאָך געקניהט זיך —
ווען ניט די שרעק פאַר עפּעס נאָכ'ן טויט,
פון אומערפאָרשטען לאַנד, פון וועלכען ס'האָט
קיין איינער נאָך ביז היינט צוריקגעקערט —
און מיר פאַרטראָגען בעסער אונזער לייד
ווי אין דעם אומבאַקאַנטען לאַנד אַנטלויפען.
אזוי מאַכט דאָס באַוואוסטזיין פון אונז שקלאַפען
און ס'ווערט די איינגעבאָרענע רויטקייט פון ענטשלוס
פאַרצויגען מיט אַ קרענקליך בלאַסקייט פון געדאַנק.
און אונטערגענומען פון הויכען ראַנג און שוואונג
זיי מוזען אָפּלענקען פון זייער וועג — "

אָבער דאָס אַלץ איז מעהר פון אַלץ בלויז מאַרך־גימנאַסטיק, וואָס וויל רעכטפערטיגען דאָס אייגענע אומענטשלאָסענהייט.

אָבער פול לעבענס־קראַפט איז פאַרהאַן אין דעם, וואָס גאַנצע זאָגט וועגען זעלבסט־מאָרד! דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד רופט אַרויס ביי איהם בלויז געוואונטהייט, בלויז אַ דורשט נאָך וויסען! אזאַ מענש באַלאַנגט נאָך ניט צום טויט, אָבער אזאַ מענש, ווי האַמלעט, קאָן אפילו ניט שטאַרבען.

צופיעל סימבאָליק איז פאַראַן אין הויפּטמאַן׳ס שלום־סצענע, אָבער עס פיהלט זיך, אַז דער עמפּינדליכער, צערטליכער היינריך גיט זיך אָפּ, אין מאָמענט פון טויט, צו עראינערונגען, צו טרויער... עס איז אפילו אין דעם ניט קיין שאָטען פון פאוסט׳ס גיגאַנטי־שער גענוואַגטקייט, עס איז ניט דאָ אפילו האַמלעט׳ס פילאָזאָפי־רונג: דער טויט ווערט אָנגענומען, ווי אַ פאַקט, און היינריך ווי־ליגט לייכט איין אונטערצוויאַגען דעם טויט, ער זאָל קאָנען כאָטש אויף אַ רגע צוריקאויפלעבען דאָס געוועזענע גליק.

פאַרביי, פאַרביי!

אָט דאָס איז דער טרויעריגער רעפרען, דאָס אומערטרעגליכע, טרויעריגע וואָרט, וואָס קלינגט אין היינריך׳ס אויערען: אויף איין רגע כאָטש אומקערען דאָס אַנטלאָפענע געפיהל, און זאָל קור־מען דער אומפאַרמיידליכער טויט.

און דער אַלטער וויטיכען, וואָס זאָגט איהם פאַר אַ ניכען טויט, זאָגט אַזוי היינריך:

„זאָג־זשע דו,
דו, וואָס זעלטען־קלוג אַזוי רעדסט אָפּט צו מיר:
וואָס כ׳האָב מיט טריט, מיט בלוטיגע, געזוכט אין לעבען,
וועל איך דערזעהן עס, איידער עס קומט מיין שעה?
וואָס ענטפערסט דו מיר ניט? איז דען מיין גורל,
אַז פון דער נאַכט דער פינסטערער, זאָל איך
אין אַ פיעל פינסטערער אַוועקגעהן און מיך זאָל
דער אָפּגלאַנץ פון פאַרלאָר׳נעם ליכט באַגלייטען?
וועל איך זי קיינמאָל ניט...

ו י ט י כ ע ן:
וואָס ווילסטו זעהן?
ה י י נ ר י ך:
איך וויל ז י זעהן! ווייסטו עס ניט?
ווען קאָן איך וועלען זעהן, אויב ניט זי?
ו י ט י כ ע ן:
בלויז איין פאַרלאַנג מקוים קאָן איצט ווערען,
דאָס איז — דער לעצטער.

ה י י נ ר י ך :

גוט!

ו ו י ט י כ ע ן :

דו וועסט זי זעהן!

ווידער קומען עראינערונגען וועגען דער פארגאנגענהייט און וועגען דער הערליכער ראָל, וואָס די פראכטפולע פעע האָט גע־שפיעלט אין זיין לעבען.

אַן אומערגרינטליך טיפער טרויער פאַר דער פאָרשטעהענדער צושיידונג מיט דער וועלט, די אָנקומענדע ענדע פון לעבען, און שפעטער דאָס הייליגע, קורצע גליק, דאָס אויפלעבען פון דעם פארגאנגענעם בלויז אויף איין רגע... אַ פיינער, איידעלער טרויער, אַ רחמנות צו זיך און דעם פארלאָרענעם גליק, עראינערונגען, אָהן אַן ענדע עראינערונגען.

אָבער לאָמיר זיך אומקערען צו האמלעט'ן.

אומענטשלאָסענהייט און פאסיווימעט זיינען די וויכטיגסטע פרוכטען פון אַן איינזיטיגער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג. די צווייטע פרוכט איז דער פעסימיזם.

דארף מען דען ברענגען באווייזען צו האמלעט'ס פינסטע־רען, ביטערען, גיפטיגען, האָפנונגסלאָזען פעסימיזם? „די גאנצע וועלט איז אַ תפיסה, און דענמארק די ערגסטע אָפטיילונג"... ער פרואווט אפילו נים צו קעמפען, ער וואָלט געקאָנט זיך רוהיג לע־בען אפילו אין אַ נוס־שאָלעכץ, ווען נים זיינע שלעכטע חלומות, וואָס פארפאָלגען איהם. און אין אמת'ן, די וועלט וועט זיך ארויסווייזען פאַר אַ שלעכטען חלום, אויב אַזאַ שארפער קאָפּ, ווי האמלעט, וועט איהר באטראכטען און נים אריינמישען זיך אין איהר, וועט נים זיין קיין אנטיילנעמער, נאָר אַן אַקטיאָר.

אַלץ ארום איז מיאוס, די מענשען אַזוי גוט ווי די נאַטור. האמלעט באמערקט יעדע מיאוס'קייט, וואָס וועט ער טאָן, אויב ער וועט באגעגענען עפּעס שעהנעס, גוטעס? למשל, אָפעליא'ן, די שעהנע נימף? — ער וועט אויך זי זעהן אין יענעם שווארצען ליכט, אין וועלכען ער זעהט די גאנצע וועלט, אַלע שלעכטסקייטען און זינד, וואָס ער וויים פון פרויען אין אַלגעמיינעם, וועט ער ארויפוואַרפען אויף איהר.

דער סטאָאיקער האָראַציאָס געפעלט איהם, ווייל ער איז איי־גענטליך אַ צווייטער האַמלעט. וועלכער זאָגט, אַז זיין לעבען איז ניט מעהר ווערט ווי אַ שפּילקע, איהם דאַרף מען ערשט נויטען צו לעבען. עס איז דאָ אין האַמלעט'ן עפּעס, וואָס וואָלט געקאָנט קעמפּפען געגען זיין פּעסימיזם, אָבער דאָס באַציהט זיך שוין צו האַמלעט'ס צווייטער נשמה, צו די אינסטינקטען, וואָס דרעמלען אין איהם. אָבער וועגען דעם שפּעטער.

כדי זיך קלאָר צו מאַכען דעם דריטען וויכטיגסטען שטריך פון האַמלעט'ס נשמה — רעטאָריק, פּ אָ ז ע, זיין נייגונג צו מיסטיפיצירען, וועלען מיר זיך ערלויבען אַביסעל אָפּצוטרעטען פון דער טעמא, אָבער וואָס דער לעזער, גלויבען מיר, וועט געפינען פאַר ניט איבעריג.

ביי העגעל'ן איז פאַראַן אַ בילד פון דער מאָראַלער ענטוויק־לונג פון דעם מענשליכען גייסט. אין איצטיגען פאַל אינטערעסי־רען אונז בלויז די ערשטע דריי סטאַדיען. מיר האַלטען ניט, אַז די גראַדאַציע מוז אומבאַדינגט פאָרקומען אין יעדער נשמה. אָבער העגעל, ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט איהם, ווייזט דאָ אַרויס פיעל דורכדרינגענדיגע און טיעפע חכמה.

דער גייסט, וואָס הויבט אָן זיך צו דערקענען, וואַרפט זיך צום ערשטען צום אינדיווידואַליזם, חוצפּה'דיג שטעלט ער זיך אַנטקעגען דער טראַדיציאָן, דער אָנגענומענער מאָראַל א. ז. וו. ער וויל זיין זיין אייגענער געזעצגעבער, ער וויל קוקען אויף אַלץ מיט די אויגען פון זיין פאַרשטאַנד און אָפּשעצען זאַכען פון ריין עגאָ־איסטישען שטאַנדפּונקט. דער דאָזיגער עגאָאיזם לערנט איהם, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרגעניגענס, וועלכע מען דאַרף, ניט קוקענדיג אויף קיין שום שטערונגען, דערגרייכען.

„עס איז ניטאָ קיין פליכטען", שרייט אויס דער קעמפּפערי־שער יונגלינג: „איך וואָג צו באַנוצען זיך מיט'ן לעבען לויט מיינע פאַרלאַנגען, און ווילען וויל איך געניסען".

די סטיכיע איז שטאַרקער פון דעם אינדיווידואום, און די איי־גענע פאַרזענליכקייט איז קליין אין די אויגען פון דעם זוכענדען מענשען, זי קנייטשט זיך צוזאַמען און זי ווערט פאַר'ן גייסט אַזוי

קליין, אז מען קאָן זי אפילו אין א קבר באהאלטען. וואָס ווערט דעמאָלט פון די פארגעניגענס?

ניט אזוי לייכט איז זיך צו דערשלאָגען צו זיי! דער מאַ־גישער שטעקען, וואָס האָט געזאָלט פון דעם פעלז ארויסבאקומען וואסער, האָט זיך ארויסגעוויזען פאר א פשוט שטיק האָלץ און די פאָר טראָפּען, וואָס דעם מענשען איז געלונגען ארויסצוקריגען אין דעם לעבענס־מדבר האָבען גיכער צופלאקערט זיין דורשט, ווי איינגעשטילט איהם.

און אָט וואקסט אויס און עס דערגרייכט דער מענש, לויט העגעל'ן, צו דער פאָלגענדער שטופע פון רייפקייט. ווי פריהער, פראָטעסטירט ער געגען דעם סטיכישען, וואָס ער קאָן ניט באַ־הערשען, וואָס ענטפערט ניט אויף די פאָדערונגען פון זיין הארץ. ער שטעלט געגען דעם איררעציאָנאלען שטראָם פון געשעהענישען די געזעצען פון זיין הארץ, די מענשליכע טעאָלאָגיע: דער מענש פארוואנדעלט זיך אין א פארבעסערער פון דעם לעבען.

מיר וועלען דאָ ניט געהן פאנאנדערקלייבען די אלע פאלשע שלויקייטען, וואָס דער דיענער פון צייט־גייסט, דער פּרייסישער פּראָפעסאָר העגעל האָט באנוצט, צו באווייזען, ווי ניט ריכטיג איז אזא קוק אויפ'ן לעבען.

אן אמת'ע אקטיווע נאטור שטעלט זיך אויף דעם שטאַנד־פונקט, וואָס עפענט אויף אומצעהליגע פערספעקטיווען פאר קאמף אזוי גוט ווי פאר דערקענטניש, אָבער די פאסיווע נאטורען געהען מיט א פאר שטאפּלען נידעריגער, ביז דער העגעלשער העכסטער חכמה: אָננעמען פאר'ן אבסאָלוטען דאָס עקזיסטירענדע און ניט מאכען קיין איינציגען שריט אין טאקט מיט דער צייט. גאָט זאָל אָפּהיטען פאָראויסלויפען פאר דער צייט! אָבער מען דארף אויך ניט דרעהען זיך ארום דעם זעלבען פלאץ, מען דארף רוהיג זיך באוועגען פאָראויס — „אָרדענטליך אונד שטאַנדגעמעס".

די ענטוויקלונגס־סטאַדיען, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זייַ־נען מעהר נויטיג ביים אנאליזירען פאוסט'ן; האמלעט געפינט זיך ניט אין העגעל'ס דריטער סטאַדיע, אין דער סטאַדיע פון טור־גענד. אמת, האמלעט האָט ניט געהאט קיין נויטווענדיגקייט רטאל דורכצולעבען די פריהערדיגע סטאַדיען: ניט געגעם און ניט

דער קאַמף פאַר׳ן אידעאַל האָבען איהם ווען עס איז נעצווינגען צו זיך. ניך איז ער אריינגעדרונגען אין אַלע פינסטערע זייטען פון לעבען, און ער האָט קלאָר פארשטאַנען ס׳ארא טיעפער תהום עס ליעגט צווישען איהם, דעם קלוגען, טרויעריגען פרינץ, וואָס באַמערקט פיעלעס, און די אומענטוויקעלטע, גראָבע, אייגענגוציגע יע־גערס נאָך די קליינע אַנגענעמליכקייטען פון דעם לעבען. אָבער דער, וואָס קאָנסטאַטירט דעם דאָזיגען תהום צווישען זיך און זיין אידעאַל פון איין זייט און דער ווירקליכקייט פון דער צווייטער זייט און ווארפט זיך ניט אריין אין לעבען, דעם בלייבט בלויז אי־בער רעטאָריק, אָננעמען אַן אומצופרידענע אָדער קאָמישע פּאָזע און מיט שעהנע רייד, גיפטיג, בייז עס קאָנסטאַטירען... האמלעט פארנעמט זיך דערמיט.

אָבער דאָס איז ווייניג. די איבעריגע מענשען זיינען א שוי־שפּיעל פאַר האמלעט׳ן און דאָס ציעלברעט פון זיינע וויצען, אָבער האמלעט — איז דאָך אַליין א שוישפּיעל פאַר אַנדערע מענשען. וואָס ווע‍לען זאָגען אָט די מענשען?

וואָס קאָן אזא האמלעט זיין אין זייערע אויגען? מען דאַרף די דאָזיגע קנעכט פון לעבען געבען צו פיהלען מיט וויפיעל מען איז העכער פון זיי, און האמלעט פּאָזירט מיט פאַרגעניגען. פאַר א קליינער צאָל מענשען, וועלכע ער אכט, נעמט ער אָן די שענסטע פּאָזען פון א מענשען, וואָס ליידט פיעל און פון אַן אסקעט. כמעט אַלע האמלעט׳ס רייד זיינען הוילע מיסטיפיקאַציע; ער טרייבט שפּאַס, ער מאכט זיך נאריש מיט׳ן קעניג, מיט דער קעניגין, ער מאכט זיך נאריש גלייך נאָכדעם, ווי ער זעהט זיך מיט זיין פּאַ־טער׳ס שאָטען, און אפילו אויך מיט אָפעליע׳ן. איהם איז עס זעהר לייכט. ער דערשרעקט, צוטומעלט אַלעמען. „וואָס זאָל דאָס באַדייטען? פרעגען זיי זיך: א וויץ, א טיעפע אידעע, משוגעת, אָנדייטונג? דאָס איז אַלץ, וואָס איהם ווילט זיך אייגענטליך.

מיר האָבען געקאָנט ברייננגען פיעל באווייזען צו באַשטעטיגען אונזער כאַראַקטעריסטיק. מיט א קראַפט, וואָס איז צום שטוי־נען, האָט שעקספּיר געמאָלען האמלעט דעם אקטיאָר. אַן און פאַר זיך זיינען די דאָזיגע מיסטיפיקאַציעס זעהר שאַרפזיניג און זאָגען

עדות אויף האַמלעט'ס גרויסען קאָפּ, אָבער הינטער זיי פּיהלט זיך שעקספּיר'ס איראָנישער שמייכעל: „אַהאַ, דו ביסט אַ קינסטלער אויף רייד!" ביז דעם לעצטען מאָמענט באַשליסט זיך ניט האַמלעט צו האַנדלען, צו טאָן, אָבער ווען מען האָט געדאַרפט שטראָפען די מוטער מיט רייד, האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַן אמת'ען הענקער און צאָרן־פּאָעט, זיין יעדער וואָרט איז אַ שווערד, אַזוי שאַרף, אַז אפילו דער שאָטען, וואָס זוכט נקמה, בעט פאַרגעבונג פאַר דער מוטער.

האַמלעט איז שוין אַזוי צוגעוועהנט צו שפּילען טעאַטער, אַז מיט פאַרגעניגען טוט ער אויף זיך אָן די מאַסקע פון אַ פאַר־ריקטען. זיינע ערשטע ווערטער צו דער מוטער ענטהאַלטען אַ באַ־מערקונג, אַז זיין טרויער נאָך'ן פאָטער איז אַן אמת'ער און ניט קיין געמאַכטער.

אָבער וואו איז דער אמת און וואו איז ליגען? דאָס ווייס האַמלעט אַליין ניט. ווער ס'האָט באַגעגענט אין דער ווירקליכקייט די אַלע האַמלעטס (און ווער האָט זיי ניט באַגעגענט?) דער ווייס, ס'אַראַ גרויסען אָרט אין זייער לעבען פאַרנעמט די רעטאָריק און די מיסטיפיצירונג פון די אַרומיגע. מיט וואָס דען זאָל אָנפילען זיין לעבען דער, וואָס בעאָבאַכטעט בלויז דאָס לעבען? איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט עררייכט דאָס לעבען און געפונען אַז עס איז גאָרנישט ווערט, אַז אַלע מענשען זיינען נאַראָנים אָדער לומפּען, אָבער מען קאָן זיך ניט באַשליסען צו שטאַרבען: — בלייבט איבער זיך צו וויצלען. און וויצלען זיך קאָן האַמלעט בלויז שאַרף און גיפטיג, און ער צושפּיעלט נאָך פאַרשיידענע וואַריאַציעס אויף דער טרויער־מוזיק פון זיין נשמה. אָט אַזוי איז די לאַגע מיט האַמלעט'ס ערשטער נשמה.

לאָמיר איצט איבערגעהן צו דער צווייטער, וואָס, אַ דאַנק די אומשטענדען, שווימט ענדליך אַרויף אויף דער אויבערפלאַך.

האַמלעט באַזיצט אַ גרויסע פיזישע קראַפט און אימ־פּאָזאַנטע פיגור. די מאַסע, וועלכע, לויט דעם קעניג'ס ווערטער, קלייבט אויס מיט'ן אויג און ניט מיט'ן האַרצען, ווערט ענטציקט פון איהם. דער גרויסער שטרייטער, האַמלעט דער פאָטער, לעבט אין זיין זוהן און אין דעם מאָמענט פון ערוואַכונג איז האַמלעט

גרייט ארויסצואווייזען א וואונדערבארע קראפט. אויב עס וואָלט ניט געווען אזוי, ווידערהאָלען מיר, וואָלט האמלעט ניט גע־ ווען קיין טראַגישע פערזענליכקייט; ער וואָלט פארזונקען געוואָ־ רען אין זיינע ליידען און וואָלט זיך געקוויקט מיט קרעכצען, ווי עס טוען די טויזענטער האמלעטלעך.

זיין ליידענשאפטליכע נאטור פלאמט אויף אין איהם פיעלע מאָל, זי באלייכט איהם זיין אייגענע נשמה און צווינגט איהם צו פאראורטיילען זיין פאסיוויטעט, אָבער זי לעשט זיך אלע מאָל אויס אונטער'ן דרוק פון זיין ליעבע צו פילאָזאָפירען. דאָך די געשע־ הענישען לויפען איינע נאָך דער צווייטער, די געפאהר וואקסט און רייצט איהם און צום סוף פון דער פיעסע באזיעגט האמלעט דער קעמפער האמלעט דעם פילאָזאָף.

מיר וועלען אין גאנצען ניט נעמען אין אָנבאטראַכט האמ־ לעט'ס אלע קלאָג־רייד און שטעך־ווערטלעך. מעגען זיי זיין דורכ־ געדרונגען מיט'ן פייערדיגסטען פאטאָס. די ערשטע שפורען פון נויט, וואָס זיינען פארבאָרגען אין דער ברוסט פון דעם טרויעריגען פרינץ, דיענט זיין צוזאמענשטויס מיט'ן שאָטען; אין דער גאנצער צייט פון דער סצענע זעהען מיר אן אמת'ען העלד.

ווען דער פאטאלער שאָטען לאָזט איהם איבער אויף דעם שרעקליכען פעלז, וואָס איז איבערגעבויגען איבער'ן ים, פאָלגט איהם האמלעט נאָך.

ה אָ ר א צ י אָ: ניט נעהט, מיין פרינץ.

ה א מ ל ע ט: וואָס האָב איך צו פארלירען?
עס האָט מיין לעבען סיי־ווי ניט קיין ווערט —
און וואָס אזוינס קאָן ער צו מיין לעבען טאָן —
מיין לעבען, וואָס איז אומשטערבליך, ווי ס'איז דער גייסט.
ער רופט מיך ווידער — איך מוז איהם פאָלגען.

ה אָ ר א צ י אָ: און וואָס — אויב ער וועט אייך צום ים פארנארען,

צי גאָר דאָרט אויפ'ן שפיץ פון הויכען פעלזען,
וואָס בויגט זיך מורא'דיג דעם הויכען בארג אריבער?
ער קאָן דאָרט אָננעמען אַן אנדער אויסזעהן,

וואס קאן איך פון דעם זין אראפפיהרען;
דער פלאץ אליין קאן ברענגען צו פארצווייפלונג
דעם מענש, וואס קוקט אראפ צום טיעפען אפגרונט,
און הערט איהם אונטען רוישען.

האמלעט: ס'רופט מיך אלץ;
געה וויטער און איך קום.

מארצעלוס: איהר טארט ניט, פרינץ!

האמלעט: נעמט צו די הענד.

האראציא: איך בעט אייך, געהט ניט, פרינץ!

האמלעט: מיין שיקזאל רופט; מאכט יעדען מוסקעל שטייף,
ווי שטייף עס איז דער מוסקעל פון א לייב.
ער רופט מיך אלץ, — לאזט אפ — איך שווער ביי גאט,
כ'וועל יענעם פון אייך אין א גייסט פארוואנדלען,
וואס וועט מיך וואגען אפהאלטען. פאראויס!
איך קום נאך דיר!

ווען דער שאטען קלייבט זיך צו פערטרויען איהם דעם שרעקליכען סוד, שרייט ער אוים:

דערצעהל געשווינד! אויף פליגעל פון געדאנק,
צי ווי אין ליעבעס-פאנטאזיע, זאל איך
צו ראכע איילען.

דער שאטען אליין איז זעהר צופריעדען מיט זיין אומגעדולדיגקייט צו הערען דעם סוד.

שפעטער, ווען דער שאטען געהט אוועק, קומט א גאנצער שטורעם פון ווערטער, דורך וועלכע עס רייסט זיך דורך א שטורעם פון ליידענשאפט; א מאמענט — און פאר אונז שטעהט שוין האמלעט דער מיסטיפיקאטאר מיט זיין שניידענדער שארפזיניגקייט. נאך א מאמענט — און מיר הערען א ביטערען יאמער.

„נו, קומט; די צייט איז איצט ארוים פון איהר געלענק —
א, בייזער שיקזאל מיינער, וועה! צו דענקען
אז כ'בין געבארען עס צו ארדנונג ברענגען.“

ווען דער אקטיאר דעקלאמירט פאר האמלעט'ן, וואכט אין איהם אויף דער אינסטינקט פון א קעמפער. מיט באזונדערער גע-

ניאַליטעט איז דאָ אָנגעצייכענט, ווי האַמלעט רופט קינסטליך אַרויס, וועקט אויף זיינע שלאָפענדע אינסטינקטען. זאָגט ער דאָך אַליין לאַערטעס׳ען:

איך בעט דיך, נעם די פינגער צו פון האַלז, —
איך בין ניט ווילד — דאָך היטען זאָלסטו דיך,
דען איך האָב וואָס געפעהרליכעס אין מיר,
וואָס זאָל דיך מאַכען ציטערען. די הענד אַראָפּ!

דאָס „עפּעס געפעהרליכע" וועקט ער דאָך אין זיך. עס וועקען עס אויך אַנדערע אין איהם.

דער קעניג גרייט זיך צו פאַרטיידיגען און וועקט דערמיט דעם קעמפער אין האַמלעט׳ן, און דאָס „עפּעס געפעהרליכע" נעמט אַרויסשפּראָצען פון האַמלעט׳ס נשמה.

ס׳איז פאַרטיג דער באַפעל, דער זיעגעל צוגעלייגט,
און מיינע שול־חברים, וועו איך וואָלט טרויען
אַזוי פיעל, ווי מען טרויט די בייזע שלאַנג —
זיי טראָגען דעם באַפעל. זיי דאַרפען מאַכען וועג —
מיך פיהרען צו פאַרראַט. גוט, זאָל עס געהן;
עס איז אַ פיינער שפּיעל צו זעהן, ווי ס׳ווערט
דער אינזשענער צוזאַמען מיט זיין אַרבייט
אין לופטען אויפגעריסען; אונטער זיי,
אויב ס׳איז מיין רעכענונג ניט פאַלש, וועל איך
אַ ביסעל טיפער זיך אַרונטערגראָבען
און ביז די וואָלקען הויך זיי אויפרייסען.
ס׳איז פיין, ווען ס׳טרעפען זיך צוויי קרעפטען אויף איין וועג.

דאָס געפעהרליכע, דאָס שרעקליכע האָט שוין אויפגעלעבט אין האַמלעט׳ס נשמה. זיין שכל טעראָריזירט איצט ניט, ער איז דער קנעכט פון דעם ווילען, ער באַטראַכט די שלויסטע פּלענער, ער מאַכט די דינסטע אויסרעכענונגען און אויב שוין יאָ זיין שלוי, איז האַמלעט פול מיט שלויקייט.

און פונקט פאַר דער אָפּרייזע נאָך ענגלאַנד, האָט דער שיק־

זאָל צוגעגרייט א שרעקליכען און א דערפרישענדען איינדרוק — די באַגעגעניש מיט פאָרטינבראַסען.

פאָלגענדיג דעם באַפעהל פון דעם לײדענשאַפטליכען, עהר־גייציגען קריעגערישען גענעראַל, מאַרשירען צוואַנציג טויזענד מענ־שען פאַרביי האַמלעט'ן. צו וואָס, וואוהין געהען די דאָזיגע morituri אײנגעמען א שטיקעל ערד? — זיי געהען נאָך רוהם!

נאָך פריהער, ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער גרינגשעצונג פון לעבען, האָט האַמלעט, לאַכענדיג פון גילדענשטערנען, וועלכער האָט איהם געוואָלט באַווייזען, אז רוהם איז דער „שאָטען פון שלאָף", דער „שאָטען פון שאָטען"—געזאָגט: „אויב אזוי, הייסט דאָך, אז דער אָרעמער איז א רעאַליטעט און קעניגען און באַריהמטע העלדען — א שאָטען?"

לאָמיר זיך געגויער פאַנאַנדערקלייבען אין דעם פראַכטפולען, טיעפען מאָנאָלאָג מיט וועלכען האַמלעט באַגירסט פאָרטינבראַס'ן.

ווי יעדע קלײניגקייט באַשולדיגט מיך
און טרייבט דעם פוילענצער אין מיר צו ראַכע!
וואָס איז דער מאַן, וואָס גיט אוועק זיין צייט,
זיין האַרץ און זיין געפיהל אויף שלאָף און עסען? —
א נידעריגע חיה — און ניט מעהר!
געוויס, אז דער וואָס האָט באַשאַפען אונז
און האָט אין אונז אַריינגעהויכט פאַרשטאַנד
די צוקונפט דורך פאַרגאַנגענהייט צו לעזען —
האָט ניט געשאָנקען אונז דעם געטליכען פאַרשטאַנד,
עס זאָל אין אונז אומזיסט־אומנישט פאַרוועלקען.
אצינד, צי איז עס טיעווילישע פאַרגעסליכקייט,
צי גאָר דער טיעף־געגאַרטער צווייפעל,
וואָס קומט פון גריבלען זיך אין יעדער אייגצעלהייט —
— א זאַך, וואָס האָט אין זיך איין חלק חכמה, דריי
חלקים פייגהייט — ווייס איך ניט געוויס
צו וואָס איך לעב נאָך אויף דער וועלט — אויב איך
מוז זאָגען זיך: „דאָס מוזטו טאָן" — ווען כ'האָב
אין זיך די קראַפט, די מיטלען און דעם ווילען
צו טאָן.

שוועך ברויזט האמלעט'ס נשמה. דאָ קלאָגט ניט אַן אַקטיאָר מיט געמאַכטע טרעהרען, דאָס לעבען אַליין מיט זיין שוואונג, מיט זיין טראַגישער געוואַגטקייט, מאַרשירט דאָ צוזאַמען מיט די גרוי־זאַמע פאַלקען אונטער די פעהגער פון דעם „צערטליכען פירשט".
אין האמלעט'ן האָט אויפגעוואַכט דער דורשט נאָך טאַטען. דאָס אמת־מענשליכע ליגט ניט אין פילאָזאָפירען, דער פערשטאַנד איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען כדי צו קאָנען איבערגעהן פון ווערטער צו טאַטען.

און ביישפיעלען, וואָהרשיינליך, גרויס,
ווי גרויס עס איז די וועלט, דערמוט'גען מיך צו דעם.
אָט די אַרמיי פון זעלנער טויזענדער
געפיהרט פון איידעלען און יונגען פּרינץ:
עס לעכצט זיין גייסט נאָך זיעג און העלדענרוהם
און לייגט זיין יונגען לעבען אויפ'ן וואָגשאָל,
זיך איבערגעבענדיג צום צופאַל, טויט, געפאַהר,
בלויז פאַר אַן אויסגעבלאָזען איי. ס'איז גרויס
דער יעניגער, וואָס שטעלט זיך ניט,
ניט האָבענדיג
קיין גרויסע אורזאַך, אָבער וועט
זיך אויפשטעלען
פאַר דער קלענסטער קלייניגקייט,
ווען ס'האַנדעלט זיך
זיין עהרע צו פאַרטיידיגען.

דער יונגער פּרינץ — עהרגייציג, מוטיג, ריטערליך — וועקט אויף אַ טיעפען מיטגעפיהל אין האמלעט'ן און ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך, דעם דענקער. בלויז די געוואַגטהייט פון דעם מוטיגען יונגלינג ציהט איהם צו, איהם, דעם פאַרמאַטערטען דורך אייגענער פּאַסיוויטעט. די גאַנצע צייט טראַכט ער צי עס איז ניט נאַריש די גאַנצע אונטערנעהמונג. אָבער ער ענטפערט זיך, אַז ווען עס געהט אום עהרע, איז אַ מלחמה צוליעב דער קלענסטער זאַך אַ גרויסע טאַט. עס איז ניט פון גרויסער וויכטיגקייט צוליעב וואָס מענשען קעמפען, נאָר פאַרוואָס און ווי. די פּאַסיווע נאַטור שטעלט זיך אַלע ווייל אָפּ און פרעגט, צי עס לוינט זיך דער קאַמף. אָבער אין

קאַמף איז דאָך דאָס לעבען! אין קאַמף וואַקסען די מענשליכע כחות, עס ווערט שטאַרק דאָס האַרץ, דער מענש ווערט גייסטיג אַ ריעז. אונטער די שורות, וואָס מיר האָבען אונטערגעשטראָכען, וואָלט זיך געקאָנט אונטערשרייבען אפילו ניטשע. *)

גוט וואָלט געווען ווען די פּרינצען פאָרטינבראַס וואָלטען געקאָנט שטענדיג אַרויסרופען אַזאַ עדעלע אויפרעגונג אין די פּרינצען האַמלעט. אָבער האַמלעט דאַרף ניט יענעם גרויסען גייסט, וואָס שאַפט גרויסעס, ווען עס זיינען אפילו ניטאָ קיין גרויסע ציעלען, שאַפט בעדייטענדעס אין אַ צייט, ווען עס זיינען ניטאָ קיין באַדייטענדע אויפגאַבען. ער האָט פאַר זיך אַ גרויסע אויפגאַבע: אַ שרעקליך פאַרברעכען איז באַגאַנגען געוואָרען און די פאַרברעכער לאָזען זיך וואוילגעהן און ער טוט דערצו גאָרנישט. דער פאַרשטאַנד און דאָס געפיהל האָבען איהם געדאַרפט שטויסען צו טאַטען, אָבער ער שטעהט און וואַרט אויף עפּעס, ווען די דאָזיגע אַרמיי פון די פשוט'ע מענשען געהען רוהיג אין קבר, פּונקט ווי אין בעט אַריין.

האַמלעט'ס ענערגיע וואַקסט, זיינע באַשלוסען ווערען אַלץ געוואַגטער. וואָלט ער ניט דורכגעלאָזט אַזוי פיעל צייט, וואָלט דער זיעג געווען אויף זיין זייט. ער האָט קונציג פאַרפּלאָכטען זיין אינטריגע און פיהלט זיך גרויסאַרטיג.

ביי מיר אין האַרצען
איז אָנגעגאַנגען לאַנג אַ גרויסער קאַמף;
דאָס האָט מיין שלאָף גערויבט; ס'האָט מיר געדאַכט
איך ליעג אין קייטען, ערגער ווי אַ מערדער.
נאַר אין איין אויגענבליק — און זאָל געבענשט
זיין מיין ענטשלאָסענהייט — עס טרעפט אמאָל
עס שיצט אונז פון געפאַהר דער בלינדער צופאַל,
און ס'נאַרט אונז יעדע רעכענונג.

*) „איהר זאָגט, אַז אַ גוטער ציעל רעכטפערטיגט אפילו מלחמה, און איך זאָג אייך, אַ גוטע מלחמה רעכטפערטיגט אפילו אַ שלעכטען ציעל.“ ניטשע, „זאַראַטוסטראַ“.

אין דעם אַלעם פיהלט זיך באַפרייאונג, אַן אַנדער לופט, אַ שטאַרקע, אַ פרישע.

ס'איז דאָ אַ געטליכקייט, וואָס היט אונז אָפּ
אָהן אונז'ער וויסען.

און אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער, אַז אַלץ וואָס מען דאַרף איז צו זיין פאַרטיג, זיין שטענדיג גרייט, ווייל אַלץ ווערט געטאָן, ווען זיין צייט קומט. דער שכל מיט'ן געפיהל פון פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר דעם „עפּעס שרעק־ליכען", וואָס עס איז פאַראַן אין אונז. דאָס זיינען די גוטע מינוטען פון יענע נאַנצע געפיהלען און טהאַטען, נאָך וועלכע עס שמאַכט אזוי דער מאָדערנער מענש, — האַמלעט לעבט איצט אי־בער אַזוינע טעג, ער הויבט אָן צו רעדען מיט דער שפּראַך פון ריעזען און האַלבע געטער, וועמען עס איז פרעמד דאָס געפיהל פון רחמנות, וואָס מאַכט שוואַך און אָפּהענדיג. ראָזענקראַנץ און גילדענשטערען, די דאָזיגע צוויי דורכגעטריבענע יונגען און לאַ־קייען, שטאַרבען מיט אַ מיאוסען טויט.

זיי האָבען אַליין געזוכט — און זייער טויט
פאַלט ניט אויף מיין געוויסען. האָבען זיי דען
ניט דעם טויט אויף זיך אַליין גערופען,
זיך מישענדיג אין דעם? עס איז געפעהרליך,
ווען ס'וואַרפט דער שוואַכער זיך אַריין אין מיטען
צווישען פעכטענדיגע שפּיזען.

יאָ, איצט איז האַמלעט אַ פורכטלאָזער קריגער. פיעל גוטס האָט איהם געטהאָן די רייזע איבער'ן ים. מעגליך, אַז אויך צווי־שען אונזערע אומענטשלאָסענע האַמלעטלעך וועלען זיך געפינען אמת'ע האַמלעטס, וועלכע האָבען דאָס רעכט אויסצושרייען:

איך בעט דיך, נעם די פינגער צו פון האַלז —
איך בין נישט ווילד — דאָך היטען זאָלסטו זיך,

דען איך האָב וואָס געפעהרליכעס אין מיר
וואָס זאָל דיך מאַכען ציטערען. די הענד אַראָפּ!

דאָס זעהן די שאַנדע פון די נאָהענטע און דעם טריאומף פון די אומגערעכטע, די מאָראַלע פליכט און נויטווענדיגקייט צוריקצוּבּרענגען „די צייט, וואָס איז ארונטער פון איהר געלענק“. דאָס אַלץ, מעגליך, וועט ניט אָנרעגען האמלעט'ן צו טהאָטען. אָבער כאַפּט ניט פאָראויס.

דער קעניג האָט אויפגערייצט האמלעט'ן מיט זיינע בלוטיגע געמיינהייטען און פאַלשקייטען.

ניין, וואַרטען קאָן מען נישט: אַלץ וועט באַלד געשעהן! וואָס איז דאָס מענשליכע לעבען? — אַ וואָרט, און ס'איז פאַרביי!

האמלעט איז גרייט. פון אַלע זייטען האָבען די שונאים אויסגעשטעלט פאַר איהם נעצען, ער וועט זיך ניט ארויסרייסען, אָבער אזא לייב איז שרעקליך צו האָבען אפילו אין אַ נעץ. דער קעניג האָט ניט פאָראויסגעזעהן די שרעקליכע קראַפט, וואָס קאָן ערוואַכען אין דעם שטאַרבענדען האמלעט.

אין דער ענדע פון אונזער כאַראַקטעריסטיק פון האמלעט'ן, וועלען מיר אָנווייזען אויף נאָך איין סימפּאַטישען שטריך אין איהם — זיין זאָרג איבערצולאָזען אַ גוטען נאָמען נאָך זיך. כאָטש האמלעט איז אַ מיזאַנטראָפּ און אַן אריסטאָקראַט, דאָך בעט ער אין דער לעצטער מינוט, אַז מען זאָל פאַרטיידיגען זיין געדעכניש, ווייל אין דער לעצטער רגע פיהלט ער זיין גרויסען צובונד צו דער מענשהייט. און די מענשהייט וועט איהם רעכטפערטיגען, ווייל דער העלד אין איהם האָט ענדליך באַזיעגט דעם סאָפּיסט און ריטאָר.

שעקספּיר'ס טראַגעדיע איז ביז צום פאַרוואונדערען עלעגאַנט אין איהר פאַרטראַכטונג. דעם וואַקלענדיגען האמלעט ווערט אַנטקעגענגעשטעלט דער ניט־וואַקלענדיגער, בלינדער לאַערטעס. שעקספּיר זאָגט אונז, אַז ער רופט אונז גאָרניט צוריק צו דעם צושטאַנד פון האַלב־חיות: ווי לייכט לאָזט זיך לאַערטעס פאַנגען פון קלאַרדיוס'ן, ווי גרינג ווערט ער אומטריי, דאָס אַלץ דערפאַר ווייל ער האָט קיין פונק שכל ניט. האמלעט, באַזיעגענדיג זיין אינטעלעקט

און זיין געוויסען, האָט ער זיי ניט נאָר פארלאָזען, נאָר ער האָט געמאכט, אז זיי זאָלען איהם פאָלגען, זיין איהם געהאָרכזאם. עס איז אמת, וואָס עס זאָגט וועגען איהם פאָרטינבראס:

וועו ער וואָלט לעבען
וואָלט ער געוועזען קעניג.

ניט צוריק, ניט צו לאערטעסען דארף געהן האמלעט, נאָר פאָר־אויס, און דאָס אלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און דורכגעפיהלט וועט פארוואנדעלט ווערען אין לעבעדיגען קאפיטאל. א מענש אָבער, וועמען די ליידענשאפט מאכט בלינד און מאכט פאר א בהמה, וועט פארלאָרען געהן, ניט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין נאָמען.

אין האָראציוס'עס שלום־ווערטער קאָן מען זעהן שעקספיר'ס אויספיהרונגען.

דאָן וועט איהר הערען
פון בלוט, פון טויט, פון אומגעהערטע מעשים;
פון צופעליגען משפט, ניט פאָראויסגעזעהענעם טויט,
פון פאלשקייטען, וואָס זיינען אויפ'ן מערדער'ס קאָפּ
געפאלען.

נו, ווער־זשע איז סוף־כל־סוף גערעכט? האמלעט וואקעלט זיך און טראכט איידער ער געהט עפּעס באשליסען. לאערטעס שטרעבט פאָראויס, ווי א ווילדער אָקס. ביטרע צושטעלט קלאודיוס זיינע נעצען... און דער שיקזאל באשליסט פאר אלעמען! דארפען מיר דען דערפון ניט דרינגען, אז פול מיט פעסימיזם איז דער גרויסער דראמאטורג? שלעגעל קוקט טאקע אזוי אויף דער דראַמאַ: איינער ווי איינער געהען פארלאָרען, אלע זיינען שפּיעלצייג אין די הענט פון שיקזאל. אפשר דארף מען אין באצוג צום שיקזאל פארנעמען האָראציאָ'ס לאגע:

דו ביסט א מאן, וואָס קאָן ז י י ן לייד פארטראָגען;
א מאן, וואָס נעמט דעם שיקזאל'ס לייד און פרייד
און צאָהלט א גלייכען דאנק. געבענשט איז דער
ביי וועמען הארץ און שכל געהען האנד אין האנד —

דו ביסט קיין אינסטרומענט אין שיקזאַל'ס הענד
אויף דיר צו שפּילען לויט דיין וואונש. באַווייז מיר
דעם מאַן, וואָס איז קיין שקלאַף ניט צו זיין ליידענשאַפט.
רעקאָמענדירט אונז ניט שעקספּיר אַלס פּאָזיציע **אין אנ־געזיכט פון שיקזאַל** — דעם סטאָאיציזם?

א מאַן, וואָס נעמט דעם שיקזאַלס לייד און פרייד

און צאָהלט דערפאַר א גלייכען דאַנק.

אָ, ניין! אויף האַמלעט'ס ביטע, ווען ער זעהט די אַלע אומ־גליקען, וואָס באַפאַלען די, וואָס רינגלען איהם אַרום, אַז מען זאָל איהם רעכטפערטיגען אין די אויגען פון די קומענדע דורות, שרייט אוים האָראַציאָ:

דו אורטיילסט פאַלש;
כ'בין מעהר אַן אַלטער רוימער, ווי א דענער;
ס'איז דאָ נאָך גיפט אין בעכער.

קיין שום זאַך, אבסאָלוט קיינע, בינדט איהם ניט צום לעבען צו. וויסענדיג זיין לעבענס אנשויאונג, בעט איהם האַמלעט, אַז ער זאָל צוליעב איהם פאַרבלייבען נאָך א ביסעל אין דעם יאָמער־טאָל. דאָס איז שוין גאָר ניט עהנליך אויף דאַנקבאַרקייט צום שיקזאַל! ניין, האָראַציאָ'ס פּאָזיציע, איז די פּאָזיציע פון פאַר־צווייפלונג.

ווילען מיר גלויבען שלעגעל'ן, אַז האַמלעט'ס גאַנצע גייס־טיגע ענטוויקלונג איז אומזיסט? אַז אַלע אַנטיילנעמער פון שעקס־פּיר'ס טראַגעדיע זיינען גלייך אומגליקליך און עלענד? זאָנדער־באַר, וואָס קיינער פון האַמלעט'ס קאָמענטאַטאָרען, אַלענפאַלס קיינער פון די, וואָס זיינען אונז באַקאַנט, האָבען ניט געזעהן דאָס, וואָס איז קלאָרער ווי דער טאָג. האַמלעט שטאַרבט. און מיט אַמאָל אין דעם זאַל, וואָס איז פול מיט בלוט, טרויער, טויט, פאַר־ברעכען, דערטראָגען זיך טריאומפירענדע, פריידיגע געזאַנגען:

דאָס קומט דער יונגער פּרינץ!

דער „צאַרטער פּרינץ" האָט פאַרט זיך דערשלאָגען צו דעם,

וואָס ער האָט געוואָלט: באַקראַנצט מיט רוהם פון עהרע, קערט ער זיך זיעגרייך אַהיים:

נאָר כ׳זאָג פאָראויס: דער אויסוואהל פונ׳ם פאָלק
וועט פאַלען אויפ׳ן יונגען פאָרטינבראַס;
איך גיב פון קבר איהם מיין שטימע אָפּ.
דו וועסט איהם אַלץ וואָס ס׳איז געשעהן געגוי
דערצעהלען.

אָט דער פרינץ, וואָס האָט אַמאָל אויפגעברויזט האַמלעט׳ס נשמה — איז זיין נאַטירליכער יורש. צו די פאָרטינבראַס׳ן באַלאַנגט דער טראָן און די וועלט! און האַמלעט׳ן ווילט זיך זעהר זיין באַרעכטיגט אין די אויגען פון דעם יונגען העלד. פאָרטינבראַס הייסט באַערדיגען האַמלעט׳ן, ווי אַ קריעגער, — דאָס איז דער גרעסטער כבוד אין זיינע אויגען:

זיין לויה
זאָל ווערען דורכגעפיהרט ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ קריגער.
נעמט צו די קערפּער; אַזא שרעקענס־בילד
איז פאַר׳ן שלאַכטפעלד בלויז; דאָ איז עס ווילד.

עס וואַרפט אָן אַ שרעק אויף פאָרטינבראַס׳ן די גאַנצע אַטמאָספערע פון אינטריגען און לומפּעריי, די גאַנצע שרעקליכע דראַמאַ וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם שלאָס און האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך אַזויפיעל לייכעס. ער איז צוגעוועהנט צו זעהן די טויטע קערפּערס פון שונאים און פריינד בלויז אויפ׳ן שלאַכטפעלד, וואו דער טויט באַליידיגט ניט, דאָרט איז עס אַם פּלאַץ און פאַרשטענדליך.

דער שיקזאַל הערשט איבער אונז. עס איז קיין שום נוצען ניטאָ אין דעם פרוכטלאָזען חקירה׳ן זיך, — אַ מענש איז באַשאַפען געוואָרען כדי צו האַנדלען, ער דאַרף באַשאַפען אַרום זיך אַן אומגעבונג פון קאַמף און העלדען־טאַטען, ווען אַנדערש, — איז ער

א חיה; אָבער דאָס הייסט ניט זיך איבערגעבען דעם בלינדען כעס, תּומאַכען די אויגען, פאַרשטאָפּען די אויערען און געהן וואו מען שטופּט איהם; דאָס הייסט, מען דאַרף זיין א פעלדמאַרשאַל, א סטראַטעג, א באהערשער פון לעבען. באשלוסען דאַרפען גלייך אָנגענומען ווערען און גיך דורכגעפיהרט ווערען. אָבער ניט דער מח און ניט דאָס האַרץ דאַרפען בלייבען שטום, — אַלע סטרונעס פון דער מענשליכער נשמה דאַרפען ארויסברענגען האַרמאָנישע אַקאָרדען. דאָס איז שווער, זעהר שווער, אָבער דאָס איז די אויפ־גאַבע. מעגליך, אַז דו וועסט פאַרלאָרען געהן, וועסט זי אין צייט ניט לעזען, אָבער טו, וואָס דו קאָנסט, שטאַרב מיט עהרע און גיב איבער דיינע ערפאַהרונגען דיינע ברידער־מענשען. דאָס איז די מאָראַל פון האַמלעט. אָנצייגענדיג מיט א געניאַלע האַנט א נעגאַ־טיווען טיפּ, באַשטימענדיג מיט א פיינעם חוש אויף דעם דיאַג־נאָז, — האָט שעקספּיר אויך אָנגעמערקט די מעדיצין, דעם וועג צו גענעזונג, — אמת, בלויז אָנגעמערקט, אָנגעצייגט.

פיעל מעהר צו דער פּסיכאָלאָגיע פון א פּאָזיטיווען טיפּ האָט געגעבען א צווייטער ריעז פון דער נייער אייראָפּעאישער פּאָעזיע,— געטע אין זיין „פאוסט“.

4

דאָקטאָר פאוסט.

היינריך איז אַן אונמיטעלבאַרע נאַטור. אויב ער געהט פאַר־לאָרען צוליעב דער קאָמפּליצירטקייט פון זיין נשמה, איז די קאָמ־פּליצירטקייט פון א ריין עמאָציאָנעלען כאַראַקטער: א צו גרויסע עמפּינדליכקייט, ראַפינירטקייט, צופיעל רחמנות און אונמיטעל־באַרע ליעבע. די געשיכטע האָט אריינגעלייגט אין פיעלע אוים־דערוועהלטע מענשען א צערטליכקייט, א רחמנות, וואָס איז געווען פרעמד דעם אַנטיקען מענשען. האַמלעט איז נאָך א מעהר קאָמ־פּליצירטע נאַטור. יעדער פאַקט רופט ארויס אין איהם א וועלט מיט געדאַנקען, זיין ווילען ווערט קאָנטראָלירט דורך זיין קריטישען בליק און א דאַנק דעם, איז זיין באַציהונג צו דער וועלט א טיעפע,

אַ דורכגעטראַכטע און ניט אַ קינסטלעריש־ברויזענדע, ווי ביי היינ־ריך'ן.

דאָס שטרעבען צו ערקענטניש און דער אַנאַליטישער שכל האָ־בען אַ גרויסע פאַרדיענסט פאַר דער מענשהייט, כאָטש זיי האָבען אַ ביסעל פּאַראַליזירט דעם ווילען. דאָס וויכטיגסטע איז, אַז דער פאַרשטאַנד דאַרף זיך געפינען אין אַן אונטערגעאָרדנעטער לאַגע. ערקענטניש איז געוועזן דער ציעל פון דאָקטאָר פאוסט'ס לעבען. ווער ווייס, אפשר איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר אין יענעם אוני־ווערסיטעט, וואוהין עס האָט זיך געריסען האמלעט. מעגליך, אַז האמלעט האָט אויך אַמאָל גע'חלום'ט וועגען אַן איינזאַמען קאַ־בינעט? וואָלט זיך האמלעט באַנוגענט מיט אַזאַ לעבען? וואָלט ער געוואָרען אַ צווייטער וואַגנער? עס איז אַ גרויסער צווייפעל! מיר קענען זיין צווייטע, זיין העראָאישע, אומרוהיגע נשמה און עס איז גאַנץ מעגליך, אַז זי וואָלט רעוואָלטירט געגען דעם, און וואָלט זי רעוואָלטירט און נאָך פריהער פיעל העכער אויסגעוואַקסען, וואָלטען מיר געהאַט עפּעס ענהליכעס צו פאוסט'ן. אמת, האמלעט'ס העראָאישע נשמה דאַרף נאָך פיעל אויסוואַקסען, כדי צו קריגען יע־נעם טיטאַנישען פאַרנעם, מיט וועלכען עס צייכענט זיך אויס פאוסט'ס שטורמישע נשמה.

געטע'ס טראַגעדיע האָט אַזאַ רייכען אינהאַלט, דאָס איז אַזאַ אוצר פון חכמה, אַז צו די צעהנדליגע קאָמענטאַרען וואָס עקזיסטירען שוין, וועלען זיכער צוקומען נאָך הונדערטער און יעדער איינער וועט אין איהר געפינען נייעס. מיר האָבען מורא היגגעריסען צו ווערען מיט די פּראַכטפולע בלומען פון געטע'ס גאָרטען, מיר וועלען זיך באַשרענקען בלויז אויף אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיקען פון פאוסט און מעפיסטאָפעל און מיט די וויכטיגסטע מאָמענטען פון פאוסט'ס גייסטיגער ענטוויקלונג, ד. ה., מיט דעם, וואָס איז נויטיג כדי צו ערקלערען אַ פּאָזיטיווען טראַגישען טיפּ.

ווער איז אַזוינס פאוסט? אין פּראָלאָג זאָגט גאָט, אַז ער איז זיין קנעכט, אויף וואָס מעפיסטאָפעל ענטפערט, אַז עס וועקט אָבער אין איהם זיך אויף עקעל צו זיין שיקזאַל, אַז עס ציהט פאוסט'ן מיט אַן אומפאַרשטענדליכער קראַפט די וויים; אַז ער וויל אויף דעם הימעל זעהן אַ בעסערע זון און אַל דאָס גליק

גניסען אויף דער ערד. אז עס איז קיין זאַך איהם ניט נאָהענט און טייער און קיינער קען זיין וועהטאָג ניט פארשטעהן.

ליידענשאַפטליכע פארלאַנגען און שטענדיגע אומבאַפרידיגונג זיינען די וויכטיגסטע שטריכען פון פאוסט'ס כאראקטער. פיעל שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו דער טאָפּעלטקייט פון זיינע שטרעבונגען, אויף דעם, וואָס עס ציהט איהם צום הימעל און צו דער ערד, אויף די צוויי נשמות, וואָס לעבען אין איהם.

פאוסט אליין באשטעטיגט עס. ער זאָגט אליין, אז צוויי נשמות לעבען אין איהם, איינע פרעמד דער צווייטער, איינע, וועמען עס איז נאָהענט די ערד און די צווייטע, וואָס שוועבט ארום דאָרט, וואו גייסטער שוועבען ארום.

אָבער, באשטעהט דען טאַקע פאוסט'ס עצם, יסוד, אין דער טאָפּעלטקייט פון זיין נשמה? באשטעהט דען די וויכטיגקייט פון ד'עם מענשען אין זיין שטרעבונג צום הימעל, אין מיסטיציזם? געווים ניט! א ביסעל שפּעטער זאָגט טאַקע פאוסט, אז דאָ, אויף דער ערד, לעבען זיינע שטרעבונגען און איהם ארט ניט, וואָס עס קומט פאַר דאָרט אויף די הימלען און וואָס עס וועט זיין שפּעטער.

דאָס דאָזיגע געפיהל האַלט אין איין וואַקסען אין פאוסט'ן און בילדעט א גרויסע טייל פון יענער חכמה צו וועלכער ער איז געקומען אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען. ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבען רייסט ער זיך אַלץ מיט א פיבערדיגער אומרוהיגקייט, אָבער שוין לאַנג האָבען זיך זיינעביידע נשמות צוזאמענגעגאָסען אין איינער. דער ראָמאַנטישער אידעאַליזם איז געווען, אזוי צו זאָגען, פאוסט'ס יוגענד־קראַנקהייט, אזוי איז ער אויך געוועזען געטע'ס. האַלטען אין איין ווידערהאָלען פאוסט'ס ווערטער וועגען „צוויי נשמות“ און זעהן אין דעם אמת'ן טראַגיזם קאָן נאָר יענער, וואָס איז נאָך גייסטיג א קינד.

אַן אנדער קוואַל פון פאוסט'ס ליידען איז דאָס, וואָס דער גייסט איז אומאַכטיג איבער דער דרויסענדיגער נאַטור. דער אונמיטעלבאַרער איינפלוס פונ'ם גייסט אויף דער מאַטעריע איז מאַגיזם און געטע באַמערקט ספּעציעל פאַר די הערען ראָמאַנטיקער, אז די אַבוועזענהייט פון מאַגישע קרעפטען ביי א מענשען, איז נאָך אַלץ קיין אומגליק ניט.

דאָס וואָס פאוסט נעמט אָן פאַר לײדען — זײַן גרויסע לײַדענשאַפט אַלץ איבערצולעבען, צו פּיהלען, דאָס איז דער דורשט נאָך מאַכט, ווילען און לעבען! ניט נאָר דאַרף מען עס ניט טױטען אין זיך, פאַרקערט, מען דאַרף עס ענטוויקלען אין זיך! די פעהלערען ווערען ארונטערפאַלען און עס וועט בלײבען די רײנע שטרעבונג צום שאַפען.

הײסט עס, אַז פאוסט׳ס אומבאַפרידיגונג איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּראָדוקט פון דער פולקײט פון זײַן לעבען. אײב אַזוי האָט פאוסט פריהער פאַר אַלץ אַ שטאַרקען ווילען. אַ ווילענלאָזען מענשען וואָלט דאָס דער׳הרג׳עט, ער וואָלט געענדיגט מיט זעלבסטמאָרד אָדער מיט פרוכטלאָזער טרוימערײ, גיפטיגער קריטיק; אָבער פאוסט צו אַלעם ערשטען איז אַ מענש פון ווילען, אַן אַקטיווער מענש. דער ווילען צום לעבען אין אַ פאָרם פון אונמיטעלבאַרער לײדענשאַפט באַזיעגט בײַ איהם אַלע איבריגע קרעפטען פון זײַן קאָמפּליצירטען גײסט.

„עס איז געשריבען, — זאָגט פאוסט, — אַז אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט. איך קען אַזוי הויך ניט שטעלען דאָס וואָרט. איך וועל דעם טעקסט פאַרריכטען, אַז אין אָנפאַנג איז געווען דער געדאַנק. מיר דאַכט זיך, איך האָב ווידער אַ טעות, דער געדאַנק קאָן ניט אַלץ באַשאַפען. נײן, פאַר דעם אָנפאַנג פון אַלעם דאַרף מען אָננעמען די קראַפט. איך האָב ווידער אַ טעות, אין אָנפאַנג איז געווען די טאַט.“

די טאַט, דער פאַקט, די זאַך איז דער עצם פונ׳ם זײַן; צום ערשטען געהט בײַ פאוסט׳ן די טאַט, דערנאָך קומט די איבערלײגונג, טײלמאָל — חרטה, — דער דאָזיגער פּראָצעס באַרײכערט זײַ נשמה מיט נײַע אוצרות פון חכמה, מאַכט דעם ווילען אײדעלער, ערהאַבענער, אָבער גראָבט קײנמאָל ניט אונטער פאוסט׳ס לײדענשאַפטליכע אַקטיוויטעט.

אַן אומגעשטילטער לעבענס־באַגעהר און אַ שטאַרקער, לײַדענשאַפטליכער ווילען זײַנען די יסודות פון פאוסט׳ס נשמה; דאָך צוזאַמען דערמיט האָט ער אַ צערטליך האַרץ, ווי הײנריך און אַ ראַפינירטען קאָפּ, ווי האַמלעט. וואָלט עס אַזוי ניט געווען — וואָלט פאוסט געווען אַ פּשוט׳ער אַוואַנטוריסט אָדער אַ דאָן זשואַן.

פיעל באַשטעטיגונגען דערצו וועלען מיר האָבען ביים ווײַ־טערדיגען אַנאַליזירען די דראַמאַ. איצט וועלען מיר זיך פאַרנעמען מיט מעפיסטאָפעלען, מיט דער צווייטער, מיט דער נע־גאַטיווער זייט פון דער מענשליכער נשמה.

די אייביגע בענקשאַפט נאָך העכערע לעבענס־פאָרמען, איז דער וויכטיגסטער שטריך פון פאַוסט׳ן. דאָס פאַרלייקענונג פון לע־בען, דער פינסטערסטער ניהיליזם — מעפיסטאָפאָל׳ס עצם.

מעפיסטאָפאָל׳ס ספּעציאַליטעט איז צו שטערען די הויכע שטרעבונגען פון די מענשען, באַוועגען זיי, אַז זיי זאָלען אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אַלע חלומות, צווינגען זיי אַנצוכאַפּען זיך אָן די רגע׳ס פון געניוס און גלייך צו זיי אַ געשריי טאָן „געגנוג!“

מעפיסטאָפעל פּרעדיגט די פרייד פון לעבען און צושטערט די פּרוכטלאָזע טרוימערייען.

איז עס ניט זאָנדערבאַר, וואָס דער מלאך פון פאַרניכטונג, דער אָנהענגער פון דעם גרויסען „גאָרנישט“ שפּעט אָפּ פון די וואָס טרוימען? דאָ זעהט זיך אַרויס די טיעפקייט פון געטע׳ס געדאַנק, אַז צופרידענהייט, דאָס בליהענדע לעבען, חיה׳שע גליקזעליגקייט איז דער אָנפאַנג פון סוף, אַז דאָס באַדייט, אַז די שאַפונגס־קראַפט אין איהם איז שוין אויסגעטריקענט געוואָרען, אַז אָפּגעשטעלט האָט זיך שוין דאָס שטרעבען פאָראויס און אַז עס רוקט זיך אונטער אי־בערזעטיגונג, אידיאָטיזם, דעקאַדענץ און צוזאַמען דערמיט בודא׳ס שאָטען מיט זיין אייביג טרויעריגען שמייכעל. מעפיסטאָפאָל ווייסט דעם וועג, וואָס פיהרט צו אייביגער פינסטערניש, אָבער דער מענש קען זיך באַרוהיגען אויף אַן ענטגעגענגעזעצטען פונקט: קאָן דערטרונקען ווערען אין דער באַטראַכטונג פון אייביגע אמת׳ן, ווע־רען אַ פּאַסיווער אידעאַליסט. דער טייוועל פאַרשטעהט ניט, אַז דאָס איז ווינט פאַר די פליגלען פון זיין מיהל; אין פּאַסיווען פּלאַ־טאָניזם זעהט ער נאָך אַלץ עפּעס העכערעס, פּאָזיטיוועס און בײ־טער פאַלט ער אויף דעם אָן, ער באַוואַרפט מיט שמוץ, אַלץ וואָס איז הויך, ער שפּעט אָפּ פון ריינקייט, פון עקסטאַז, פון דער עסטע־טישער פאַראייניגונג מיט דער נאַטור און אין דער זעלבער צייט צופלאַקערט ער אין דעם מענשען חיה׳שע ליידענשאַפטען. נאַרי־שער טייוועל! דער אמת׳ער מענש וועט קאָנען פאַראייניגען דעם

קאַלטען אידעאַליזם מיט'ן פייער פון ליידענשאַפט, און דעם ברע־נענדיגען חושך פון ליידענשאַפטען וועט ער באַלויכטען מיט'ן פייער פון אידעאַל.

מעפיסטאָפאָל איז אַ נאַרישער טייוועל, ניט קוקענדיג אויף זיין שרעקליכען שכל.

וועלענדיג פאַנגען פאַוסט'ען אין זיין נעץ, ווערט מעפיסטאָ־פעל זיין דיענער; דער פראַזאַאישער, ציניש־פראַקטישער שכל איז געוואָרען אַ מעכטיגע וואפע אין פאַוסט'ס הענט, אין די הענט פון דעם, וואָס אָרגאַניזירט דאָס לעבען דאָ, דאָ אויף דער ערד.

איצט בלייבט אונז איבער נאָכצופאָרשען די וויכטיגסטע מאָ־מענטען פון פאַוסט'ס ענטוויקלונג, ווייל בלויז אין זיי קאָן מען זעהן זיין כאַראַקטער.

נאָך דעם לאַנגען פעריאָד, וואָס ער האָט אָפּגעגעבען צו דער־קענען דעם עצם פון לעבען, נאָך ביטערע ענטוישונגען, נעמט פאַוסט'ס נשמה אַרום אַ געפיהל פון קאַמף, ער וויל אַנטלויפען פון דעם אַלעם, ער וויל קעמפען מיט די שטורעמס, ער וויל אַ ניי, וואונ־דערבאַר העל לעבען.

אַזוי זיפצט זיין נשמה. און דער שיקזאַל גיט איהם אַ מעג־ליכקייט צו פאַרזוכען דאָס לעבען. מעפיסטאָפעל איז צופרידען, וואָס דער פאַרלאַנג נאָך לעבען האָט זיך צופלאַמט אין פאַוסט'ן, — מען דאַרף איהם נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערברענען. דער פאַרלאַנג נאָך לעבען איז אין מעפיסטאָפעל'ס אויגען, פריהער פון אַלע, תאוה.

אָבער פאַוסט דערשרעקט איהם גלייך מיט'ן פאַרנעם פון זיינע פאַרלאַנגען.

פאַוסט וויל, נאָך דעם, ווי ער וועט פאַרלעשען זיין ליידענ־שאַפט, פאַרזינקען אין הערליכע טרוימען; ער וויל, אַז דאָס לע־בען זאָל לויפען, אַזוי ווי אַ פייל פון בויגען, זאָל עס זיין גליק, אָדער אומגליק; ער איז אַ מענש און איהם איז פרעמד רוה, ער זוכט ניט קיין פרייד; פאַרבאָרגענדיג טיעף אין זיך די ליעבע און די נשמה, עפענט ער אויף זיין הארץ פאַר אַלע ליידען; דאָס מענש־ליכע לעבען, אָט דעם גאַנצען יאָמער־טאָל, וויל ער אויספאָרשען, ער וויל אַריינדרינגען אין אַלע געהיימניסען פון מענשליכען לעבען און דערפיהלען די גאַנצע טיעפקייט פון זייער פרייד און פיין; ער

ווײל אַז זײַן נשמה זאָל אַרײַנדרינגען אין די מענשענס נשמות און מיט זײ צוזאַמען אין שטויב פאַרוואַנדעלט ווערען.

מעפיסטאָפעל ווערט דערשראָקען. אין די דאָזיגע ווערטער פיהלט זיך דער אומרוהיגער שאַפונגס־גייסט. ער פרעדיגט פאוסט׳ן געמעסיגטקייט.

נאָר דאָס שרעקליכע וואָרט „אָבער איך וויל!“ ליעגט אַלץ אויף פאוסט׳ס ליפּען. מעפיסטאָפעל דרעהט זיך אין אַלע זייטען, מען דאַרף צוברעכען דעם דאָזיגען ווילען, דאָס גיגאַנטישע, דורש־טיגע וואָרט „איך וויל!“, מען דאַרף דערמאָנען דעם מענשען, ווי עס טוט עס אָפּט דער פּראַקטישער שכל, זײַן אָרט. מען דאַרף איהם דערמאָנען, אַז נאָך אַלעמען איז ער ניט מעהר ווי אַ מענש.

דערפון איז געדרונגען, אַז מען דאַרף וואָס פרעהליכער דורכ־געהן דאָס לעבען, ווייל דאָס לעבען איז דאָך אייגענטליך ניט פיעל ווערט.. וועט דען דאָס קינד פון סקעפּטיציזם, דאָס יאָגעניש נאָך לייכטע פאַרגעניגענס ניט קאָנען באַהערשען פאוסט׳ן? ער איז דאָך שוין ענטטוישט אין דער וויסענשאַפט!

ס׳אַרא טעות דער טייוועל האָט געמאַכט! ער מעג אפילו מאַטערען פאוסט׳ן מיט ערדישע פריידען, אָבער מיט־אַמאָל וועט ער אין אָט די לײדען דערקענען זײַן גליק, און אַ כאָר פון מלאכים וועט דעם נאַרישען טייוועל אויפזינגען, אַז זייער ברודער, נאָכ׳ן גייסט, איז ערלייזט, אַז דער שטן איז אויסגעלאַכט, און ווער עס קעמפּט אַזוי, ווי ער, פאַרדיענט אייביגען לויב.

אָבער אפילו מעפיסטאָפעל אַליין האָט ניט געחלום׳ט צו פאַרוואַנדלען אומבאַדינגט פאוסט׳ן אין זײַנעם אַ קרבן. ער האָט אַ גוטען מיטעל — די ליעבע. ליעבע — די חיה׳שע לײדענשאַפט, דער עגאָאיסטישער געווס, איז אָפּט פאַרבונדען מיט דער פאַרניכ־טונג פון אַ צווייטען וועזען, צו וועלכען מען באַציהט זיך בלויז ווי צו אַ קוואַל פון חיה׳שען פאַרגעניגען, אָבער צוזאַמען דערמיט איז אין דער ליעבע פאַראַן עפּעס אונערדישעס, פאַר׳כשופ׳טעס. פאוסט׳ן וועט זײַן שווער צו קעמפּען געגען דער ליעבע. מען דאַרף איהם אומקערען די יוגענד מיט איהר אונמיטעלבאַרער לײדענ־שאַפט און פאַרלאָקען איהם מיט פרויען־שעהנהייט. די דייטשע קאָמענטאַטאָרען בלייבען שטעהן פאַרלאָרענע פאַר פאוסט׳ס אונ־

ערוואַרטעטער „צולאַזונקייט“. אין אמת׳ען, ס׳ארא ווערטער ער רעדט!

פ אַ ו ס ט: דו דאַרפסט מיר זעהן צו קריגען דאָס מיידעל.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: וואו איז זי?

פ אַ ו ס ט: כ׳האָב איהר נאָר וואָס באַגעגענט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: איך בין מיט איהר צוזאַמען היינט פון דער קירך אַהיימגעגאַנגען, וואו זי האָט זיך פאַר׳ן פריעסט מתודה געווען אויף איהרע זינד. איך האָב זיך צוגעזעצט און איינגעהערט זיך. זי איז אומזיסט געגאַנגען זיך מתודה זיין, ווייל זי איז ריין, אומשולדיג, כאָטש זי איז זעהר שעהן — און איך, מיין פריינד, האָב איבער איהר קיין שליטה ניט.

פ אַ ו ס ט: וואָס, זי איז דען נאָך קיין פערצעהן יאָהר ניט אַלט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: אַזוי האַנדעלט בלויז אַ דאָן־זשואַן, ווען ער וויל עפּעס בעקומען, איז ער גרייט אויף אַלץ; אָבער ניט שטענדיג איז דער זיעג אויף זיין זייט.

פ אַ ו ס ט: אָ, דו טוגענד־אויפזעהער! לאָז איבער אַלע היילגע געבאָטען און ווייס — אז איצט אָדער קיינמאָל ניט! ווייס, אויב דו קומסט ניט מיט איהר אַהער היינט ביי נאַכט — זיינען מיר אויף אייביג פרעמדע איינער פאַר׳ן צווייטען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: מיין פריינד, דאַרפסט מיר געבען אַם ווייניגסטענס אַ מאָנאַט צייט, אַז עס זאָל זיך מאַכען אַ געלעגענהייט.

פ אַ ו ס ט: ווען איך זאָל האָבען אַ פּאָר שעה רוה, וואָלט איך געקאָנט עס אַליין בעזאָרגען און נישט געדאַרפט נעמען אַ טייוועל פאַר אַ שותף.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: זיי ניט בייז אויף מיר, אָבער דו נעמסט אַלץ לייכט. ווי אַ פראַנצויז. עס ליעגט קיין גרויסע פרייד אין נעמען און גלייך הנאה האָבען. וואָלט ניט בעסער זיין באַקענען זיך, ארומשלעפּען זיך, מאַטערען זיך אַ ביסעל, ווי עס רעדט זיך אין די ראָמאַנען.

פ אַ ו ס ט: איך האָב אַזוי אויך אַ גוטען אַפּעטיט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: אָהן וויצען! מען דאַרף ניט זיין

צו הייס, מען דאַרף די זאַך גוט איבערטראַכטען, — מיט גוואַלט וועט מען דאָ גאָרנישט אויספיהרען, מען דאַרף מיט ביטרעקייט צוגעהן צו דער זאַך. אָבער זעה, ווי טריי איך דיען דיר, נאָך היינט וועל איך דיך ברענגען אין איהר געצעלט אריין.

פּאוסט: צו איהר? כדי זי צו באזיצען?

דאָס איז דאָך ציניזם! מעפיסטאָפעל צוגעהט זיך פאַר נחת פון זיין שילער. ווי אַזוי האָט אַן אידעאַליסט געקאָנט דערגעהן צו אַזאַ ציניזם? די דייטשע קאָמענטאַטאָרען שאָקלען מיט די קעפּ: „אַי, אַי, אַי!". איין געעהרטער קאָמענטאַטאָר פיהרט אויס, אַז פאוסט איז געוואָרען אויסגעלאַסען, און אַזוי ווי ביי געטען ווערט גאָרנישט געזאָגט, דאַרף מען אָננעמען, אַז די סצענע אין דער מכשפה'ס קיך דאַרף סימבאָליזירען אַן אונאויפהערליכע אויס־געלאַסענקייט.

אָ, ווי טיעפזיניג! מיר מיינען פּשוט, אַז צוזאַמען מיט זיין יוגענד, האָט פאוסט באקומען די גאַנצע לייכטזיניגקייט פון דער יוגענד, נישט מעהר. נישט די אויסגעלאַסענהייט רעדט מיט פאוסט'ס ליפּען. ער זעהט אַ פרוי אין דער גאַס, זי געפעהלט איהם. ער זוכט אַלץ נייע פאַרגעניגענס, ער באַגעהרט זי. אָבער עס איז גענוג, אַז פאוסט זאָל אריינקומען אין גרעטכענס צימער, עס איז גענוג, אַז ער זאָל איינזאַפּען די קינדישע, נאאיווע ריינקייט, עס איז גענוג, אַז ער זאָל זיך פאָרשטעלען איהר יוגענד, איהר פאַ־מיליען אומגעבונג, אַז אין זיין הארץ, וואָס איז ניט ווייניגער צארט, ווי היינריך'ס, זאָל זיך אָנצינדען אַ טיעפער מיטגעפיהל צו דער מיידעל, וואָס איז מיט אַ שעה צוריק געווען איהם אַ פרעמ־דע, וואָס איז מיט אַ שעה צוריק געווען בלויז אַ שפּיעלצייג, וואָס איהם האָט זיך געוואָלט עס צו צוברעכען.

וואָלט פאוסט געווען היינריך, וואָלט ער באמת אוועקגעגאַנ־גען און קיינמאָל זיך ניט אומגעקערט, אָבער ער האָט אַ ליידענ־שאַפטליכע הייסע, אקטיווע נאַטור, און דער געדאַנק וועגען גרעט־כען איז אַ זינליכער, אַ הייסער, וואָס בריהט מיט זיין פאַרבאָטע־נעם גענוס, און דער דאָזיגער געדאַנק פאַרפאָלגט איהם.

די דאָזיגע ליידענשאַפט לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס אין איהם; און לעשט זי זיך אויס אויף אַ צייט, איז עס בלויז כדי

אויפצופלאַמען מיט אַ גרעסערער קראַפט. אָבער ער בלייבט שטענ־דיג, לויט מעפיסטאָפעל׳ס אויסדרוק, „איבערזינליך זינליך", ווייל זיין טיפער מיטגעפיהל און זיין צערטליכקייט וואַקסען אין זיין הארצען צוזאַמען מיט דער ברענענדיגער ליידענשאַפט.

„וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער? — פרעגט פאַוסט — אָ, גאָט, ווי טיעף איך בין געריהרט. וואָס וויל איך? וואָס ליידט אַזוי מיין הארץ? אַזוי ווי איך וואָלט געוועזן באַהערשט פון אַ כשוף בין איך אַהער געגאַנגען בלויז כדי צו געניסען. און בין איך אַהער געקומען, איז ס׳הארץ פון טרוימערייען פארשמאַכט געוואָרען. בין איך דען אַ שפּיעלצייג אין די הענד פון דעם בלינדען שיקזאַל? ווי וואָלט איך זיך פארשעמט פאַר מיינע געדאַנקען, ווען איך וואָלט זי איצט דערזעהן. מיט אַ רגע צוריק בין איך געוועזן אַן אומפארשעמטער יונג, און איצט בין איך גרייט צו פאַ־לען צו איהרע פיס".

די גאַנצע נאַאיווע, ליעבע פּלוידעריי פון דעם אומענדליך ליע־בען קינד ברענגט איהם אריין אין באַגייסטערונג, ווייל עס וועקט אויף רחמנות, צערטליכקייט, ווי אַלץ, וואָס איז גוט, שוואַך, ריין, אָבער — וואָס ברעכט זיך לייכט.

„בלויז איין איינציג וואָרט דיינס, — זאָגט פאַוסט, — בלויז אַן איינציגער בליק דיינער איז פאַר מיר רייצענדער ווי די גאַנצע ערדישע חכמה. פאַר וואָס ווייסט נישט די פשטות, די אונשולד, ווי זי איז אונשעצבאַר און הייליג?"

גיך, פונקט ווי אַ בליץ, לויפט פאַרביי די זיסע פּאָעמאַ פון דער ערשטער ליעבע! וויפיעל איז אין דעם פאַראַן פּאָעזיע! און ס׳אַרא וואונדערבאַרער מייסטער איז געטע געוועזן! מען דאַרף לעזען די שורות ביז יעדע דרינגט אריין אין אונזער הארצען, ווי דער קול פון אייגענע עראינערונגען, ווי דער קול פון דעם יונגען, פרישען עבר, וואָס מען לעבט נאָר איינמאָל איבער.

פאַוסט וואַקסט דורך זיין ליעבע. די נאַטור, וואָס איז פאַר איהם געוועזן ביז איצט אומפארשטענדליך, עפענט זיך פאַר איהם. אַ געפיהל פון הייסער דאַנקבאַרקייט פאַר׳ן לעבען פילט איהם אָן. אָבער וואָס העכער עס הויבט זיך אויף זיין נשמה, אַלץ קראַנק־האַפטער ווערט זי: פארניכט ער דאָך דאָס דאָזיגע וועזען, איז דאָך

דער שורש פון דעם אַלעם די בלינדע, אונערזעטליכע טירישע לייי־דענשאַפט! אפשר בעסער איז אנטלויפען? די קאָמענטאַטאָרען נעמען אָן, אַז די סצענע „אין טאָל פון וואַלד" קומט פאָר פאַר גרעטכענס פאַלען. די קאָמענטאַטאָרען זיינען שרעקליך נאַאיוו, פונקט ווי אַלטע מוידען.

„מיין ליידענשאַפט לעש איך אוים מיט גענוס,

און, געניסענדיג, פלאַמט ווידער אויף מיין ליידענשאַפט".

די דאָזיגע שפּראַך איז אַפּנים, אומפאַרשטענדליך פאַר דייט־שע קאָמענטאַטאָרען.

די דאָזיגע ליידען, די דאָזיגע צווייפלען מאַכען אומרוהיג מעפיסטאָפעלען. פון וואַנען נעמט זיך דער טרויער, די אַלע אויסברוכען?

און מיט'ן גאַנצען כח פון זיין צושטערענדען סאַרקאַזם, וואַרפט ער זיך אויף די אידעאַליסטישע, פּלאַטאָנישע, פאַר'חלום'־טע אויסברוכען פון פאַוסט'ן, מיט זיין גיכען צונג רייצט ער פאַוסט'ס זינליכקייט.

און פיהלענדיג זיין פאַרברעכען, און פיהלענדיג די שעדליכ־קייט פון זיין ליידענשאַפט, צולאָזט זיך פאַוסט, אין זיין יעדען וואָרט פיהלט זיך זיין פייערדיגער ווילען; די אַקטיווע ליידענ־שאַפט, דער דורשט נאָך לעבען באַזיעגט אַלץ. כאָטש דאָס געוויסען רעדט גאַנץ הויך און דער פאַרשטאַנד ווידערהאַלט זיינע פאָרוואורפען.

די טראַגעדיע פון דער ליעבע וואַקסט. מאַרגאַריטאַ איז אין גאַנצען ליעבע. אויסער דער ליעבע בינדט איהר קיין זאַך ניט צו־זאַמען מיט פאַוסט'ן, און אויסער דעם האָט זי אויסער דער דאָזי־גער ליעבע קיין שום זאַך ניט אויף דער וועלט, אָבער פאַוסט, וואָס האָט זי נאָך ליעב, רייסט זיך שוין אין דער ברייטער וועלט אריין, ער גאַרט נאָך א נייַ לעבען.

זיי לעבען אין פאַרשיידענע וועלטען; דאָס איז דער שורש פון יעדער ליעבעס־טראַגעדיע. מיט וואָס לעבט ער? ער האָט אַנדערע געפיהלען, געדאַנקען, אַן אַנדער גאָט! דאָס איז שרעק־ליך! די נאַאיווע גרעטכען באַמיהט זיך צו בויען א בריק צווישען איהר גלויבען און פאַוסט'ס. אָבער זי פיהלט, אַז אין פאַוסט'ן איז

דאָ צופיעל פון מעפיסטאָפעל'ן, צופיעל אונגלויבען, קריטיק, און איהר ווערט שרעקליך, שרעקליך.

מארגאריטא גיט אוועק אונצוטיילבאר איהר גאנץ לעבען פאוסט'ן. אוועקנעמענדיג זי פון איהרע נאָהענטע, פון איהר קרייז, ארויסרייסענדיג זי פון דער גאנצער וועלט, האָט פאוסט זי אריינ־געצויגען אין דעם שטראָם פון זיין לעבען. אלץ, וואָס איז געווען נאָהענט צו איהר, איז אויפגעשטאנען, געפּרואווט צו קעמפען און... פארניכטעט געוואָרען אויף א פאטאלען אופן פונ'ם צוזאמענשטויס מיט'ן גיגאנט, און דאָס בלוט פון די פארניכטעטע איז געפאלען אויף מארגאריטא'ס קאָפּ. דאָס זיינען די דירעקטע פאָלגען פון דער ליעבע, וועלכע איז נאָר אַן עגאָאיסטישע ליידענשאפט, א טיי־רישע ליידענשאפט. אָבער גראָד די טיפענישען פון די דאָזיגע ליידען, וואָס זיינען דורך דער ליעבע געבאָרען געוואָרען, וועט אויפהויבען פאוסט'ס נשמה, טיעפער מאכען זי, דיענען פאר א לייטער צו העכערע פאָרמען פון לעבען.

אין אָנפאנג באווייזט זיך די ליעבע צו פאוסט'ן אין געשטאלט פון פרויען־שעהנהייט, אין געשטאלט פון אן אבסטראקטער, באַ־גערטער פרוי.

דערנאָך אין דער געשטאלט פון דער קאָנקרעטער, פּראָכטפו־לער גרעטכען, וועלכע ער ליעבט מיט זיין לייב און נשמה, און וועל־בע ער האָט פארברענט מיט זיין ליידענשאפט. ווייל זי איז בלויז געווען א שמעטערלינג, און ער — א ברענענדיגער פאקעל. און ענדליך באווייזט זיך פאר איהם די ליעבע אין דער געשטאלט פון א בילד, וואָס איז פול מיט אומערקלערבארען טרויער. די ליעבע איז א צו־זאָנדערבאר געפיהל; ביי שטארקע נאטורען איז עס פארבונדען מיט ליידען, — שאָפענהויער'ס שרעקליכער אורטייל וועגען דער ליעבע, ווערט אָפט באשטעטיגט אין לעבען. מיר זיי־נען ווייט פון דעם געדאנק, צו האלטען יעדע ליעבע פאר אומבאַ־דינגט טראגיש, אָבער די טראגישע ליעבע, די ליעבע וואָס גרענעצט זיך מיט טויט און פארצווייפלונג, פארנעמט זעהר אָפט א גרויסען אָרט אין דעם לעבען פון שטארקע נאטורען.

לויט געטע'ס מיינונג, האָט די שרעקליכע טראגעדיע, וואָס האָט פּאסירט מיט גרעטכען, אויפגעהויבען פאוסט'ס נשמה. ניט

נאָר איז ער ניט פאַרלאָרען געגאַנגען, פאַרניכטעט געוואָרען, נאָר ער איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע ליידען און איז געוואָרען אומדער־גרייכבאַר הויך. גרעטכענ'ס ליעבע איז געבליבען פאַר איהם אויף אייביג עפּעס, וואָס הויבט אויף, ווי מען זעהט עס פון דעם סימ־באָלישען עפּילאָג. דורך זיין גאַנצער שטורמישער קאַריערע דער־מאָנט אָפט פאַוסט דעם גליקליכען און פיינליכען חלום פון זיין ערשטער ליעבע.

פאַוסט'ן איז געלונגען זיך אויסצוהיילען פון דעם שרעקליכען באוואוסטזיין פון שולד, פון טרויער און מיטלייד מיט דער הילף פון דער אַלע היילענדער צייט און, פריהער פון אַלץ, אַ דאַנק זיין לעבענס־באַגער, וואָס האָט איהם, ווי אַ מעכטיגער שטראָם, דורכ־געטראָגען דורך אַלע ליידען.

„דעם פאַרוואורפ'ס ברענענד־בייזע קויל נעמט אַרויס,

וואשט אָפּ פון גייסט דעם דונסט פון פריהערדיגע טעג!"

זינגט איבער איהם דער מלאך און די קליינע גייסטער, אריינגיסענ־דיג אין זיין האַרץ אַ היילענד באַלזאַם. וועקען איהם אויף צום לע־בען.

און פאַוסט ערוואַכט פאַר אַ ניי לעבען.

ניך איז ער דורכגעגאַנגען דעם לעבענס מאַסקאַראַד, ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס געלד איז זיין געהיימע שפּרינג־פעדער. דאָס געיעג נאָך געניס — זיין ציעל; אַז די גאַנצע, אַזוי־גערופענע, געזעלשאַפט איז פאַרפוילט, אונזיניג, קליינליך, און וועט אומפאַר־מיידליך פאַרניכטעט ווערען. אין דעם בילד פון דער געזעלשאַפט, וואָס געטע מאָלט, זעהען מיר די פראַנצויזישע געזעלשאַפט פון פאַר דער רעוואָלוציאָן. דער טייל „פאַוסט", דוכט אונז, איז דער וויינינער באַדייטענדער. אָבער צווישען די פאַרגעניגענס און פאַר־ווייליגען פון אָט דער דאָזיגער עלענדער געזעלשאַפט, פון וועלכער פאַוסט איז געוועזען גרייט זיך אָפּצוטרייסלען, האָט ער צופעליג גע־טראָפען אַ הערליך־טיפע ערשיינונג, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט זיין נשמה — די קונסט. די ריינע קונסט — העלענאַ — האָט אָנגעפילט זיין נשמה. מיט זיין געוועהנליכער ליידענשאַפט, מיט זיין געוועהנליכען ענטוזיאַזם ניט זיך פאַוסט איבער צו זיין נייעם פאַרלאַנג, באַגער; ער זוכט די קוועלען פון גריכישער שעהנהייט,

ער דערגרייכט דאָס אונמעגליכסטע, ער צערטעלט אין זיינע אָרעמס די פּאַר איהם אויף ס'ניי אויפגעלעבטע העלענאַ. ברענענדיג פאַר ליעבע, געבירט ער אַ נייע קונסט און באַהאַלט אויף אייביג, ווי אַ טייערע מתנה, העלענאַ'ס קלייד, ד י פ אָ ר ם פ ו ן ש ע ה נ־ ה י י ט.

דער עפּיזאָד מיט העלענע'ן, מיט וועלכען געטע האָט באַצייכענט אַזאַ וויכטיגע ערשיינונג אין דעם לעבען פון אַ מענשען, ווי קונסט, ווי די קינסטלערישע שאַפונג, פאַרדיענט גרויס אויפמערקזאַמקייט אַ דאַנק דער טיעפער און וואונדערבאַרער, געטליכער שעהנהייט, וועלכע, אמת, ווערט דעם לעזער געגעבען ניט מיט אַמאָל. אָבער מיר קענען זיך לענגער ניט אָפּשטעלען אויף דעם וויכטיגען עפּיזאָד. מיט קינסטלערישען שאַפען קען זיך פאַוסט ניט צופרידענשטעלען. וואָס דען פעהלט איהם איצט? קלייבט ער זיך ניט אַרויף אויף דער לבנה?

וואָלט ער אפשר וועלען זיך איבערקלייבען אין אַ רוישיגער שטאָדט, פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, אינטריגען, קאַריערע, אָפּשטאַטען וויזיטען? שפּיעלען אַ ראָלע, וואו יעדער וועט זיך באַציהען מיט אַכטונג צו איהם?

אָבער וואָס אַרען פאַוסט'ן די אַלע וואָס קאָנען איהם אָפּגעבען עהרע? וואָס אַרט איהם, וויפיעל פון דער דאָזיגער סטאַדע געפינט זיך אויף דער וועלט? דאָס דאַרף מען אַריינקלאַפּען אין די קעפּ פון די הערדען קאָמענטאַטאָרען, וועלכע מיינען, אַז ענדליך ווערט פאַוסט אַן אַלטרואיסט און אַ פילאַנטראָפּ. ער פיהלט אויף ס'ניי אין זיך מוט, ער וויל קעמפען, באַזיעגען, באַהערשען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל: הייסט עס, אַז דו ווילסט איצט רוהם?

פ אַ ו ס ט: ניין, איך וויל מאַכט! כ'וויל אַנדערע אונטערטעניג מאַכען! עס האַנדעלט זיך ניט וועגען רוהם, נאָר וועגען קאַמף.

ניטשע! יאָ, אין די דאָזיגע לעצטע פּאָר ווערטער האָבען מיר דעם קווינטעסענץ פון ניטשע'ן: דעם ווילען צו מאַכט. און דאָך האָט ניטשע ניט פאַרשטאַנען די ענדע פון „פאַוסט“, ווען ער האָט געקאָנט כאַראַקטעריזירען פאַוסט'ן ווי אַן אַלוועלטליכען אַרומ־

רייזענדען, ווי אַן אונערזעטליכען בעאָבאַכטער, וואָס לויפט פאַרביי אַלע היסטאָרישע עפּאָכען, אַלע קונסטען, מיטאָלאָגיען און וויסענ־שאַפטען, ביי וועמען טיעפע געפיהלען פלאַמען אויף, אָבער פאַר־לעשען זיך גלייך, און וועמען קיין זאַך, אפילו ניט העלענאַ, קאָן אָנהאַלטען אויף לאַנג.

אורטיילט, לעזער, אַליין וואָס'ער אַרומרייזער און בעאָבאַכטער פאַוסט איז! אמת, דאָס גאַנצע לעבען האָט פאַוסט פּרובירט, פאַר־זוכט, אָבער דאָס דאָזיגע פאַרזוכען, פּרובירען איז געווען טיעף, ביז טראַגיזם אַקטיוו. ביים ענדע פון זיין לעבען ווערט פאַוסט, הויפּטזעכליך, אַ שעפפער. ניטשע האָט פאַרקריפּעלט די ענדע פון פאַוסט און דערמיט געוויזען, אַז אויך געניען, און דערביי אויך פילאָלאָגען, קאָנען גאַנץ אויבערפלעכליך לעזען גרויסע ווערק.

כמעט איינשטימיג צולאָזען זיך די קאָמענטאַטאָרען וועגען פאַוסט'ס אַלטרואיזם און איינינגע אפילו באַהויפּטען, אַז זיין קאַמף מיט'ן ים, אַז זיין בויען פון די קאַנאַלען איז בלויז אַ סימבאָל, אַז אונטער דעם דאַרף פאַרשטאַנען ווערען אַ קאַמף געגען דער רע־וואָלוציאָן. אַזוי, אַז פאַוסט איז אויף דער עלטער געוואָרען ניט בלויז אַ הייליגער, נאָר אַ זשאַנדאַר!

פאַוסט איז אַ שעפפער. זאָגט, וואָסער געמיינשאַפטליכעס האָט דער קינסטלער מיט אַלטרואיזם? וואָס האָט צו טאָן מיט אַלטרואיזם, וואָס ער האַקט אויס פון מאַרמאָר אַ סטאַטוע פון אַ געטין? ער אַרבייט הויפּטזעכליך פאַר דער פרייהייט פון זיין שעפּ־פערישען גייסט. קאָן דען פונקט אַזוי ניט אַרבייטען אַ געזעל־שאַפטליכער טוער? דאָס פאָלק, די געזעלשאַפט איז פאַר איהם דער שטיק מאַרמאָר פון וועלכען ער האַקט אויס די פראַכטפולע מענשהייט, לויט זיין אידעאַל... וואָס האָט דאָס צו טהאָן מיט אַל־טרואיזם? עס אַרט איהם זעהר ווייניג אייער גליק, לעזער, און מעגליך, אַז צוליעב אייער גליק וועט ער ניט אָפּפּערען אפילו מיט זיינעם אַ פינגער — אין געגענטייל, אויב איהר וועט זיך שטעלען איהם אין וועג וועט ער אייך פאַרניכטען; ער וועט, ווי היינריך, מיט פייער און שטיינער פאַרטיידיגען די מאַסע געגען איהר זעלבסט, — זי מוז ווערען שעהן, זי איז מאַטעריע, דורך איהר דאַרף דורכדרינגען דער שאַפענדער גייסט פון דעם זשעניע.

ריכטיג, אָבער דער קינסטלער בעהאַלט דאָך ניט זיין ווערק, איהם זיינען טייער די אַלע עסטעטישע געגוסען, וועלכע ער פאַר־שאַפט די מענשען; ער שאַפט זיין ווערק ניט פון וואקס, נאָר פון מאַרמאָר, שאַפט עס פאַר דורות, פאַר דער אייביגקייט. איז דאָס אַלטרואיזם? דאָס איז דער פאַרלאַנג פון הערשאַפט איבער אַנ־דערע נשמות, דער באַגער אָפּצושטעמפּלען דאָס אייגענע האַרץ אין די הערצער פון אַנדערע, דאָס איז אַ הערליכער קאַמף פאַר באַהער־שונג, דאָס איז אַ קאַמף פאַר'ן לעבען פון זיינע אידעאַלען. „איך וויל לעבען אין די דורות, איך וויל איבערוועלטיגען, ווייל איך ברענג אַ שעהנהייט, וואָס איז פול מיט לעבען, ענערגיע!“ דאָס איז אַ העכערער עגאָאיזם, אַן עגאָאיזם, וואָס געהט אַרויס פון די גרענעצען פון פּשוט'ן שטרעבען נאָך די באַקוועמליכקייטען פון לעבען. אַזאַ מענש האָט אַ רעכט און אַ פליכט צו זיין גרויזאַם, ווען עס איז נויטיג, ווייל זיין זיעג איז דער זיעג פון העכערע לעבענס־פאָרמען. אָבער גרויזאַמקייטען דאַרף מען אויסמיידען ניט צוליעב אַלטרואיזם, נאָר דערפאַר ווייל דאָס פאַרקריפּעלט די קול־טור און וועקט אויף חיה'שע אינסטינקטען.

און פאַר זיך און פאַר אַנדערע פּרעדיגט פאוסט די רעליגיאָן פון אַקטיווען פּאָזיטיוויזם.

„איך האָב זיך גיך דורכגעטראָגען דורך דער וועלט, געכאַפּט זיך פאַר יעדען פאַרגעניגען, און וואָס עס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער האַנד — האָב איך גלייך פאַרגעסען, הנאה געהאַט פון דעם, וואָס עס איז פאַרבליבען. איך האָב בלויז געוואָלט די פאַר־לאַנגען אויספילען און ווידער אָנהויבען צו פאַרלאַנגען. — אַזוי בין איך דורכגעלאָפען דאָס גאַנצע לעבען. איצט לעב איך פאַר־שטענדיג, באַרעכענט, איך קאָן גענוג די וועלט צו וויסען, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג. בלינד איז דער, וואָס טראָגט זיך שטאָלץ מיט זיינע חלומות. בלייב שטעהן פעסט דאָ. פאַר דעם חכם איז אָט די וועלט קיין אונזין ניט. צו וואָס זיך אַרומטראָגען מיט געדאַנקען וועגען דער אייביגקייט? ער כאַפּט בלויז דאָס, מיט וואָס ער וועט זיך קענען צוזאַמענלעבען. אפילו אַזוי, וועט איהם אויך אויסקומען זיין גאַנץ לעבען צו קעמפען. טומעלט, רוישט, גייסטער! ער געהט זיך זיין וועג צו זוכען אומעטום גליק און

פיין, ניט פאַרברייננגענדיג קיין איינציגע רגע אין צופרידענהייט."

אין דעם רוהיגען באַוואוסטזיין פון זיין קראַפט, אין דעם שטאָלץ־באַוואוסטזיניגען גליק פון דעם גרייזען פאוסט מישט זיך אריין, לויט דער מיינונג פון קאָמענטאַטאָרען א טיעפער טרויער. לויט דער מיינונג פון איינינע „דורכדרינגענדיגע לעזער", אין דער ענדע פון „פאוסט", פיהלט זיך געטע'ס טיעפער טרויער. טרויער אין פינאַל פון „פאוסט", טרויער אין פינאַל פון „האַמלעט", טרויער אין פינאַל פון דעם „פאַרזונקענעם גלאָק", — דאָס אויג, וואָס זוכט טרויער, וועט עס אומעטום געפינען! וואָס אנבעלאַנגט אונז, וועקען אין אונז אויף די דאָזיגע פינאַלען האָפנונג און מוטיגע ענערגיע!

די העראָאישע שטרעבונגען וועלען קיינמאָל ניט געהן פאַרלאָרען, זיי בלייבען דער שטענדיגער אוצר פון דער מענשהייט, און רופען צו דעם קאַמף אַלס נייע קעמפער. מיר ווייסען, אז דער טריאומפירענדער פאָרטינבראַס וועט מיט א גוט וואָרט דערמאָנען האַמלעט'ן, אז צוזאַמען מיט דענעמארק וועט ער איינהאַלטען דעם אָטעם הערענדיג האָראַציאָ'ן וועגען האַמלעט'ס לעבען, וועגען זיינע ליידען, וועגען זיין פאַרשפּעטיגטען זיעג, פונקט ווי מיר הערען עס פון שעקספּיר'ס מויל. היינריך איז געפאַלען ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף דעם אויפגאַנג פון דער זון, אָבער די זוהן געהט שוין אויף און די זון וועט אויפגעהן ניט טראָץ איהם, ניט אומאָפּהענגיג פון איהם! אויף די רואינען פון זיין מאַרמאָרנעם חלום וועט א צווייטער אָנהויבען צו בויען. דאָס העראָאישע וועט ניט אונטערגעהן אזוי לאַנג ווי די מענשהייט לעבט! קאָן דען יעדער זיין א העלד? קאָן דען יעדער זיין א פאוסט? פאַרשטעהט זיך, אז נישט! ביי אונז, דורכשניטליכע מענשען, קאָן ניט זיין קיין טיטאַנישער שוואונג, מיר זיינען באַרויבט פון דער פרייד צו באַפעהלען און באַגייסטערען טויזענדע מענשען; אָבער דערפאַר, באַמערקט, האָט פאוסט זיין גאַנצען לעבענס־וועג ניט געהאַט קיין איינציגען פריינד. „זשעניען און קעניגען זיינען איינזאַם". פיעלע זשעניען, דערצו נאָך אינדיווידואַליסטען, למשל, בייראָן, ניטשע, האָבען זיך געלאַנגווייליגט, געבענקט אין דער דאָזיגער איינזאַמקייט. אויב פאוסט, פונקט ווי געטע, האָט ניט געפיהלט קיין נויטווענדיגקייט

אין פריינדשאפט, פארקלענערט דען דאס די פרייד פון מיטווירקונג, מיטהילף? ריעזען קעמפען איינצעלנע — מעגליך, אז אזוי איז פאר זיי בעסער; מעגליך, אז איינזאמע ריעזען זיינען מעכטיגער; באדייטענדע מענשען קעמפען גרופענווייז, און קליינע מענשען קעמפען אין גאנצע ארמייען, און אין אזא געשטאלט זיינען זיי א גרויסע קראפט! וואס ווייניגער א מענש פארמאגט פערזענליכע קראפט און בעגאבטקייט, אלץ מעהר פריינד וועט איהם פארשאפען דאס סאציאלע געפיהל, דאס פארטייאישע, דאס קלאסען-געפיהל. די מאסע איז אין קיין פאל ניט נידעריגער פאר'ן זשעני, ווען זי קעמפט פאר דער קולטור, פאר א גאנץ לעבען, פאר בילדונג. אבער הויפטזעכליך איז פון אונזער ארבייט געדרונגען, אז אין אנגעזיכט פון שיקזאל, איז נאר דא איין איינציגע ווירדיגע פאזיציע — דער קאמף מיט איהם, דאס שטרעבען פאראויס, דער פראגרעס, וועלכער וויל זיך ערגעץ ניט אפשטעלען, די באפעסטיגונג פונ'ם לעבען מיט אלע זיינע אומבאפרידיגונגען און פיינען.

„דער ווילען ווערט קיין מאל ניט באפרידיגט און אומערזעטליך איז זיין גייציגקייט", לערנט שאפענהויער; „קער זיך אפ פון איהם, זאג דעם לעבען: ניין! פארזינק אין נירוואנא!" יא, דער ווילען איז אומערזעטיגט און דער דאזיגער אייביגער באגער איז דער עצם פון לעבען, אבער טויזענד מאל זאגען מיר דעם לעבען: יא! זאל דאס לעבען וואקסען, און צוזאמען מיט איהם — אונזערע פריידען און ליידען.

וועגן טעאַטער

איבערזעצט — נ. בוכוואַלד

שטאַפּלען פון קונסט.

דער טעאַטער, אַלס איינער פון די העכסטע אויסדרוקען פון קונסט, געפינט זיך אין אַזאַ ענגער פאַרבינדונג מיט אַלע ערשיי־נונגען פון קינסטלערישען שאַפען, דאָס זיינע שטופען, זיינע שטאַפּלען פון פולקייט און פאָלקאָמענהייט, פאַלען צוזאַמען מיט די שטאַפּלען פון דעם גרויסען לייטער פון קונסט.

אין דער קונסט איז פאַראַן אַ בולט־אויסגעדריקטע גראַדאַ־ציע. איך רעד דאָ ניט וועגען די שטופען פון איהר היסטאָרישער ענטוויקלונג. מען קאָן אין אַלגעמיין ניט רעדען וועגען גלייכמעסי־גען און פּלאַנמעסיגען פּראָגרעס פון קונסט, — די געשיכטע פון קונסט איז קאַפּריזנע און ציהט זיך ניט ווי אַ נישט־איבערגעריסענער שנור. אָבער אפילו ווען מיר נעמען איינצעלנע גלקליכע עפּאָכען, אין וועלכע קונסט האָט געהאַט אַ מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען פריי, פאָלגענדיג איהר אינערליכען געזעץ (אָדער בע־סער געזאָגט, דעם ביאָלאָגיש־פּסיכישען געזעץ, לויט וועלכען יעדע אידעאָלאָגישע פונקציע פון דעם מוח ענטוויקעלט זיך), אפּילו ווען מיר נעמען אָט די איינצעלנע גליקליכע עפּאָכען, געפינען מיר אין ערגעץ ניט קיין צוזאַמענפאַל פון די שטופען פון דער היסטאָרי־שער ענטוויקלונג מיט די גראַדאַציעס פון פולקייט און אינערלי־כער פאָלקאָמענהייט, וועגען וועלכער איך האָב בדעה דאָ צו ריידען.

מיט וואָס פאַר אַ קריטעריום באַנוצען מיר זיך אום אויפצו־דעקען די גראַדאַציעס אין קונסט? איך שלאָג פאָר אַלץ דעם זעלבען סאָציאַל־ביאָלאָגישען (און אין דער זעלבער צייט... רעלי־גיעזען) קריטעריום, וועגען וועלכען איך האָב ניט איין מאָל גע־שריבען. די אָנווענדונג פון דעם דאָזיגען קריטעריום אויף דער קונסט קאָן אוועקלעגען דעם פונדאַמענט פון אַ נייער עסטעטיק, וואָס זאַפּט מיט איהרע וואָרצלען איין די זאַפט אין דעם פרוכט־באַרען באָדען פון פיזיאָלאָגישע פאָרשונגען, בעת מיט איהרע בלי־הענדע צווייגען דערגרייכט זי ביז צום סאַמע הימעל פון די העכ־

סטע רעליגיעזע איבערלעבונגען. דעם דאָזיגען קריטעריום קאָן מען פאָרמולירען אויף צוויי אופנים:

1) אויף וויפיעל איז א געוויסע ערשיינונג פון דעם מענשליכען גייסט א פולער אויסדרוק פון דעם עצם פון דעם מענשליכען מין און פון זיינע באציהונגען צו דעם נישט־מענשליכען (צו דער סביבה)?

2) אויף וויפיעל העלפט א געוויסע ערשיינונג פון דעם מענשליכען גייסט דער פאָלקאָמענהייט פון דעם מין אין זיין נצחון איבער דעם ניט־מענשליכען (איבער דער סביבה)?

אלס אן ענטפער אויףביידע פראגען, ווען מען ווענדט זיי אן אויף דעם געביט פון קונסט, באקומט זיך, ווי מיר שיינט, איינע און די זעלבע גראדאציע.

דער ערשטער שטאַפּעל.

דער ערשטער שטאפעל פון קונסט פאלט צוזאמען מיט דער ערשטער שטופע פון איהר היסטאָרישער עטוויקלונג און האָט א ריין פיזיאָלאָגישען וואָרצעל. די עמפּאנגונגס־אָרגאנען פון דעם מענשען זיינען פיזיאָלאָגיש פארבונדען מיט זיינע באוועגונגס־אָרגאנען: דעם מענשען ווילט זיך, און אמאָל איז דאָס א נויטוועדיגקייט זאָגאר געגען זיין ווילען, נאָכצומאכען די מעהר שלאָגענדע ערשיינונגען, וואָס מאכען א טיעפען איינדרוק אויף זיין נשמה*) און אויך זיי צו קאָפּירען. צו קענען גענוי קאָפּירען זאַכען פון דער נאטור פרעהט דעם ווענינ ענטוויקעלטען מענשען פונקט ווי דאָס פרעהט א קינד. אין דעם באגינען פון זייער קונסט האָבען די איטאַליענער ניט געוואוסט פון קיין מעהר לויבענדען צונאָמען פאר א מאָהלער ווי Scimia della natura פון דער נאטור. צו קאָנען זיך נאָכקרימען דער ווירקליכקייט איז, פארשטעהט זיך, קונסט אין דעם זין, וואָס מען קאָן דאָס טאָן קונציג. פון דער לעגענדע וועגען זעווקסיס'ען און פאראנזיע

*) אונטער דעם וואָרט גייסט, נשמה, פארשטעה איך ניט קיין אנדער זאך ווי אַלע איבערלעבונגען פון א מענשען צוזאמענגענומען, איבערלעבונגען וואָס קריגען זייער צוזאמענהאנג און איינהייט פון דער אייבערשט פון דער נערוועו־סיסטעם, וואָס ענטשפּרעכט זיי.

ביז צום ראַט פון דעם גרויסען לעאָנאַרדאָ, אַז דער מאַהלער זאָל זוכען מאַכען דאָס בילד עהנליך צו דער אָפּשפּיגלונג פון דעם אָריגינאַל אין אַ שפּיגעל, ביז צו דער ענטציקונג פון פּיעלע מאָדערנע מבינים איבער קונסט מיט דער א מ ת ׳ ע ר שילדערונג פון די עפעקטען פון דער זון, א. ז. וו., ציהט זיך די קונסט פון נאָכמאַכען דער ווירקליכקייט. אויך איצט שפּיעלט אַזאַ נאָכמאַכונג אַ גרעסערע ראָלע אויף אַלע געביטען פון קונסט, ווי עס קוקט אויס אויפ׳ן ערשטען בליק. זי לייסטעט גוואַלדיגע דיענסטען דער אמת׳ער שילדערונג אין דעם זין, וואָס זי העלפט זעהר פיעל דער ענטוויקלונג פון קינסטלערישע מיטלען. דאָך פאַרבלייבט נאָך אַלץ אמת, דאָס וואָס וואָלפהאַנג געטע האָט געזאָגט, אַז „אַ לעבעדיגער הונד איז דאָך בעסער פון אַ הונד וואָס איז אַם טרייעסטען אויפגעמאַהלען“.

דער אָנהויב פון טעאַטער באַשטעהט פון נאָכמאַכונג פון דעם לעבען אין די מימישע טאַנצען פון די ווילדע. די הויפּט כאַראַקטערע אין די דאָזיגע טאַנצען, וועלכע מאַכען נאָך מיט אויסערגעוועהנליכער קונציגקייט ווי אַ שטרוים געהט און טרינקט און ווי דער יעגער גנב׳ט זיך אונטער, שטעהען אויף דעם נידעריגסטען שטאַפּעל פון קונסט ; דער כאָר, וואָס טאַנצט ריטמיש אַרום די הויפּט כאַראַקטערע אָדער פּאַטשט ריטמיש מיט די הענד, אָדער האַלט ריטם מיט פּויקען, — כאָטש אַזאַ באַהויפּטונג וועט אפשר קלינגען זאָנדערבאַר, — שטעהט שוין אויף אַ העכערער שטופע. דער עלעמענט פון נאָכמאַכען שפּיעלט אַ גרויסע ראָל אויך אין דעם מאָדערנעם טעאַטער, און אין אַ גרעסער אָדער קלענערער מאָס איז ער אַן אונבאַדינגטער עלעמענט אין יעדען טעאַטער.

דער צווייטער שטאַפּעל.

די פאָרמעלע עסטעטיק אונטערשיידעט אין קונסט ווערק דעם אינהאַלט און די פאָרם. דעם אינהאַלט גיט זי ניט צו קיין קינסטלערישע באַדייטונג — דאָס איז געוועהנליכער מאַטעריאַל, געבאָרגט דורך נאָכמאַכונג פון דער ווירקליכקייט. די קונסט איז אינגאַנצען קאָנצענטרירט אין דער פאָרם. פון ווירקליך גרויסער וויכטיגקייט אויף דעם געביט פון קונסט איז די טענדענץ פון טעאַ־

שען צו ענדערען די זאַכען וואָס ער שילדערט, באַוואוסטזיניג צו מאַכען זיי אַנדערש ווי די רעאַלע פּראָטאָטיפּען אָדער אָריגינאַלען. ער שטרעבט צו שילדערען זיי ווי זיי געפעלען איהם בעסער, אַזוי ווי זיי וואָלטען, נאָך זיין מיינונג, געדאַרפט זיין.

דער וואָרצעל פון דער דאָזיגער ערשיינונג איז אויך אַ פיזיאָלאָגישער, אָבער די פיזיאָלאָגישע ערשיינונג, וועלכע ליגט אין דעם גרונט פון דער שעפערישער פאַרענדערונג צי פון די געגענשטאַנדען אַליין צי פון זייער שילדערונג, איז דער גרונט פון דעם גאַנצען לעבען, פון דער גאַנצער מענשליכער וועלט. דער לעבעדיגער אָרגאַניזם האָט זיינע אייגענע געזעצען, זיינע אינערליכע באַדערפניסען, די באַפרידיגונג פון וועלכע גיבען איהם דאָס העכסטע גליק. זיינע חושים פון זעהן, הערען, שפירען, שמעקען, אַזוי גוט ווי זיינע מוסקולען, זיין מאַגען, זיינע געשלעכטס־אָרגאַנען, פאָדערען פון דער סביבה באַשטימטע באַדינגונגען, באַשטימטע אייגענשאַפטען, אין דער אַנוועזענהייט פון וועלכע די דאָזיגע ערשיינונגען ווערען אַ טייל פון אונז, ווערען אַן עלעמענט, אַ שטיצע, אַ סטימול פון לעבען, און דערפאַר באַלוינט טאַקי דער מענש די געגענשטאַנדען און ערשיינונגען, וועלכע באַפרידיגען די דאָזיגע באַדערפנישען, מיט אַזוינע ווערטער, ווי ליעבליך, אַנגענעהם, שעהן, ענטציקענד, א. ז. וו.

פאַרמאָגענדיג אַ געוויסען איבערפלוס פון קרעפטען, מישט זיך דער מענש אריין אין דער ווירקליכקייט, און זוכט זי צו פאַרענדערען אויף זיין שטייגער, צו פאַרמענשליכען זי. די מיטלען און מעטאָדען פון אַזאַ פאַרמענשליכונג זיינען אונענדליך פאַרשיעדענאַרטיג, און בלויז אויסרעכענען זיי, וואָלט פאַרנומען פיעלע זייטען. עקאָנאָמיק, די דעקאָראַטיווע און פּאָליטישע קונסט, פּאָעזיע און מוזיק, פילאָזאָפיע און רעליגיע — דאָס זיינען מיטלען צו פאַרמענשליכען די וועלט.

די קינסטלערישע פאָרם האָט די זעלבע באַדייטונג, שפּיעלט די זעלבע ראָל: אין פאַראיינפאַכען ערשיינונגען, אין אונטערשטרייכען באַשטימטע זייטען פון ערשיינונגען און אין קאָמביני־רען זיי, שטרעבט די קינסטלערישע פאָרם אימער זיי נעהנטער צו ברייננגען צום אידעאַל פון׳ם מענשען, צו פאַרמענשליכען זיי

וואָס מעהר און אַרויסציהען פון זיי מעהר עסטעטישען גענוס, ווי די ווירקליכקייט גיט.

קונסט איז פריי. וואָס מען קאָן ניט דערגרייכען אין דער ווירקליכקייט איז גרינג צו דערגרייכען אין טרוים. דער טרוים (פאַנטאַזיע) איז דאָס קינד פון דער שטימע פון פיזיאָלאָגישע באַדערפנישען (אין דעם ברייטסטען זין — פון אַ ל ע מענשליכע באַדערפנישען), דאָס דירעקט, אונמיטעלבאַר קינד פון בלויז דעם אָרגאַניזם, פונקט ווי אַטהענע איז געוועזן די טאָכטער פון בלויז איהר פאָטער — זעוס. אָבער נאָר דאַן לעבט דער טרוים אויף דער וואַהר, דאָס הייסט ער פאַרנעמט אַ פלאַץ אין דער אָביעקטיווער וועלט, לעבט פאַר אַנדערע מיטמענשען, ווען ער איז פאַרקערפערט. מען קאָן איהם פאַרווירקליכען, פאַרוואַנדלען איהם אין אַ ווירקליכקייט און דער ווירקליכקייט צוגעבען באַצויבערענדע שטריכען. אָבער דאָס איז שרעקליך שווער, ווייל די גראָבע, נידערטרעכטיגע מוטער — די מאַטעריע, די ווירקליכקייט, איז קאַרג און איינגעשפאַרט: זי גיט זיך זעלטען אונטער און פון איהר וועדען געבוירען נישט מעהר ווי קליינינקע פאַרזעהענישען, וועלכע האָבען בלויז אַ ווייטע עהנליכקייט צום פאָטער — דעם מענשליכען גייסט. אָבער דעם טרוים קאָן מען געבען אַ קערפערליכען אויסזעהן: מען קאָן איהם געבען אַ האַלב־עקזיסטענץ אין מאַרמאָר, אויפ׳ן לייוונד, אין דעם פליהענדען וואָרט, אין קלאַנגען. דאָ עפענט זיך אַן אויסוועג פאַר דעם מענשענס בענקעניש, וואָס איז ניט בכח צו געבען דעם אידעאַל אַ ווירקליכען קערפער, אין דער מאַטעריעלער וועלט אַ מענשליך שעהנע פאָרם. די עסטעטיק פון שילער און פון שעלינג איז באַגרינדעט אויף דער דאָזיגער פסיכאָלאָגישער ערשיינונג. לויט נאָך שעלינג׳ען עקזיסטירט די וועלט בלויז צוליעב דעם, אַז אויף דעם שפיץ פון איהר שווערער פיראַמידע, געמויערט מיט בלוט און טרערען, זאָל זיך באַווייזען דער קינסטלער. און ווייטער ציהט זיך שוין די ניט־מאַטעריעלע וועלט, ווייטער זיינען די אומזיכטבאַרע וואָלקענס פון די דופטען פון טרוים.

פאַר אַ פאַלשער אויסטייטשונג פון דער זעלבער ערשיינונג באַטראַכט איך אויך דעם פלאַטאָנישען אידעאַליזם מיט אַלע זיינע

וואָרצלען און צווייגען: אנשטאט די באַדערפֿניסען פֿון דעם אָרגאַניזם, וואָס זיינען אזוי פּראָזאאיש אויסגעוואַקסען פֿון די כעמישע איינגענשאַפֿטען פֿון דער פּראָטאָפּלאַזם פֿון דעם ערשטען לעבעדיגען יאָדערעל, און וואָס האָבען אזוי טראַגיש אוועקגעשטעלט דעם מורא'דיגען, פּייערדיגען פֿראַגע־צייכען: זאָל אַ גאָט זיין אויף דער וועלט? זאָל דאָס לעבען זיין די קעניגין? זאָל דער אָרגאַניזם זיין דער וועלט־אַל? — אָנשטאט אָט דעם שטוינענדען קוואַל פֿון קינסטלערישען טרוימען און טרוימערישער קונסט, — האָט מען אונטערגערוקט די כלומרשט שוין עקזיסטירענדע אידעען, וועלכע זיינען אַגב אַ מין אידעאַלע באַדערפֿנים פֿון דעם פֿאַנטאַסטישען איבערמענש, איבער־גייסט — גאָט. אין אַלגעמיין טראָגט דער רעליגיעזער און מעטאַפֿיזישער אידעאַליזם אריבער די דראַמאַ פֿון דעם מענשען אין דער אומגעבונג, אין די הימעלשע ווייטקייטען, אין די פֿאַר־בראשית־צייטען, און פֿאַרענדערט זי אויף אַ זאָנדערבאַרען, איינענאַרטיגען אופֿן, אום זי צו מאַכען גרעסער און ערהאבענער. דער טריאומף פֿון ריינער קונסט, ריינער מענשליכקייט איז די אידעאַליסטישע קונסט, די קונסט פֿון טרוים. איהרע געשטאַלטען ווערען גענומען פֿון גן עדן, דאָס הייסט פֿון דער וועלט פֿון דעם מענשענס באַהאַלטענע טרוימען, אָפּטמאָל אומבאַוואוסטזיניגע. „וואו האָט איהר געזעהן מוטערס, וואָס זיינען איינגער פֿאַר זייערע זיהן?“ האָט מען געפֿרעגט מיקעל־אַנדזשעלאָ וועגען זיין Pieta. „אין גן עדן“, האָט דער מייסטער געענטפֿערט. עס איז דאָך אזוי זיס צו באַטראַכטען די טרוים־וועלט אַלס עקזיסטירענד ערגעץ־וואו, אריבער די גרענעצען פֿון אונזער ערד און אונזער הימעל. עס ווילט זיך דיווירקליכע וועלט אַליין צו באַטראַכטען פֿאַר אַ בלייבער אָפּשפּיגלונג פֿון דער וועלט, ווי זי וואָלט באַדאַרפֿט זיין, ווי מיר וואָלטען זי וועלען האָבען, אין איהרע דונקעלע, ניט־העלע שעהנקייטען — אַלס די פֿאַרגעשטאַלטען פֿון אמת'ער שעהנקייט, וואָס פֿאַרדיענט אמת'ע ליעבע:

די ערדישע ליעבע איז זוכעניש בלויז:
דיין צוקונפֿטס־מאַן און אויך מיין ווייב —

נאָך זיי מיר בענקען, זיפצען ביידע;
דו זעהסט און פיהלסט אין מיר זיין עהנליכקייט;
מיך ציהט צו דיר ניט דו, נאָר זי,
איך דענק איך ליעב דיך, אויך דו ליעבסט מיך,
צוזאַמען אָבער זוכען מיר: דו—איהם, איך—זי.

עס דערגעהט דערצו, אז ליעבע אין דער ווירקליכקייט ווערט ערקלערט אַלס נידריג און פאַרברעכעריש. די געזונטע מעגליכקייט ווערט אָפּגעהאַקט, עס טריאומפירט דער עקסטאַז פון טויט, דער טרוים באַצייכענט שוין מעהר ניט קיין אידעאַל, וואָס דאַרף ווערען רעאַל פאַרווירקליכט אין דעם פּראָצעס פון אַלמענשליכען שאַפען, — קונסט ווערט פאַרוואַנדעלט אין א ראַפינירטען סם.

דער טעאַטער פון ריינעם טרוים האָט זעלטען אַ ערפאָלג, ווייל דער עצם פון טעאַטער איז באַוועגונג און קאַמף. פאַר דער לעצטער צייט, באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג, האָבען זיך אין דער וועלט פון טעאַטראַלער קונסט באַוויזען טענדענצען אין יענער ריכטונג: אַ סימן פון טיעפער מיעדקייט פון געוויסע גרופען אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

דער דריטער שטאַפעל.

די מענשליכע לעבענסוויליגע עפּאָכען ווילען נעמען דעם וועלט־אַקס פאַר די הערנער. זיי ווילען זיך שלאָגען און ארבייטען. פאַר אַ ווערק פון אמת'ער מענשליכער קונסט באַטראַכטען זיי דאָס שעהנע לעבען, און דאָס רעאַלע לעבען — פאַר דעם אמת'ען מאַטעריאַל. די נאַטור — דאָס איז דער מאַרמאָר־פעלז; די מענשהייט — דאָס איז דער מייסטער; ארבייט, טעכניק — דאָס איז דער האַמער; גליק — דאָס איז די שיינענדע געטין, וועמעס נאַקעט לייב וועט ארויסקומען פון דעם פאַרמלאָזען פעלז אונטער די קלעפּ פון דעם שטאָלענעם האַמער, און — דאָס וואונדערבאַרסטע — די דאָזיגע געטין, ווערט נאָכדעם צוואַרימט און פאַררויטעלט אונטער דעם מייסטער'ס קושען, ווי אַ נייע גאַלאַטעאַ, און ווערט זיין לעבעדיגע פריינדין.

און זיי וועלען זיך קיינמאָל ניט אויפהערען ליעבען.

אָבער וואָס פּאַר אַ ראָל שפּיעלט די קונסט אין די דאָזיגע מענשליכע עפּאָכען? די ראָל פון אַ גרויסען העלפער — אַ מיטארבייטער. אין די דאָזיגע עפּאָכען ווערען די בעסטע פאָרשטעהער פון קונסט מיטגעריסען פון לעבען. קונסט שטעלט זיך אַוועק אין איין רייה מיט וויסענשאַפט. די קונסט שטודירט דאָס לעבען, ניט די מענשען אַ טיעפען וויסען פון דער ווירקליכקייט. דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין די אינטערעסאַנטע עהנליכקייטען און קאָנטראַסטען צווישען רייגער וויסענשאַפטליכער ערקענטניס און פאָרשענדער לערנענדער קונסט. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז די קינסטלערישע ערקענטניס זוכט צו ריידען ניט בלויז צום אינטעלעקט, נאָר אויך צו די געפיהלען, צו מאַכען די וועלט פאַרשטענדליך דורך דעם וואָס זי ווערט געמאַכט עמאָציאָנאַל־נאָהענט באַקאַנט. און דעריבער קען די ערקענענדע קונסט, וועלכע מען קאָן מיט אָנשטריינגונג אויך אָנרופען נאַטוראַליזם (ניט באַגרעניצענדיג זיך מיט זאָלאָ'ס שול, נאַטירליך), זיך באַנוצען מיט מעטאָדען, וועלכע זיינען אין גאַנצען ניט פּאַסיג פאַר דער וויסענשאַפט: אַ טענדענציעזער אויסוואַהל פון פאַקטען און שטריכען, איבערטרייבונג, אַפּזיכטליכע פאַרבען־העלקייט, אַ שטרעבונג צו זיין געטרייער און אמת'ער פון דער נאַטור אליין, דאָס הייסט, פאַרענדערען די פיזיאָנאָמיע פון ערשיינונגען, אויפדעקען זייערע אייגענשאַפטען, זייער פאַרבאָרגענעם אינהאַלט. דאָס טיפּישע אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט איז דאָס דורכשניטליכע; דאָס טיפּישע אין דער קונסט־וועלט איז דאָס העלע. וויסענשאַפט זוכט דאָס געוועהנליכע, קונסט — דאָס אויסדריקליכע.

צו זיין אויסדריקליך מיינט צו באַזיצען אַ מאַקסימום נייע און פאַר דעם וועלט־פאָרשענדען מענשען וויכטיגע שטריכען. דער קינסטלער, דורך דער צויבער־קראַפט פון סטיל, מאַכט אַלצדינג אויסדריקליך. אין דעם הינזיכט יאָגט ער וויית אַריבער די נאַטור. דער קינסטלער ערפינדעט אַלץ נייע מיטלען און מעטאָדען, ענטדעקט אַלץ נייע וועגען צו קרעפטיג קאָנצענטרירטער אויסדריקליכקייט, און ווערט אַזוי אַרום אַ גרויסער לעהרער פון לעבען, פאַר וועלכען ניט די קערפּערס און ניט די נשמות האָבען ניט קיין

סודות, וועלכער האט ניט בלויז די ערשטוינענדע קראפט אליין אנצוכאפען דאס הארץ פון יעדער ערשיינונג, נאר אויך דאס צו ענטפלעקען פאר אונז זינדיגע — מאכען מעגליך פאר אונז זיך צוצוריהרען מיט אונזער הארץ צו זיין געהיימניספולען קלאפען.

דער גרויסער נאטוראליסטישער טעאטער ענטשפרעכט דער גרויסער נאטוראליסטישער קונסט. אבער דער טעאטער, אלס די קונסט פון לעבעדיגער האנדלונג, באזיצט דעם כח אויף א נאטיר־ליכען אופן צו דערהויבען די דאזיגע קונסט צו א העכערען שטא־פעל, פארוואנדלענדיג זי פון אן אביעקטיוו־ערקענענדער קונסט אין א פראפעטיש־פיהרענדער. אבער דער טעאטער פון ערקענט־ניס, ווי די גאנצע ערקענענדע קונסט, האט, נאטירליך, זיינע איי־גענע ברייטע גראדאציעס, לויט נאך דער קאנצענטרירענדער קראפט פון סטיל און באגאבטקייט פון א געוויסער עפאכע, שולע אדער איינצעלנעם קינסטלער. פון אונטען טראגט דער טעאטער א לעבענס־באשרייבליכען כאראקטער, איז א רעזולטאט פון ניט־פרעטענציעזער באאבאכטונג; פון אויבען נעמט ער אן דעם כא־ראקטער פון קינסטלערישען אריינדרינגען אין די טיעפענישען פון דער אלוועלטליכער דראמע אין דער קינסטלערישער ענטפלעקונג פון די דאזיגע טיעפענישען.

דער פערטער שטאפעל.

ווען א קינסטלער פון קאלאסאלער קראפט כאפט ארום אין סימבאלען דאס לעבען אין זיין גאנצער ברייטקייט און טיעפקייט; ווען ער זוכט צו פארמולירען אין ציטערענדע געשטאלטען די שטיי־גענדע און פאלענדע כוואליעס פון אט דעם גאנצען אקעאן און ניט נאר די אייגענשאפטען פון אן איינציגען טראפען פון דעם לעבעדיגער סטיכיע, דערהויבט ער זיך, ניט ווילענדיג, צוערשט צו דעם פילאזאפישען באגריף פון זאכען און דערנאך — צום רעליגיעזען. (מען דארף געדענקען, אז דא האנדעלט זיך ניט וועגען גראדאציע אין צייט, נאר אין פאלקאמענהייט). ווען דער קינסטלער דערגרייכט צו דער לעבעדיגער, הארציגער, אין בלוט און נערוועך־זאפט פארוואנדעלטער פילאזאפיע און רעליגיע, זעהט ער שוין איהר שפיעל אין דעם קלענסטען טיילכעל פון לעבען. די

גאַנצע פּרעכטיגע פאַרשידענאַרטיגקייט פון לעבען גיסט זיך פאַר איהם צוזאַמען אין איין דראַמאַ, אפילו אויב אין איהר זיינען דאָ אַ סך אַנטאַגאָניסטען. וועלכען ברעקעל פון לעבען ער זאָל ניט נעמען, וועט איהר גאַנצער גייסט זיך געפינען דערין. היראָשיגי האָט געזאָגט: „צו פופציג יאָהר האָב איך זיך אויסגעלערנט ווי עס איז צייכנען; מיינע עסקיזען זיינען געווען עהנליך צו לעבעדיגע אָריגינאַלען. צו זעכציג האָב איך מיט איין שטריך אונטערגעכאַפּט דעם עצם. צו זיבעציג האָבען ביי מיר די פּינטעלעך אָנגעהויבען לעבען.“

פילאָזאָפישע און רעליגיעזע באַגריפען פון דעם וועלט־אַל קאָנען זיין אינערליך פאַרשיידען, אָבער אַזוי ווי אַלע פילאָזאָפיעס און אַלע רעליגיעס זיינען וואַריאַציעס אויף דער טעמאַ וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פון שיקזאַל: ד ע ר מ ע נ ש א ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט ־ א ל, זיינען זיי אין סאַמע עצם פאַרבונדען אין ענגער פאַרוואַנדשאַפט. ווי איך דענק, זיינען זיי אימער אָדער אויסדרוקען, אָדער פאָר־געפיהלען, אָדער פאַרדאַרבונגען פון איינעם און דעם זעלבען אמת: דאָס לעבען ליידעט. כאָטש זיין אינערליכער געזעץ איז נענוס און פאָלקאָמענהייט, ליידעט דאָס דערפאַר, וואָס זיינע געזעצען זיינען ניט די געזעצען פון דעם וועלט־אַל, וואָס זיין ענטוויקלונג איז אַ קאַמף צווישען זיינע זעהנזוכטען אין דער געפיהללאָזער אומגעבונג.

דער קינסטלער, אריינדרינגענדיג אין דעם האַרץ פון דער ווירקליכקייט, ליעבט וואָהנזיניג די דאָזיגע ווירקליכקייט, דעם גאַנצען פּראַכט פון פאַרבען, פאָרמען, פּאָטענציעלע גענוסען, וואָס זיינען אין איהר פאַרבאָרגען; ער האַסט זי פאַר איהר זינלאָזער גרויזאַמקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין קראַנקהייטען און טויט און אין דער שווערער אָפּהענגיגקייט פון דעם מענשען אָן די אָפּטנישטיג קליינע פאַרגעניגענס, וואָס זי טיילט איהם צו. אין דעם מענשען אַליין און אין דער געזעלשאַפט געפינט ער וואונדערבאַרע מעגליכקייטען, הויך־מוטיגע שטרעבונגען, שעפּפערישע זוכענישען, פרוכטבאַרע ליידען, — אָבער אויך דעם שפּור פון קייטען, דעם שטעמפּעל פון שקלאַפעריי — נידעריגע שטריכען פון דערדריקטקייט, פון גראָבען עגאָאיזם, טעמפּקייט, שקלאַפישער אונטערטע־

ניגקייט, פוסטער באַריהמעריי. צוזאַמען מיט די מאָמענטאַנע פריידען זעהט ער דעם גרויען הינטערגרונט פון כראָנישער קריינק־ליכקייט; ער זעהט צוקאַליעטשעטע פאָרמען, וועלכע וואָלטען גע־קענט זיין שעהן, ער שטויסט זיך אָן דעם פאַרדריסליכען, גראָבען ליידען, אָט דעם זינלאָזען ליידען, וואָס באַגלייט די סטיכישע שמיץ פון דעם „בייטש פון שיקזאַל“ איבער די מענשליכע פנים'ער.

דער קינסטלער זעהט דעם כאַאָס פון לעבען, אין וועלכען אַלע פאַרבען זיינען אויסגעמישט. ער הערט זיך צו צו די פאַרשיי־דענאַרטיג־קלינגענדע קרעכצען, רופען, געבעטען, לאָזונגען, אויסגע־שרייען, וועלכע דריקען אַלע אויס דעם אייביגען דראַנג פון לע־בען צו וואוקס, ליכט, גליק. און אין אָט דעם רייסען זיך צום אידעאַל, אין דעם אייביגען קאַמף פון דעם מענשען, דעם העכסטען טרעגער פון דעם לעבענספּרינציפּ, מיט דער שטיפמוטער, דער אומגעבונג, זעהט דער קינסטלער אַ טרייסט אין דער זינלאָזיגקייט דער צוריסענקייט, שמערצליכקייט פון עקזיסטענץ.

אזא וועלט־אַנשויאונג, אין וועלכע פאָרמען זי זאָל זיך ניט אויסגיסען, איז אַ טראַגישע וועלט־אַנשויאונג.

דער מענש באַקעמפט דאָס העסליכע, דאָס גרויזאַמע, דאָס שרעקליכע, דאָס טריעבע אויף צווייערליי אופנים: אָדער ער דער־הויבט עס צו ער מדרגה פון שעהנעם, אָדער ער דערנידעריגט עס צו דער מדרגה פון לעכערליכען.

וואָס מיינט עס צו דערהויבען אַ שרעקליכען און טרויעריגען פאַקט צו דער מדרגה פון שעהנעם?

דער מענש, ווען ער זאָגט: „דאָס איז שעהן“, — דריקט ער אין עצם אויס דעם פאַקט, אז אַ געוויסע ערשיינונג רופט אין איהם ארויס אַן אנגענעמע, דערהויבענדע איבערלעבונג. איז דאָס מעג־ליך, אז טרויער און שרעק זאָלען פיהרען צו אַ דערהויבענעם גע־פיהל פון לעבען? יאָ — ווען זיי ווערען געצייגט פון אזא צייט, דאָס דער מענש נעמט זיי אָן אַלס עטוואָס ענג פאַרבונדען מיט עפּעס אַנדעריש, אומגעהייער גרעסערעס, — מיט גליק, וואָס איז אַ באַלוינונג פאַר דעם שרעק, מיט פרייד — פאַר מיט־לייד. ליידען און אומגליק דאַרפען געוויזען ווערען אַלס אַקטען אין דעם גרויסען קאַמף פון גוטעס און שלעכטעס. אונטער אָט

דעם באַגריף האָבען די זשעניען פון דער טראַגעדיען־קונסט און באַזונדערס פון דעם טראַגעדיען־טעאַטער פאַראייניגט די פאַר־שיידענע ערשיינונגען. אָבער אין דער טיעפעניש פון טיעפעני־שען איז דאָס תמיד געווען דער קאַמף צווישען דעם מענשליכען יסוד מיט דעם ניט־מענשליכען, דעם גייסטיגען מיט דעם גייסט־לאָזען, אין זיינע פאַרשיידענע שטופען.

דער מענש קאָן זיך אויך טריאומפירענד דערהויבען איבער דעם העסליכען, שרעקליכען און טרויעריגען, און ער שאָקעלט עס אָפּ פון זיך.

דער מענש לאַכט, ווען ער זעהט, אז דאָס וואָס האָט זיך איהם פריהער אויסגעוויזען צו זיין ערנסט, איז אין דער אמת׳ען אומ־באַדייטענד. דער העלד פון דער קאָמעדיע איז דער מענשליכער געלעכטער, וועלכער באַווייזט, אז דער מענש איז בעסער, העכער, ריינער און שטאַרקער איידער דאָס וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אין דער קאָמעדיע (דער דאָזיגער הויכער געלעכטער האָט, נאַטירליך, גאָרניט קיין געמיינשאַפטליכעס מיט דעם העסליכען הירזשען אי־בער וואולגאַרע סצענעס).

דער טראַגיקער דערהויבט זיך צום פילאָזאָפישען באַגריף פון לעבען, אַנדערש קען ער קיין טראַגיקער ניט זיין. ווייל בלויז דאַן, ווען ער דערהויבט דעם צושויער פילאָזאָפיש אַריבער דעם איינ־צעלנעם פאַקט און גיט איהם אַ מעגליכקייט אַריינצוקוקען דורך דער באַזונדערער ערשיינונג, ווי דורך אַ געפאַרבט גלאָז, אין דער האַלב־דונקעלהייט פון דעם אַל־לעבען, — קאָן דער טראַגיקער שמיעדען מיט שרעק און טרויער די נשמות, וואָס זיינען פאַרטיג צו דעם לעבענס־קאַמף, זיי געבען אַ באַזעלענדע טרייסט און לייַ־טערונג.

אָבער פאַר איהם איז פאַראַן נאָך אַ מדרגה — די מדרגה פון רעליגיעזער וועלט־אויסטייטשונג.

דאָס קאָן מען אַם בעסטען קלאָר מאַכען דורך ביישפּיעלען.

מיט פּראָספּעראָ׳ס ליפּען אין „שטורעם“ פאָרמולירט שעקס־פּיער זיין וועלט־אַנשויאונג און זיין שטעלונג צו קונסט אַזוי:

„...זיי זיינען אַלע גייסטער נאָר געווען
און זיינען אין דער דינער לופט פאַרשוואונדען,

די הויכע טורעמס, הערליכע פאלאצען,
די פייערליכע טעמפלען, און די ערד
אליין, מיט אלץ אויף איהר, וועט זיך אויפלייזען
און, ווי די נעבעלדיגע זעהונג דא,
אהן שפור פארשווינדען. פון דעם שטאף פון טרוימען
באשאפען זיינען מיר. ארומגערינגעלט
איז אונזער לעבען מיט א חלום..." (4טער אקט)

אין דעם פינפטען אקט דערגענצט פראספערא דעם געדאנק אזוי:

„...מיט וועמעס הילף,
כאטש שוואך זיי זיינען, האב איך דאך פארטונקעלט
די מיטאג זון, און אויפגעוועקט די ווינטען,
און צווישען גרינעם ים און בלויען הימעל
ארויסגערופען קריעג; דעם שווערען דונער
נעגעבען פייער און גאט'ס שטארקען דעמב
האב איך מיט זיינע בליצען אויסגעריסען,
פארצערט די צעדערבוימער מיט זיין פייער;
און קברים האבען זיך אליין געעפענט,
די מתים אויפגעוועקט אויף מיין באפעהל,
און אלץ דורך מיין אלמעכטיגע צויבער־קונסט.
נאר פון דעם צויבער זאג איך זיך איצט אפ,
א הימעלשע מוזיק באגעהר איך איצט,
וואס ווירקען זאל אויף זייערע געפיהלען..."

דאס מיינט צו באזיצען א טיעף־פילאזאפישע עמפאנגונג פון דער וועלט. שעקספיער איז פעסימיסטיש זיכער אין דעם ענד־ליכען טריאומף פון טויט. דאס פארגענגליכקייט פון לעבען — דאס איז די טרייסט אין דעם לעבענס־טריעב. און אויב דער קינסטלער וועט ארויסרופען אין דעם דאזיגען חלום נייע שרע־קענס־געשטאלטען, איז דאס בלויז אום קלארער צו באווייזען דעם ניט־ממשות'דיגען כאראקטער פון לעבען. לויט שעקספיער'ס גע־דאנק, וועלכען ער ווידערהאלט אפט, איז דער טעאטער, די סצענע— א פילאזאפיע אן און פאר זיך. אבער די קראפט פון קונסט געהט

ווייטער: געבענדיג די שאָטענס פון לעבען אַ ריטמישען, מעלאָ־דישען, פאָרמעל־שעהנעם כאַראַקטער; ערהויבענדיג זיי צו דער מדרגה פון מוזיקאַלישע געשטאַלטען, פון דעם טרויעריגען ליעד,— באַרוהיגט דער קינסטלער די שטורמען פון דער נשמה און גיט איהר אַ מעגליכקייט צו פארגעסען זיך. אומגעפעהר דיזעלבע פילאָ־זאָפיע האָבען ווידערהאָלט שאָפּענהויער, וואגנער און ניטשע אין דער פעסימיסטישער פעריאָדע פון זייער ענטוויקלונג.

ווען שעקספּיער וואָלט אין אַלעמען געבליבען טריי צו זיין פילאָזאָפיע, וואָלט די וועלט געווען פארלאָרען אַ סך, אָבער זיין הארץ האָט גענגעבען מעהר איידער זיין קאָפּ האָט געפאָדערט. טראָץ זיין פעסימיסטישער פילאָזאָפיע, גיט אונז שעקספּיער אין זיינע טראַגעדיען גרויסע מוסטערען פון מוט און מעגליכקייט און רופט אונז אָפטער צום ברויזענדען ים פון לעבען איידער אוועק פון איהם — אין דעם קעניגרייך פון חלומות.

דאָך פארבלייבט פּראָספּעראָ׳ס רעדע אַן אויסגעצייכענטער ביישפּיעל פון פילאָזאָפיש־טראַגישער וועלט־אַנשויאונג.

די רייד פון אַ צווייטען צויבערער, פאוסט, גיבען אַ ביי־שפּיעל פון אַ רעליגיעז־טראַגישער וועלט־אַנשויאונג.

„...אָט גנב׳עט זיך אַ וועל; אויף טויזענט עקען,
אַליין אומפרוכטבאַר, ברייגגט אומפרוכטבאַרקייט,
און רוישט און וואַרפט דאָס וואסער אויף די ברעגען,
פארטרינקט, באַדעקט—דעם טריבען, וויסטען ברעג.
אַ מעכטיגע, דאָ קעניגט איצט די וועל;
אוועק, און ניט ערפילט האָט זיך איצט קיין זאַך.
און טרוי׳ריג איז מיר, און מיך שרעקט אַזוי,
די אומזיניגע קראַפט פון ווילדען עלעמענט.
אַלץ ווייטער רייסט זיך מיין נשמה;
דאָ וויל איך קעמפען איצט, דאָ וויל איך זיעגען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וויל דורכנעהן איצט דאָס העכסטע פארגעניגען:
דעם ים אַלמעכטיגען וויל איך פארטרייבען,
פון וואסער־לויף די גרענעצען פארשמעלען,
די קראַפט פון שטאַרקען איינצוימען מיט וויסען.

— — — — — — — — — — — — — — —

דעם צווייבער איצט פאַרוואָרף איך. כ'וויל פאַרגעסען
צו רופען שטענדיג נייסטער זיך צו הילף.
זאָל די נשמה שטאָלץ אַליין זיך שטעלען
אַנטקעגען שיקזאַל.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב פאַרשטאַנען דאָ די גאַנצע וועלט,
וואָס דאָרטען איז, וועט זיין פון אונז פאַרבאָרגען;
אַ נאַר נאָר קוקט מיט וואָהנזיניגע בליקען
אַהין, באַוואָפענט בלויז מיט דעם געדאַנק,
געפינט אַן עהנליכען צו זיך איבער די שטערען!
דאָ איז דיין אָרט, דאָ זאָלסטו שטעהן נאָר פעסט!
צו וואָס, צו וואָס זיך לאָזען אין די ווייט?
ווער שטאַרק נאָר איז, דעם ענטפערט אויך די וועלט;
פאַר דאָס, וואָס ער פאַרשטעהט, זאָל ער זיך נעמען,
און רוהיג און צופריעדען זיין מיט דעם!

— — — — — — — — — — — — — — —

כ'בין צו דער ווייזהייט'ס לעצטען שלוס דערגאַנגען:
נאָר דער איז ווערט דאָס לעבען און די פרייהייט,
ווער שטענדיג גרייט איז דאָ פאַר זיי צו קעמפען.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס קינד, דער מאַן, דער זקן זייער לעבען
פאַרברייננגען ווּעלען צווישען אומגליק און געפאַהר!
אַ קוואַל פון פרייד, אַ טיעפער און אַ ריינער
איז לעבען צווישען זיי און זייערע זיעגען,
און צווישען זיי דאָ שטעהן אויף זייער ערד,
אויף זייער ערד, דער נייַ־ערדאָבערטער,
מיט זייער פרייהייט פריי און שטאָלץ צו דיענען!
און קיינמאָל וועט ניט אָפּווישען די צייט.
בלייב שטעהן, דו שטראָם פון צייט, כ'האָב דורכגעלעבט

די שפּורען דאָ פון מיר און פון מיין מיה.
די אייביגקייט דאָ אין אייער אויגענבליק..." *)

געוועהנליך באַטראַכט מען די דאָזיגע שורות גראַדע אַלס אַנטי־רעליגיעזע! אָבער אין זיי ווערט אויסגעדריקט די העכסטע רעליגיעזע אידעע — די אידעע פון אייביגען קאָלעקטיווען קאַמף פון לעבען מיט דער סטיכיע פאַר ענטוויקלונג און פרייהייט, די אידעע, דאָס דער טיעף־געפיהלטער באַוואוסטזיין פון אונזער פּלאַץ אין דעם דאָזיגען קאַמף דערהויבט די וועלט און דאָס לעבען, די ליידען און שטרייטען אין אונזערע אויגען צו דער מדרגה פון דעם שעהנעם און מאַכט פאַר אונז מעגליך צו זאָגען זיי אונזער גרויסען און מענליכען — „יאָ".

די דאָזיגע רעליגיע איז אַן אייגענאַרטיגע פילאָזאָפיע, וועלכע לעזט פּ א ז י ט י ו ו די גרויסע פראַגע פון קאַמף צווישען לעבען און נאַטור, און לעזט זי ניט אין זיכערהייט, ניט אין טערמינען פון וואוילזיין, נאָר אין האָפנונג און שעהנהייט.

דער רעליגיעזער טראַגיזם קאָן זיך אויסדריקען אין אַן אומענדליכער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון פאָרמען. אָבער ווען קונסט און דער טעאַטער דערהויבען זיך צו אַזאַ טראַגיזם, דערגרייכען זיי צו דעם שפּיץ — אויף דער דאָזיגער מדרגה גיבען זיי דעם מאַקסימום אויסדרוק פון דעם מענשליכען מין (אַלס דעם טרעגער פון געפיהל, געדאַנק און באַצוועקטען ווילען, דערוויל צוקאַליעטשעט און געדריקט פון דער נאַטור; אַלס דעם ניט־דערוואַקסענעם גאָט פון דעם וועלט־אַל אין געפּענגניש) און העלפען אין אַ מאַקסימאַלער מאָס דער פאָלקאָמענהייט פון דעם מאַן און זיין טריאומף איבער דער נאַטור.

אום אויסצומיידען מיספאַרשטענדניסען אונטערשטרייך איך נאָך אַ מאָל: עס איז גאָרניט נויטיג, אַז די רעליגיעזע קאָנצעפּציע פון דעם פאַרפאַסער זאָל אויסגעדריקט ווערען פון אַ רעזאָנירענדער פּערזאָן אין דער דראַמאַ, אָדער זי זאָל איבעראַל אַרויסשטעקען פון דער דורכזיכטיגער טענדענץ. וואו דער קינסטלער מיט אַ טראַגישע נשמה זאָל ניט אָנכאַפּען דאָס לעבען, וועט דאָס

*) פּערזען אין אידיש פון י. קיסין.

לעבען אין זיין שילדערונג אימער דערצעהלען דעם מענשליכען האַרץ זיין געהיימנים אין אַ נייער, אומערוואַרטעטער, ערשיטער־רענדער פאָרם.

די שטאַפּלען פון סאָציאַליזם.

די אידעע פון סאָציאַליזם קען מען אויפנעמען און אויסטייט־שען פּאַרשיידען. זי איז קאָמפּליצירט. דאָ, נאָך מעהר ווי אין דעם ליטעראַטור פון קונסט, באַזייטיגט ניט יעדער נייער שריט דעם פריהערדיגען, נאָר, פּאַרקעהרט, שליסט איהם איין אין אַ ברייטערע סיסטעם. דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען די שטופען פון פולען אויס־דרוק פון דעם סאָציאַליזם.

דער ערשטער שטאַפּעל.

אויף דעם ערשטען שטאַפּעל שטעהט די אַזוי גערופענע סאָ־ציאַלע פראַגע אַלס אַ פראַגע פון אומגליקליכהייט פון מענשען, ניט ביאָלאָגישער, נאָר רעכטליכער און עקאָנאָמישער אומגליקליכהייט. עס פלאַגט דער באַוואוסטזיין פון דעם טיעפען אומרעכט פון דעם פאַקט, וואָס אויף איין געזעלשאַפטליכען פּאָליוס געפינט מען וואוילטאַג און איבערפלוס און אויף דעם צווייטען — דריקענדע, פינסטערע אָרימקייט.

ביי די פּריווילעגירטע ווערט געבאָרען די אידעע פון פילאַנ־טראָפּישען סאָציאַליזם, ביי די שטיעף־קינדער פון דער געזעלשאַפט — דער סאָצאַליזם, וועלכען ענגעלס האָט באַצייכענט אַלס „דער קאָמוניזם, וואָס איז געגרינדעט אויסשליסליך אויף דער פאָדערונג פון גלייכהייט“, און וועגען וועלכען קאַוטסקי האָט געזאָגט אַז „ער איז גראָב און נאַאיוו, איהם האָט באַשאַפען ניט די סאָציאַלע ווייט־זיכטיגקייט, ניט אונאַייגעננוציג דענקען און פיהלען, נאָר די דרינ־גענדע מאַטעריעלע באַדערפניסען, דער קאַמף איבער קלאַסען־אינ־טערעסען“.

דער פילאַנטראָפּישער סאָציאַליזם, דער סאָציאַליזם פון מיט־לייד מיט די פאָלקס־ליידען, האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און איז גע־וואָרען ניט נאָר נוצלאָז, נאָר אין פיעלע פעלע שעדליך. די קונסט איז אָפט געשטאַנען אין דיענסט ביי דעם דאָזיגען סאָציאַליזם, אָבער זי האָט זיך זעלטען דערביי דערהויבען צו די ברייטע און ער־

פרעהענדע באַגריפען; זי איז געבליבען מגיד'יש, האָט פאַרגאָסען טרעהרען און אויסגעדריקט ענטריסטונג ווי א לייט־אַרטיקעל אין א עהרליכער צייטונג.

דער קאַמף פאַר עקאָנאָמישע אינטערעסען, געהייליגט פון דער אידעע פון גלייכהייט, איז נאָך איצט אויף דער שטיינערנער באָדען פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַנדערע קינסטלער זיינען איהר געגאַנגען אַנטקעגען און זי באַשריבען מיט מעהר פאַר־שטאַנד און מיט טיעפערער סימפּאַטיע. זיי האָבען זיך אָבער ניט דערהויבען צו דעם העכסטען שטאַפּעל פון קונסט, פאַרבלייבענדיג אויף דער נאַטוראַליסטיש־ערקענענדער מדרגה. ביי די קינסטלער האָבען געסטייעט כחות צו שילדערען דעם עלענד, נויט, צאָרן פון דעם פּראָלעטאַריער, אָבער זיי האָבען מורא געהאַט צו פאַרשטעהן זיין באַגייסטערונג, ווי געשעמט זיך אַריינצוטראָגען „ראָמאַנטיזם“ אין דער ניכטערער שילדערונג פון זיין קאַמף. א קינסטלער, ניט קיין פּראָלעטאַריער, וועט זיך קוים איינגעבען צו באַשאַפען א מייס־טערווערק שטעהענדיג אויף דעם דאָזיגען נאַטוראַליסטישען שטאַ־פּעל. דאָך קען מען נישט ניט באַגריסען די טאַלאַנטפולע פאַרזוכען פון אַזוינע שרייבער ווי מירבאָ, דעלעגראַציע, יושקעוויטש, און באַזונדערס גאָרקי. *)

דער צווייטער שטאַפּעל.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דעם ערשטען מאָל ביז איהר צייט מיט אַזא קראַפט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט אויף פרייהייט פון יעדען מענשען. דער דורשט נאָך פרייהייט פון צווי־שען־מענשליכע באַציהונגען — דאָס איז דער הויפּט מאָראַלער נערוו פון דעם ענד פון דעם אַכצעהנטען און דעם גאַנצען נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, — און די מוטיגע מענשען, וואָס האָבען קיין מורא ניט געהאַט זיך אַריינטראַכטען, האָבען דאָס דערזעהן זעהר פריה, — אַז ניט פּאָליטישע און ניט זאָגאַר גייס־

*) די דאָזיגע שרייבער זוכען גראָדע אַרויסצוציהען פון די גרע־ניצען פון איינפאַכען נאַטוראַליזם און צוצוהערען זיך צו דעם „ראָמאַנטי־שען“ אין דער נשמה פון דעם פּראָלעטאַריער.

טיגע באַפרייאונג איז גענוג און קאָנקרעט מעגליך אָהן דער עקאָ־נאָמישער באַפרייאונג פון מענשען. דער קאַפּיטאַליסטישער טרוים צו דערגרייכען צו אַזאַ פרייהייט אויף די יסודות פון פאַנאַנדער־טיילונג פון אייגענטום צווישען אַלע, צו גרינדען אַ קעניגרייך פון גלייכע, אומאָפּהענגיגע בירגער־אייגענטימער, — דער דאָזיגער טרוים איז פאַרשוואונדען. און דאַן איז דער סאָציאַליזם אַרויס־געטראָטען אַלס דער געזעצליכער פאָרטזעצער פון די באַפרייאונגס טענדענצען פון דער רעוואָלוציע: ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען קאָלעקטיווע אייגענטום פאַר דער פולסטער באַפרייאונג פון דעם מענשען.

קונסט ווערט לייכט מיטגעריסען פון פרייהייטס־אידעען, ווייל קיינער שעצט ניט פרייהייט אין אַזאַ מאָס ווי דער קינסטלער. די גלאָריפיצירונג פון פרייהייט, אָפט פול מיט ענטוזיאַזם, האָט גע־פיהרט צו דער באַשאַפונג פון גרויסע ווערק. אָבער די קינסטלער האָבען זעלטען באַלייכטען די אידעע פון דער נויטווענדיגקייט איינצואָרדענען דאָס קאָלעקטיווע מענשליכע אייגענטום, אַלס דעם איינציגען פונדאַמענט, אויף וועלכען עס איז מעגליך אויפצושטע־לען דעם בנין פון פרייהייט. די ראָמאַנען פון בעלאַמי און אַפילו פון מאָריס און אייניגע פון די לעצטע ווערק פון דעם אייגענאַר־טיגען גענִיאַלען וועלס, ווייזט מיר אויס, לאָזען איבער דעם לעזער קאַלט. דאָס זיינען צופיעל סאָציאַלע טראַקטאַטען און צו ווייניג קונסטווערק; אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס דער גאַנצער שטור־מישער שטרעבען צו פרייהייט קאָן אָפּגעקיהלט ווערען מיט דער פראַגע וואָס זאַראַטוסטראַ האָט געשטעלט: „דו זאָגסט מיר איך בין פריי, פריי... אָבער צוליעב וואָס ביזטו פריי, ברודער מיינער?“

פרייהייט קען ניט זיין קיין ענד־ציעל. אַלס אַזאַ שטעלט זי זיך פאַר בלויז פאַר אַ שקלאַף. אויב דער ענד־ציעל פון סאָציאַליזם איז פרייהייט, טאָ וואָס איז דער ענד־ציעל פון פרייהייט? די התלהבות איבער „פוסטער פרייהייט“, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט צוגעקראָגען נייע כחות און איז נאָך דערצו איבערגעפיהרט געוואָרען פון אַ מיסטישען ווידער־טעם, דאָס איז די התלהבות פון דעם אילאָט און דעם קאַליקע, דעם מענשען וואָס ווערט דער־שטיקט

און וואָס רענקט דאַריבער אַז לופט, דאָס רעכט צו אָטעמען, איז אַ ציעל אין זיך. מען קען ניט אָפּלייקענען די גרויסע באַדייטונג פון דער רעוואָלוציאָנער־רופּענדער, אַגיטאַציאָנער קונסט פון פרייהייטס־ליעבע, אָבער זי איז זעהר ניט דויערהאַפט. די אידעע פון ריינער פרייהייט איז איינזייטיג, און דערפאַר אפשר פאַרבייטען זי די מענשען, וואָס קענען ניט אַריינלייגען אין איהר אַן אינהאַלט, אויף אַ מיסטישען טשאַד, פון וואָס זייער פרייהייט ווערט אָנגעבלאָזען און רייסט זיך אין די וואָלקענס אַריין, אַלץ פאַרבלייבענדיג פוסט און לייכט, אָט טאַקע אַ דאַנק איהר ליידיגקייט.

דער פאַרדאָרבענער, ענטוישטער דורשט נאָך פרייהייט ווייזט זיך אַמאָל אַרויס אין אַן אונערוואַרטעטען געשטאַלט — ער ווערט אַ דורשט צו באַפרייען זיך פון בירגערליכע פליכטען, דאָס הייסט פשוט אַ דורשט נאָך עגאָאיסטישער אָפּגעזונדערטקייט פון דעם אַל־וועלטליכען פּראָצעס, פון דעם קאַמף פאַר קאָנקרעטער פרייהייט און איהר נייעם קאָנקרעטען אינהאַלט.

דער דריטער שטאַפּעל.

טיעפער און העכער איז דער באַגריעף פון סאָציאַליזם, אַלס די נייע קאָלעקטיוויסטישע וועלט, וואָס ווערט געבאָרען אינוועניג אין דער אַלטער אינדיווידואַליסטישער וועלט. דער באַזיס פון ביידע וועלטען איז דער געזעלשאַפטליכער כאַראַקטער פון דעם פּראָצעס פון אַרבייט. אָבער פאַר דעם קינסטלער איז דאָ אַ סך וויכטיגער דער אינערליכער פּראָצעס — דער קאַמף אין דער נשמה פון דעם מענשען און דער מענשהייט צווישען די צוויי יסודות — אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם. איך פערזענליך גלויב, אַז די קאָלעקטיווע שטימונג, דער וואוקס פון דער נייער קאָלעקטיווער נשמה שטעלט מיט זיך פאַר ניט בלויז אַ געוואַלדיגען אינטערעס פאַר'ן קינסטלער, דעם נאַטוראַליסט־פאָרשער, נאָר אויך אַ געוואַלדיגע ווערט־זאַך, וואָס איז פעהיג צו באַזעעלען אויף מייסטערווערק דורכגעדרונגען מיט הויכען ענטוזיאַזם. צום באַדויערען האָבען זיך די קינסטלער פון אונזער צייט נאַטירליכערווייזע איבערגעגעבען צום אינדיווידואַליזם, וואָס איז כמעט גאָרנישט עמפפענגליך צו די ערשיינונגען פון דער נייער קאָלעקטיווער נשמה, וואָס הויבט ערשט אָן אויספּרובירען איהרע דערווייל נאָך שוואַכע פליגלען.

זייער אומגליק ליגט אין דעם, וואָס איבעראַל נעמען זיי אָן די פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע ערשיינונג פון דעם המון אַלס דעם אמת'ען מוסטער פון קאָלעקטיווען דענקען און פיהלען, און די אמת'ע ער־שיינונגען פון דער קאָלעקטיווער פּסיכיק, באַזונדערס די פיינערע, ווי צום ביישפּיעל די הויכע סימפּאַטיען פון די העלדען און מאַר־טירער פון דער קאָלעקטיווער אידעע, אָדער דער דורשט נאָך רוהם, זיינען זיי געניייגט אָנצונעמען בלויז אין זייער אויסערליכען אינ־דיווידואַליזירטען אָנבליק, ניט באַמערקענדיג זייער טיעפערען גע־זעלשאַפטליכען כאַראַקטער. ניט שווין־זשע וועט אויך דאָ אויס־קומען וואַרטען אויף דעם קינסטלער־פּראָלעטאַריער אויסצודריקען די קאָלעקטיוו־שאַפענדע פּראָצעסען פון מענשליכען לעבען? איך דענק אַז ניט. אפילו די קונסט אַליין, אויב די אומשטענדען ווע־לען איהר העלפען געפינען די נאָרמאַלע פאָרמען פון לעבען — קרייזען, שוהלען, ריכטונגען, — קען ברענגען צו ריכטיגע אויס־פיהרונגען. איך וויל זאָגען אַז דער קינסטלער וואָס געהט אָן מיט זיין אַרבייט אַלס לעהרער און ערציהט שילער, וואָס פיהלט אַז ער גיט אויסדרוק צו גרופּען און מאַסען און איז זייער באַגייסטערער, קען ענטדעקען די ליכטיגע טיעפענישען פון דער נייער איבער־אינדיווידואַליסטישער נשמה דורך איינפאַכער זעלבסט־בעאָבאַכ־טונג. צום באַדויערען פיהרט איבער דער אינדיווואַליזם אונ־זערע קינסטלער. אָנשטאַט גרויסע פאָרמען פון קונסט, ש ו ל ע ן, זעהען מיר פּאַר זיך אָן אָנגעשטרענגטע, היסטערישע שטרעבונג צו זיין אָריגינעל, אָפּגעזונדערט. אונזער קינסטלער קען כמעט אינגאַנצען ניט שאַפען קאָלעקטיוו, און דאָס נעמט ביי איהם אוועק די מעגליכקייט צו פאַרשטעהן די אויפגעהענדע און וואַק־סענדע קאָלעקטיווע פּסיכיק.

דער פערטער שטאַפּעל.

אָבער בלויז ווען מען באַטראַכט דאָ דעם שטאַנדפּונקט פון פילאָזאָפיע און געשיכטע, אַלס אַ נייע עפּאָכע אין דער מענשליכער קולטור, וואָס אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון אַלע פריהערדיגע עפּאָכען, וועלכע די מענשהייט האָט דורכגעלעבט, באַקומט דער סאָ־ציאַליזם זיין צויבערענדען גלאַנץ. אַרבייט, אין אַלע איהרע פאָר־מען, איז אַ פּראָצעס פון דער פערמענשליכונג פון דער נאַטור, פון

איהר אונטערוואַרפענהייט צום פערנונפט, פון דער באַזיגונג פון
דעם וועלט־אַל. זי קען אָבער ניט האָבען די דאָזיגע באַדייטונג אין
דער פּולער מאָס אַזוי לאַנג, ווי זי איז צוברעקעלט און ווערט אָנ־
געפיהרט כאַאָטיש. איהר צוברעקעלטקייט, איהר דעזאָרגאַניזאַציע
דריקט זיך אויס אין דעם ערנידעריגענדען פאַקט, וואָס ער איז אַ
שקלאַף פון דער עקאָנאָמישער סביבה, וואָס ער האָט אַליין באַשאַ־
פען, פון זיינע אייגענע פּראָדוקציאָנס־מיטעל. ניט ווייניגער שרעק־
ליך און ערנידעריגענד זיינען די קלאַסען־און נאַציאָנאַלע שטריי־
טען, וואָס באַוואַפענען מענשען איינע געגען די אַנדערע. די שטופּע
פון טיעפער דעזאָרגאַניזאַציע, פון משונה'דיגער פערשווענדונג פון
קולטורעלע כחות, פון אינערליכען שטרייט איז פאַטאַל אונפער־
מיידליך אין דעם וואוקס פון דער עקאָנאָמישער מעכטיגקייט פון
מענשען, — אָבער איינמאָל איז זי באַגריפען ווערט זי אַ פלוך.
אַ באַדייטענדע טייל פון די שמערצליכסטע און באַליידיגענדסטע
ליידען פון מענשען ווערען פאַרשאַפט טאַקי פון די מענשען אַליין
אין זייער בלינדען און פאַטאַלען שטרייט און צושפּאַלטונג צווי־
שען זיך. דער פּראָצעס פון פאַרניכטען די אָפּהענגיגקייט פון דעם
בעזעלטען מענשען אָן זיינע זעעל־לאָזע געצייג, פון פאַרניכטען
קלאַסען־ און נאַציאָנען־שטרייט, איז שווער און קאָמפּליצירט, אָבער
אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען פּראָצעס מוז פריי געלאָזען ווע־
רען אַן אונגעהויערע קוואַנטיטעט פון לעבעדיגע קולטורעלע כחות.
די האַסטיגקייט פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון דער מענש־
הייט וועט איבערשטייגען אַלע גרעניצען, וואָס מען קען זיך פאָר־
שטעלען. די מענשהייט וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ האַר־
מאָנישער משפּחה פון געטער, וואָס וועט באַוואוסטזיניג פאַרפאָל־
גען איהר גרויסען ציעל — צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ און
ענטוויקלונג אין דער וועלט פון גרויסע ערשיינונגען: גענוס,
דענקען און שאַפען, — ערשיינונגען, וועלכע זיינען ענטשטאַנען
אין דער וועלט אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ גליקליכען צוזאַמענפאַלען
פון קלימאַטישע און כעמישע באַדינגונגען אויף אַ קליינער פּלאַנעטע
און וועלכע געפינען זיך אין שטענדיגער געפאַהר פון זינלאָזען פער־
לוסט פון כחות אָדער זאָגאַר פון פאַרניכטונג אַלס אַ רעזולטאַט פון
דעם גאַנג פון סטיכישע פּראָצעסען. די זעלבסטפאַרטיידיגונג פון

דעם מענשליכען מין איז ענג פאַרבונדען מיט אַנגריף. דער איי־ביגער ציעל פון מענשען און דער ציעל, וואָס האַלט זיך אין איין דערוויטערען פון איהם, איז צו ווערען אַ גאָט, דער אור־געדאַנק און דאָס פיהלענד הארץ פון דער וועלט. אויף דעם וועג פון פאַר־ווירקליכען דעם דאָזיגען טרוים, וואָס איז פאַלש און מיטהיש אויס־געדריקט געוואָרען אין די רעליגיען פון אמאָל און היינט, וועלען באַשאַפען ווערען קאָלאָסאַלע קולטור־ווערק און עס וועט פאַרווירק־ליכט ווערען דער, אויף אנזער שפּראַך אונבאַשרייבליכער וואוקס פון ראַפינירטקייט פון דער אייגענשאַפט צו פיהלען און געניסען פון דער מאַכט פון געדאַנק און דער באַפעהלענדער מעכטיגקייט פון ווילען.

דער סאָציאַליזם אַלס אַ סאָציאַלע פראַגע איז די פאָרבאַדינגונג פון אמת׳ער קולטור; ער פאַרגיט זיך מיט דעם ציעל צו אָרגאַניזירען שוין איצט די אונגעהויערע אָבער צופּול־ווערטע קרעפטען פון אונזער מין.

דער סאָציאַליזם אַלס אַ לעהרע איז די אמת׳ע רעליגיע פון דער מענשהייט, ענטבלויזט פון די מיטהישע מאַנטלען, אין וועלכע די נישט געניגענדע ענטוויקלונג פון דעם אינטעלעקט און די געפיהלען פון אונזערע פאָטערס האָט זיי איינגעוויקעלט. ער פאַראייניגט אונזער „באַשיידענע", „מאַטעריאַליסטישע" ענט־שטעהונג, די אונפאַרמיידליכקייט פון ליידען, פון ערנידערונגען, וועלכע מיר האָבען דורכגעלעבט, פון נידערטרעכטיגקייטען און פעהלערען, וועלכע מיר זיינען באַגאַנגען; די אונפאַרמיידליכקייט פון דעם ביטערען בעכער פון ליידען, וואָס דאַרפען נאָך פאָרקומען, און צוזאַמען מיט דעם אַלעמען — די הויכקייט און גרויסקייט פון דער אויפגאַבע פון אַל־מענשליכען מיטאַרבייטען, וואָס שטעלט פאַר זיך אַלץ קלאָרער און קלאָרער דעם ציעל: עס מוז זיין אַ גאָט, אַ לעבעדיגער, אַן אַל־גליקליכער און אַל־מעכטיגער. מיר זיינען זיינע באַשעפער!

דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם דעקט אויף אַבסטראַקט און אין די גרונט־שטריכען דעם פיינליכען, ריהרענדען, מאַיעסטע־טישען און זאָנדערבאַרען פּראָצעס פון גאָט־שאַפונג, אַנדערש גע־רופען דעם ווירטשאַפטליכען פּראָצעס. די קונסט,

די טראַגעדיען־קונסט, דאַרף אויפדעקען און לאָזען פיהלען דעם דאָזיגען פּראָצעס אין דער גאַנצער קאָנקרעטער הייסער פיעל־פאַר־ביגער, שטורמישער פּאַרענדערונג פון זיינע אונענדליכע ווירקליכע אָדער דענקבאַרע ערשיינונגען. יעדער אמת'ע טראַגעדיען־קונסט איז סאָציאַליסטיש. באוואוסטזיניגע טראַגעדיען־קונסט איז דאָ־פּעלט סאָציאַליסטיש.

סאָציאַליזם נויטיגט זיך אין קונסט. יעדע אַגיטאַציע איז עמבריאָנישע קונסט. יעדע קונסט איז אַגיטאַציע. זי איז די ער־ציהונג פון נשמות, זייער קולטורעלע פאַרוואַנדלונג. אויף דעם אַלגעמיינעם באָדען פון דער טראַגישער וועלט אַנשויאונג זיינען, נאַטירליך, מעגליך פיעלע ריכטונגען וואָס קענען שטרייטען איינע מיט דער אַנדערע. אָבער אַזא קאַמף קען געבוירען נייע לעבענס בליהטען, קען צוגעבען פלאַכען צו דער טויזענד־פלאַכיגער פיגור פון דער מענשליכער נשמה.

דער בונד צווישען דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם און אמת'ער קונסט איז אַ נאַטירליכע זאַך. צום באַדויערען פאַר־שטעהן איצט נים פיעלע די גאַנצע קולטורעלע באַדייטונג פון דעם סאָציאַליזם, און אין דער זעלבער צייט זיינען, צום באַדויערען, נייע מייסטערווערק פון אמת'ער קונסט זעהר זעלטען. דאָס אַלעם באַציהט זיך אויך אויף דעם טעאַטער, און מעהר און פריהער פאַר אַלעמען אויף דעם טעאַטער.

דער צוקינפטיגער טעאַטער.

איך וועל פּרואווען געבען כאָטש אַ קליינעם איבערבליק אי־בער דעם וואָס דער טעאַטער דאַרף זיין און וואָס ער וועט וואהר־שיינליך זיין אין דער צוקונפט. און איך בעט מען זאָל באַמערקען אַז אויב איך זאָג וואהרשיינליך, איז דאָס נים דערפאַר, וואָס איך דערלאָז דעם געדאַנק, דאָס פיליכט איבערטרייב איך די באַדייטונג פון דעם טעאַטער אין דער צוקונפט פון אַ גליקלי־כער געזעלשאַפט, נאָר דערפאַר, וואָס איצט איז קוים מעגליך צו געפינען פאַרבען, וואָס זאָלען איבערגעבען די גרויסקייט פון דער קומענדער קולטורעלער ראָל פון טעאַטער.

דער באַוואוסטזיין פון דער לעבענס־טראַגעדיע וועט זיך, נאַטירליך, דערהויבן ביז צו דער העכסטער שטופע. די ראַפינירטקייט אליין פון דער פאַנאַנדערגעוויקעלטער געטליכער נאַטור פון דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם וועט פיהרען צו דעם, אז די אָפּהענגיגקייט פון דעם מענשען אָן די שווארצע און קאַלטע טיעפענישען פון דעם אלוועלטליכען שטח, וועלכע האָבען אין זיך פארבאָרגען זייערע טויטליכע איבערראַשונגען, און פון דער קינד־אויפפרעסענדער צייט—וועט זיך פיהלען נאָך שאַרפער; די אַלע פיעל־געשטאַלטיגע ערשיינונגען פון דער באַגרענעצטקייט פון אונזער גייסט און זיין געפאַנגשאַפט, דאָס הייסט, זיין נישט גענינענדע ענטוויקלונג, די ווידערשפּרוכען צווישען זיינע כמעט שוין געטליך־אָרגאַניזירטע אָרגאַנען פון טרוים און די נאָך גראָבע אָרגאַנען פון געפיהל און באַוועגונג, — דאָס אַלעס וועט אין דעם מענשען ארויסרופען א שעפערישע בענקעניש און אומעט, א טיעפע, טרוימערישע, אין דער ווייטקייט שטרעבענדע מעלאַנכאָליע, פאַר וועלכער עס זיינען מעגליך בלויז צוויי אויסגאַנגען: די פייערטעג פון זעלבסט־פארגעסען — אין די מאָמענטען פון אָרגישער פרייד. אין די פייערטעג פון זעלבסט־פארטרויענדע אויפפאָדערונגען צו דער צוקונפט און ריהרענדע ערשינערונגען וועגען דער פארגאַנגענהייט, — פייערטעג פון פאראייניגונג מיט די אור־עלטערען און די קומענדע דורות, מיט די געשטאָרבענע ברידער און מיט די וואָס דארפען ערשט געבוירען ווערען. די רעטונג איז אין דעם שאַרפען גענוס פון דעם מ אָ מ ע נ ט אָדער אין דעם אַלץ־ארומנעהמענדען געפיהל פון איינהייט און א י י ב י ג ק י י ט פון דעם וואַקסענדען מין.

די ביידע זאַכען וועלען נאָך מיין מיינונג, געפינען פלאַץ אין דעם פרייען רעליגיעזען קולט פון דער צוקונפט. א פרייער, קינסטלערישער, אימער־שאַפענדער קולט, וועט פארוואַנדלען די טעמפלען אין טעאַטערען און די טעאַטערען אין טעמפלען.

דער געזעלשאַפטליכער טעאַטער וועט זיין דאָס פלאַץ פאַר קאָלעקטיווע אויפפיהרונג פון טראַגעדיען, וואָס דארפען דערהויבען די נשמות צו רעליגיעזען עקסטאַז, צי דאָס איז א שטורמישער עקסטאַז צי א פילאָזאָפיש־רוהיגער. זיית ביי זייט מיט דער געזעלשאַפטליכער איניציאַטיווע, דאָס הייסט, דער אויפפיהרונג פון

טראַגעדיען און מוניציפּאַליטעטען, קונסט־אַקאַדעמיען און פּאַר־ווייַלונגס־געזעלשאַפטען, — וועט אַ ברייט פּלאַץ אָפּגעגעבען ווערען צו פּריוואַטע איניציאַטיווע. פּאָעטען, מאַהלער, זינגער, מוזיקער, אַקטיאָרען, שעהנע מענער און שעהנע פרויען — קענען זיך פאַר־אייניגען אין פרייוויליגע געזעלשאַפטען מיט דעם אָפּיציעלען צוועק אויסצואַרבייטען און פאַרווירקליכען דעם טרוים פון וועלכען עס ניט איז דראַמאַטורג אָדער אַפילו פילאָזאָף. אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם קאָלעקטיווען שאַפען פון גלייך־דענקענדע מיטבירגער און מיט־קינסטלער וועלען ענטשטעהן וואונדערליכע דראַמען, פּראָ־צעסיען, צערעמאָניען, וואָס וועלען אויסדריקען די אָדער יענע טענדענץ.

דער קולטורעלער אידעען קאַמף וועט געפינען אַן אויסדרוק הויפּטזעכליך דורך די דאָזיגע מיטעל.

היינט וועט אַ בעטריעבטער פּאָעט, וועלכער פאָדערט פריהער פאַר אַלעם אַז דאָס וואָס איז זאָל מיט מוט קאָנסטאַטירט ווערען, אויפפיהרען צוזאַמען מיט זיינע פריינד זיין יאָמער איבער דער שטערבליכקייט פון דעם מענשען, איבער דער רייפקייט, עלטער אין דעם פּראָצעס פון פוילען, וואָס לויערט אויף יעדער ערשיינונג פון שעהנקייט, און ער וועט אויפטרייסלען הערצער מיט דעם באַוואוסטזיין פון דעם שרעק פון לעבען און וועט מאַכען טויזענדער וויינען איבער דעם אייביג אָפּשטאַרבענדען לעבען. מאָרגען וועלען, אַלס אַן ענטפער צו איהם, דונערען די כאָרען פון אַ טראַגע־דיע, וואָס דערצעהלט וועגען דעם אייביגען זיעג פון לעבען.

היינט וועט אַ וואַנדערער אינדיווידואַליסט אַ שליידער טאָן אַ ליידענשאַפטליך וואָרט אין דעם פּנים פון קאָלעקטיוויטעט, און וועט פּראָקלאַמירען דאָס הייליג רעכט פאַרשוועכט פון סאָציאַליזם, דאָס רעכט צו געוועלטיגען איבער דעם מיט־מענש, איהם צו באַזיצען, איהם צו פּייניגען, דאָס רעכט אויף דעם העכסטען גענוס פון אונבאַגרענעצטער מאַכט איבער צו זיך עהנליכע. מאָרגען וועט די קאָלעקטיוויטעט איהם ענטפערען פיליכט מיט אַ בייזער פּאַ־ראַדיע אויף זיין ניט־צוריקגעהאַלטענער לוסט פון אַ דעספּאָט.

און געגען דעם נישט־שטאַרבענדען טיפּ פון'ם ק ל אַ ס י ג ע ר און ה אַ ר מ אָ נ י ס ט וועט אַרויסטרעטען דער נישט־שטאַר־

בענדער ר אָ מ אַ נ ט י ק ע ר. איינער וועט ריהמען דעם טרי־אומף פון דער פאָרם, פון רוהיג גליק, מאַיעסטעטישען אפאטהעאָז און גלייכגעוויכט, און אַ צווייטער וועט ווילד אויסשרייען אז עס איז נויטיג צו צושמעטערען די בעסטע הארמאָניע, אפילו בלויז צוליעב דעם, אז מען זאָל ווייטער ליידען און שטרעבען. און דאָס אַלעס וועט זיין אין בילדער, אין קאָנפליקטען, פארבען, מוזיק און שעהנקייט.

אָבער זייט ביי זייט מיט דעם טעאטער פאר צעהנדליגע טוי־זענדער, מיט דעם טעאטער פון בלענדענד־העלע אויפפיהרונגען, גרויסע אַ פּ ע ר ע ס, וועט אַ גוואַלדיגע ראָל שפּילען אויך דער אינטימער טעאטער.

פערזענליכע איבערלעבונגען וועלען געפינען אַן אויסדרוק אין מאָנאָלאָגען און דיאַלאָגען, קורצע אקטען, איבערלעבונגען אין אַ ווינקעל. דאָס אַלעס וועט פיליכט געשפּיעלט ווערען מעהרערע מאָל און אויף פארשידענע אופנים פון ארטיסטען, וואָס די פאר־פאסער וועלען אויסקלייבען און עס וועט ווערען דאָס אייגענטום פון אַלעמען מיט דער הילף פון דעם קינעמא־פאָנאָגראַף. זיצענדיג ביי זיך אין צימער מיט אַ פּאָר נאָהענטע וועט אונזער אור־אייני־קעל קענען פאר זיך אויסקלייבען אַ באַליעבטען אקט פון דעם ווערק פון אַ געליעבטען פּאָעט, און פאר איהם וועט זיך פאנאנדערוויק־לען אַנ׳אַנדער וועלט, און, אַ פרעהליכע אָדער אַן אומעטיגע, אַ שעהנע אָדער אַ שוידערליכע, וועט אַ פרעמדע נשמה, אַ פרעמדע וועלט, אַ פרעמד לעבען זיך פאנאנדערפענען פאר זיין אויער און אויג. איך גלויב, אז מענשען וואָס זיינען טייער פאר דער גאנצער מענשהייט אָדער פאר אַ געוויסער פאמיליע, וועלען פאראייביגען זייער זכרון אין דעם זעלבען אופן. אַ נייער זיעג איבער דעם טויט.

און וואָס פאר אַ עדעלע אָפפערליכקייט פון דער נשמה עס וועט זיך ענטוויקלען אין דער טעאטער וועלט פון דער צוקונפט! דער צושויער אזוי גוט ווי דער אקטיאָר וועלען איבערלעבען טוי־זענדער לעבענס. די נשמות וועלען זיך פאנאנדערפענען איינע

פאַר די אַנדערע, די ווענט פון אונזערע איינזאַמע וועלען פאַלען. אונזערע אייניקלעך וועלען פיהלען אַזוי ווי זיי זיינען נייראַנען פון איין וועלט מאַרך, מאַלעקולען פון אַ וואַקסענדער וועלט־נשמה, פון דעם באַוואוסטזיין אין דעם הערשענדען ווילען פון אַ פרעכטיגען וועלט־אַל.

און אימער פאָרווערטס!

קולטור אויפגאַבעו פון אַרבייטער קלאַס

איבערזעצט — ה. ראָזענפעלד

די קולטור־אויפגאַבען פונ'ם ארבייט נר־קלאַס.

עס איז טרויעריג, אָבער דאָך אַ פאַקט. די אַלגעמיינע קול־טור ווערט אוועקגעשטעלט ווי אַ סתירה צו די נאַציאָנאַלע קולטו־רען. די לעזונג פון אָט דער כלומר'שטדיגער סתירה איז אַלעמען באַ־קאַנט און פארשמענדליך. עס וואָלט געווען צו לאַנגווייליג אריינ־צולאָזען זיך אין ויכוחים מיט די פּאַטריאָטען פונ'ם אַלט־כינעזישען שניט. זיי ווילען אָבצאהמען זייער אייגענע קולטור פון דער אַל־געמיינער מיט אַ דיקער וואַנט. אפילו די מלחמה, וואָס האָט צוברעקעלט די מענשהייט ניט אַזוי אויף נאַציאָנאַלע ווי אויף מיליטעריש־פּאָליציייאישע שטיקער, האָט אויך נור אויף אַ קורצער צייט געליהען אָט די פּאַטריאָטען די היציגע ליעבע צום היימישען, און זייער ערפאָלג איז געווען נאָר אַן אויבערפלעכליכער: ער איז דאָך געקומען ניט אַזוי מאַהבת מרדכי ווי משנאת המן.

די מענשהייט געהט אָהן אַן אָבהאַלט אַלץ ווייטער אויפ'ן וועג פון אינטערנאַציאָנאַלער קולטור. די נאַציאָנאַלע יסודות ווערען, נאַטירליך, נאָך בלייבען אַ לאַנגע צייט. דער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט אָבער כלל ניט בדעה צו פארניכטען די נאַציאָנאַלע מאָטיווען אין דער אַלגעמיין מענשליכער סימפאָניע. זיין ציעל איז — זיי צו הארמאָניזירען, זיי פריי צוזאַמענגיסען.

עס פּלאַצען די נאַציאָנאַלע ראהמען. עס ווערען באַזיעגט די עפּאָכען: די שטופען אויף דעם גרויסען לייטער פון דער וועלט־געשיכטע. ניט לאַנג צוריק האָט מען נאָך געקענט טרעפען מענ־שען, אפילו צווישען די געבילדעטסטע, וואָס האָבען בעטראַכט נאָר די מאָדערנע אייראָפּעאישע קולטור אַלס עכטע, ווערטפולע קול־טור. אַלע אוצרות פון דער פארגאַנגענהייט, פון די אָבגעשטאַנענע פעלקער האָבען געהאַט ביי זיי נור אַן ארכעאָלאָגישען און עטנאָ־גראַפישען ווערט. אָפטער נאָך האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף יענע טיפען, ביי וועמען די אָביעקטיווע מאָס פאַר קונסט און גייסטיגע ווערטען פון די אַמאָליגע עפּאָכען איז געוועזען זייער איינענער געשמאַק אָדער דער געשמאַק פון זייער גרופּע. אייניגע

האָבען געלויבט אין טאָג אריין די ביזאַנטישע קונסט, אַנדערע האָבען זי פארדאמט און כורעים געפאַלען פאַר דעם רענעסאַנס. צווישען די רענעסאַנס־חסידים זיינען אָבער אויך געוועזען חלוקי־דעות. אייניגע זיינען נתפעל געוואָרען פאַר'ן רעליגיעזען ערנסט און דער נאַאיוועטער טיעפקייט פונ'ם פריה־רענעסאַנס און האָבען ווינציג וואָס געהאַלטען פונ'ם פוסטען און טומעלדיגען 16־טען יאָהרהונדערט. אַנדערע ווידער האָבען צופויקט איבער דער וועלט דעם פאַלשטענדיגען נצחון פון הומאַניזם און דאָס אויפ־לעבען פון דער ריינער שעהנקייט דורך דער וואונדערבארער קראַפט פון ראַפאַעל אָדער טיציאַן. אָט די טיפען האָבען אָבער קיין גוט וואָרט ניט געהאַט וועגען 14טען און 15טען יאהרהונדערט, א. ז. וו.

עס איז ניטאָ קיין עפּאָכע, וואָס זאָל ניט האָבען איהרע פאַר־טיידיגער. אפילו אונטערגאַנגס־עפּאָכען האָבען אויך זייערע מליצי־יושר. ניט לאַנג צוריק נאָך האָט מען געקוקט אויף דער באַראָק־ריכטונג ווי אויף דעם דייטליכען אונטערגאַנג פונ'ם ריינעם סטיל פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. דאָך ווייסען מיר שוין איצטער, אז די טרעגער פון אָט דער ריכטונג זיינען דאָס געוועזען די גרויסע פוטוריסטען פונ'ם 17־טען יאָהרהונדערט. הכלל, פון די האַלע פיגורען פון עפּעס א באַטאַקודער ביז די פארבען סימפאָניעס פון וויסטלער, און פון דעם אורטאַנע ריטם ביז צו דעבוססי, האָבען מענשען שטענדיג געפונען זייערע געצקעס און אַלע מאָל מודיע געי־ווען דער וועלט: „דאָס איז דער איינציגער גאָט, ניטאָ קיין אַנ־דערער!"

אָט די ענדערונגען אָבער האָבען אונז שטענדיג געהאָלפען באַגרייפען די אַלגעמיין מענשליכע באַדייטונג פון דער קינסטלע־רישער און גייסטיגער קולטור אין אַלע זייערע ערשיינונגען. די ענדערונגען זיינען זעהר נויטיג און מיר דארפען זיי באַגריסען.

עס ווייזט אויס, אז דער ירידה פון דעם עקלעקטיציזם האָט פאַר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהרען א גרויסע טובה געטהאָן דער מענשהייט. די עקלעקטיקער האָבען צוגעוועהנט די מענשען ניט צו פארוואַרפען זאַכען, וואָס זיינען אויפ'ן ערשטען בליק אומ־פארשטענדליך; מען האַלט אין איין לערנען. מען פאַרטיעפט זיך אין יענעמס אַרגומענטען, עס וואַקסט די צאָהל פון מענשען,

וואָס קוקען מיט שטאָלץ אויף די אָנגעזאַמעלטע קונסט־אוצרות פון דער מענשהייט. מען האָט ליעב די מענשליכע פארגאַנגענהייט, מען שעצט דאָס שותפות׳דיגע שאַפען פון אַלע נאַציאָנען און אַלע יאהרהונדערטע.

אָט אזוי, אייגענטליך, האַלט דאָס אין דעם געענגזאַץ צווישען דער אַלגעמיינער קולטור און די נאַציאָנאַלע קולטורען, צווישען די קולטורען פון באַזונדערע עפּאָכען און דער אידעע פון דער אַלגע־מיין־מענשליכער קולטור.

אָבער די פראַגע וועגען דער שייכות פון אָט דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור צו די קלאַסען־קולטורען איז כמעט ניי און ווייניג באַארבייט. ווען די מאַרקסיסטען האָבען אָנגעוויזען אויף אָט דעם געגענזאַץ האָט מען זיי באַגעגענט קאַלט, כמעט פיינדליך. האָט מען אָבער אַ שמועס געטהאָן מכח דער פראָלעטאַרישער קול־טור, וואָס איז נאָך איצט אין איהרע וויקעלאַך, און אָנגעצייגט, אַז זי וועט אָבסאָלוט זיין אַנדערש פון דער בירגערליכער קולטור, איז מען מיט גזלנישער רציחה אָנגעפאַלען אויף אַזעלכע אפיקור־סישע געדאַנקען.

וואָס? איהר ווילט שוין אַריבערטראָגען דעם קלאַסענקאַמף אויפ׳ן קולטורעלען געביעט אויך? וואו זיינען מיר עס אין דער וועלט? באַלד וועט מען שוין ריידען ניט נאָר פון פראָלעטאַרישער מוזיק, נאָר אויך פון באָלשעוויסטישער סקולפּטור און פון מענשע־וויסטישער אַרכיטעקטור! אָט די פּאַרטיי מענשען ווילען באַלד אַלעס אין דער וועלט איינטיילען לויט די רובּריקען פון זייער פּאַר־טיי־בוכהאַלטעריע.

נייען מאָס גליהענדע און שעהנע פראַזען קאָן מען אָנשיטען ביי אַזאַ געלעגענהייט. ווי גרינג עס איז אביסעל אָנצופאַלען אויף די פאַנאַטיקער־אפּיקורסים אינ׳ם נאָמען פון דעם „איינהייטליכען אידעאַל“, אין דעם נאָמען פון אַלעס „גרויסעס, שעהנעס“ א. ז. וו.

אָבער דאָס איז דאָך מעהר ניט ווי צופוילטע פראַזעאָלאָגיע. אונטער איהר באַהאַלט זיך דער עקעלהאַפטער באַוואוסטזיין, אַז פאַר די דיענער פון אַ צופוליטער קולטור איז פינסטערניש אָם בעסטען צוגעפּאַסט. אַלע יונים באַקומען דאַמאַלסט איין פּנים.

די וויסענשאַפטליך־סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס־לעהרע האָט, צווישען איהרע אַנדערע פּרינציפּען, אויך פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז יעדע קולטור באַזיצט איהר קלאַסענכאַראַקטער. (די איינציגע אויסנאַהמען זיינען נאָר די קולטורען פון דער פאַרהיסטאָרישער עפּאָכע און פון דער צוקינפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָט די געזעלשאַפטס־לעהרע מאַכט אַ קליינעם וועזען פונ׳ם „לאו“, וואָס די עקלעקטיקער האָבען אויפגעהאַנגען אויף די טויערען פונ׳ם קולטור־טעמפּעל. זי, די לעהרע, שפּאַנט אַריבער די טויערען און מעסט דאָרטען אַלעס מיט דער זעלבער קריטישער מאָס.

זעהר אָפט שטויסט מען זיך אָן אויפ׳ן געדאַנק, אַז דער אמת׳ער קוואַל פון אַלע קולטור־ווערטען איז די פּערזענליכקייט. אָבער צו אַזאַ מיינונג קאָן מען נאָר קומען ווען מען באַטראַכט די פּערזענליכקייט אַלס עטוואָס מיסטישעס, איבערנאַטירליכעס.

די וויסענשאַפט האָט שוין פאַלשטענדיג פאַרוואָרפען דעם געדאַנק, אַז דער אינדיווידועלער גייסט איז עפּעס אַזאַ מין איידעלע מאַטעריע, וואָס מען קאָן ניט אַנאַליזירען, אָדער מעסטען. די רעזולטאַטען פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג מכח דער פּערזענליכקייט האָבען פיעל באַרייכערט די ידיעות וועגען דעם מענשען. איצטער קאָנען שוין אַלע איינזעהן, אַז עס איז פּשוט אַ נויטווענדיגקייט אַוועקצושטעלען די פראַגען: פון וואַנען קוועלט אַרויס אָט די פּערזענליכקייט? וואו נעמט זי איהר אינהאַלט? ווען מיר זאָגען, פּשוט צוליעב איינפאַכקייט, אַז די פעהיגקייטען און באַגאַבונג פון אַ פּערזענליכקייט זיינען פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען, ווען מיר ערקלערען אָט די פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען דורך דעם ירושה־געזעץ און אַ רייהע ענדערונגען—וועט דאָס אויך ניט בייטען דאָס פעלד פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג.

אמת, מען קאָן באַשטימטע געדאַנקען און געפיהלען פאַרקערפּערן. מען קאָן זיי מעהר אָדער ווייניגער באַלייכטען און האַרמאָניש צונויפקניפּען, אַ צווייטען אפילו איבערציינען, אַז דאָס איז תורת משה. אָבער די פראַגען: „וואָס פאַר אַ מין געפיהלען און געדאַנקען זיינען זיי דאָס?“ פאַרוואָס גראָד ערשיינען זיי

אין אזא צוזאמענהאנג און ניט אין קיין אנדערן?" — אט די פראגען זיינען און בלייבען אלע סאציאלאגישע פראגען.

דער מענש, וואס איז ניט מעהר ווי א „טאבולא ראזא", אן אומבאשריבענער בויגען פאפיער, פאנגט אן נאך אין די וויקעלאך זיך פאנאנדערצוקלייבען אין די שרפיטצייכענס פון לעבען. פון די ערשטע איינדריקע, פון די ערשטע ווירקונגען, וואס ער באקומט פון זיינע נעבען־מענשען, פון די ערשטע ערפאהרונגען וועגען פרעמדע מענשען, וועגען זיין פאמיליע, שוהלע און וועגען דער סאציאלער סטרוקטור בכלל ווענדט זיך זיין גאנצער נשמה־אינהאלט. די נשמה איז א מיניאטור־פארם, געבויט פון די זעלבינע גייסטיגע און קראפט־ליניעס ווי דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען. זיינע געדאנקען בארגט דער מענש אויס פון דער אדער יענער שוהלע, זיינע געפיהלען קריעגט ער פון די אדער יענע סעקטען און גרופען. זיי, די דאזיגע געדאנקען און געפיהלען, קאמבינירען זיך שטענדיג לויט א געוויסען און אייגענארטיגען סדר אין איינקלאנג מיט דער געאגראפישער און געזעלשאפטליכער שטעלונג פונ'ם מענשען. די ערשטע רייהע ברעכט זיך איין אין דער צווייטער און פארענדערט זי. אט אזוי בויט זיך אויף די מענשליכע פערזענליכקייט. די שארפקייט פון איהרע איבערלעבונגען, דער טעמפ פון איהר רעאגירען און די פרוכטבארקייט פון איהר שאפען, ווערען אויך באשטימט פון איהרע פסיכאלאגישע אייגענטימליכקייטען. זיי בארירען אבער בכלל ניט דעם אינהאלט פון די איבערלעבונגען און פונ'ם שאפען.

עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען אין א קאמפליצירטער געזעלשאפטליכער ארדנונג, אז צוויי אדער מעהר יחידים זאלען זיך צוזאמענגיסען אין אלע זייערע פרטים. אבער דא איז נאר וויכטיג די רעלאטיווע עהנליכקייט פון דער סביבה. אן עהנליכקייט אין דער סביבה שאפט א גייסטיגע קרבות צווישען פארשיעדענע פערזענליכקייטען. די עהנליכע סביבות לייגען זיי אפט אין מויל אריין די זעלבינע שפראך, ניט נאר בדרך משל, נאר טאקע פשוטו כמשמעו.

ניט אלע איבערלעבונגען און איינדריקע, ניט אלע קרעפטען, וואס שפילען א ראלע אין דעם גייסטיגען לעבען זיינען אלע

איינם שטאַרק. איינציגע זיינען באַדייטענדער און ווירקען אַ לענ־געדע צייט. זיי זיינען אינ'ם באַוואוסטזיין מאָדעלען פאַר אַלע אַנדערע איבערלעבונגען און איינדריקע, צווינגען אַרויף זייער שטעמפּעל אויף זיי. און ווען די געשטאַלטען, ערינערונגען, געדאַנקען און געפיהלען און אַלע אַנדערע איינוואוינער פונ'ם באַוואוסטזיין פּאַסען זיך צו אַט די מאָדעלען ניט צו — ווערען זיי איינפאַך, אָהן צערעמאָניעס, פאַרטריבען פון דאָרט.

ווער ווייס ניט, אַז אין דער הינזיכט זיינען די עמפּינדונגען דירעקט פאַרבונדען מיט דעם ווילען און זיינען איבערהויפּט שטאַרקער פון די אידעען? ווענען איז דען פרעמד דער פאַקט, אַז די עמפּינדונגען, וואָס זיינען דירעקט פאַרקניפּט מיט די גרונד־באַדערפעניסען, צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער קראַפט און נעהמען אַם־גרינגסטען אָן דעם כאַראַקטער פון „דאָמינאַציע", ד. ה. זיי ווערען דאָס יענע נשמה־עלעמענטען וועלכע באַהערשען אַנדערע געדאַנקען אָדער אידעען. עס איז אָבער אַ פאַקט אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם. דער מענש שטרעבט ניט נאָר צו באַפרידיגען זיינע עלעמענטאַרע באַדערפעניסען. ער האָט שוין געוואָרפען אַן אויג אויף דער אַנזאַמלונג פון עשירות. אַט די אַנזאַמלונג קען אָבער קיינמאָל ניט באַפרידיגט ווערען, ווייל יעדער צוואַוואוקס מיינט די פאַרגרעסערונג פון דער מאַכט פונ'ם מענשען איבער זיין סביבה, איבער אַנדערע מענשען, ווי אויך די באַפעסטיגונג פון אַט דער מאַכט, א. ז. וו.

און ניט נאָר רייכטום אַליין ברייענגט דאָס רעכט אויף גענוס, זיכערט דעם מענשען אַלע זיינע עלעמענטאַרע רעכט, לאָזט איהם צו צום סאַמע מזרח און שטעלט איהם העכער פון אַלע זיינע מיטמענשען, נאָר אויך דער כבוד, דער יחוס, די דירעקטע און אומיטעלבאַרע פּאָליטישע מאַכט א. ז. וו.

פאַר אַט די אַלע זאַכען איז דער מענש גרייט צו קעמפען, ווען ער האָט נאָר אַן אויסזיכט עטוואָס צו געווינען אָדער בכלל ווען עס צוואַוואַקסט זיך ביי איהם דער אַפּעטיט. ספּעציעל זיי־נען מענשען גרייט דערפאַר צו קעמפען, ווען זיי האָבען שוין איינמאָל פאַרזוכט דעם זיסען טעם פון עלעמענטאַרע רעכט.

יענע זיינען גרייט מיט זייער גאנצער ענערגיע צו פארטיידיגען און באריכערען זייערע געזעלשאפטליכע ערָאבערונגען.

אינ׳ם קאמף פאר מאכט און רייכטום און, פון דער אנדערער זייט, אין דער זעלבסטפארטהיידיגונג געגען דער אומברחמנות׳דיגער אויסבייטונג, וואס קומט פון די הערשענדע קלאסען — אין אָט דעם קאמף בילדען זיך יענע נאטירליכע פארבאנדען און ברודערשאפטען פון מענשען, מיט אונגעפעהר עהנליכע אינטערעסען, וואס מען רופט געוועהנליך קלאסען. אויף׳ן באָדען פון אָט די קלאסען ווערען באשאפען פארטייען, סעקטען, שוהלען א. ז. וו.

מען דארף אָבער ניט דענקען, אז דער אינטערעס איז אינ׳ם מענשליכען באוואוסטזיין שטענדיג אין זיין נאקעטען צושטאנד. און, אז זיין טרעגער וויים פון איהם און טוט, וואס ער באפעהלט. דאס איז גראד, פארהעלטניסמעסיג, זעלטען דער פאל. אין דער טיפקייט פונ׳ם אונטערבאוואוסטזיין, אין פארבינדונג מיט אלע ערצויגענע געוועהנהייטען, דורכגעווייקט דורך־און־דורך מיט די עקזיסטירענדע לעהרען פון אומבאשריטענע ווארהייטען, פארפלייצט דער אינטערעס די גאנצע נשמה און באָרגט איהר אויס די פאסיגע און באקוועמע פאָרמען. אָט אויף אזא אופן בויט דער מענש זיין וועלטאנשויאונג אָדער געפינט זי שוין פארטיגערהייד. דער מענש איז טיעף איבערצייגט, אז ער איז דא מקיים די דינים פונ׳ם אָביעקטיווען אמת, גוטעס און שעהנעס.

נאָר פון א געוויסען שטח, ווייט פונ׳ם קאמף, קאָן דער רוהיגער באָאבאכטער איינזעהן דאס גרויסע סאָציאלע געביי . דעמאלט נאָר רוקט עס זיך ארוים פונ׳ם צופעליגען און פון די אויסנאמען שארף און גענוי. און ווען ער, דער בעאָבאכטער, קלאסיפיצירט די וועלט־אנשויאונגען און די קונסט־אוצרות זעהט ער, אז די יסודות פון עהנליכע פארמען זיינען עהנליכע אינטערעסען, באוואוסטע אָדער אומבאוואוסטע.

דאס געוועב פון דער קולטור איז א מאָרעל פון פיינקייט און ערעלקייט. אמת, מען קאָן מיט א פעדאנטישע טעמפקייט א נישטער טאָן און זוכען עגאאיסטישע מאָטיווען אומעטום. דאס איז אָבער ניט דער שטייגער פון דער סאָציאל־אנאליטישער עקאָנאָמישער מעטאָדע אין דער אויספאָרשונג פון דער קולטור. דאס

איז מעהר ניט ווי די קאָמפּראָמיטירענדע ערשיינונג פון עפּעס אַ מין מיזאַנטראָפּיע, רחמנא לצלן, וואָס זעהט אומעטום פאַלש־קייט, וואָס דערשפּירט כלומר'שט דעם אמת אונטער דעם „פּיעל־צופּויקטען אידעאַליזם".

דאָס איז אָבער דאָ ניט די פראַגע. דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם פאַטאַלען צוואַנג פון די עלעמענטאַרע אינטערעסען און ספּעציעל פון די גרופּען־אינטערעסען איבער דעם יחיד.

לאָמיר נעמען אַן אַריסטאָקראַטישע פּערזענליכקייט, למשל, אָדער אַ פאַרטרעטער פון דער גרויס־בורזשואַזיע; זיי האָבען טראַדיציעס, וואָס זייערע זיידעס האָבען נאָך אויסגעאַרבייט; זייערע פאַמיליעס און פריינד קניהען און בוקען זיך צום זעלבינען גאָט, צום קאָנסערוואַטיזם, צו דער, דורך אַלטקייט געהייליגטער, געזעלשאַפטס־אָרדנונג. אַלע גלויבען זיי, אַז די אינדוסטריע מוז געפיהרט ווערען פון די גאָטס־געבענשטע קאַפּיטאַנען. אָט די מענשען טוט טאַקע באמת וועה דאָס האַרץ, ווען זיי ריידען וועגען דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער קולטור אין פאַל זייערע קלאַסען־שונאים זאָלען חלילה מנצח זיין. אַזאַ נצחון שטעלט זיך זיי טאַקע באמת פאָר אין אַזאַ ליכט. און ווען זיי סטראַשען, מיט צונויפגעדריקטע פויסטען און קריצענדע ציינער, צו קעמפּפען ביז'ן לעצטען טראָפּפען בלוט געגען דער „אַנאַרכיע" און פאַר דער מענשהייט — מיינען זיי דאָס טאַקע ערנסט. פרעגט מען זיי אָבער, ווי אַזוי זיי זיינען געקומען צו אַזעלכע איבערציינגונגען, וואָסערע מעטאָדען האָבען זיי באַנוצט דערצו, און קומט מען צו נעהענטער צום קוואַל פון אָט די איבערצייגונגען און מעטאָדען — טאַפּט מען ממש אָן בידים זייערע אינטערעסען.

כל זמן אַ קלאַס איז געזונד און שטאַרק און האָט נאָך פאַר זיך אַ צוקונפט, מעג ער זיין ווי עקספּלואַטאַטאָריש, זיינען זיינע אינדיווידועלע פאַרטרעטער פעהיג צו העלדענטאַטען צוליעב אַלגעמיינע קלאַסען־אינטערעסען. ווען אָבער דער ציניש־אַנטפּלעקטער עגאָאיסטישער אינטערעס קריעגט די אויבערהאַנד איז דאָס אַליין שוין אַ גוטער סמן, אַז דער קלאַס פאַנגט אָן צו פוילען און, אַז זיין אונטערגאַנג איז נאָהענט.

אויפ'ן באדען פון די אינטערעסען פון דער אָדער יענער מעכטיגער געזעלשאפטליכער גרופע שפּראָצען ארויס גאנצע און ספּעציעלע קולטורען, וואָס זיינען אינערליך צוזאמענגעבוגדען און, מעהר אָדער ווייניגער, איינהייטליך. די אויפפאסונג פון גאָט און דער וועלט, פון געזעלשאפטליכער מאָראל און רעכט, פון די ענטוויקלונגס־געזעצען פון דער געזעלשאפט, די אויפפאסונג פון דעם ווירטשאפטליכען לעבען, די לעבענס־פאָרמען פון דער קונסט— דאָס אלעס מוז אומבאדינגט זיך איינפּאסען איינס אינ'ם אנדערען, אנדערש וואָלט די קולטור קיין קיום ניט געהאט. איינער און דערזעלבער גייסט מוז באהערשען אלע איהרע צווייגען, ווייל אינ־נערליכע סתירות שוואכען אָב די קולטור און פיהרען צו אן אומ־זיסטיגען פארשווענדען פון כחות. נאָר נויטיגער פון אלץ איז אָבער, אז אלע אידעען פון אָט דער קולטור, די שטימונגען און פאָרמען איהרע זאָלען ניט קומען אין קיין סתירה מיט די סאמע יסודות, ד. ה. מיט די סאמע פונדאמענטאלע אינטערעסען פון דער הערשענדער גרופע, מיט דעם, וואָס ס'איז אבסאָלוט נויטיג פאר איהר עקזיסטענץ, פאר דער באפעסטיגונג פון איהר מאכט און איינפלוס אין דער געזעלשאפט.

געוויס ווייס די געשיכטע און אויך דאָס מאָדערנע לעבען פון אזעלכע געזעלשאפטען, וואו די פיהרונג איז אין די הענט ניט פון איין גרופע, נאָר פון עטליכע. אזוי זעהען מיר אין דעם היינטיגען דייטשלאנד אָדער ענגלאנד *) צוויי פרינציפּיעל־גע־גענזעצליכע קולטורען — דאָס רעשטעל פונ'ם פעאָדאליזם און די קולטור פון דער גרויס־בורזשואזיע. זיי לעבען און ווירקען גלייכצייטיג, איינע נעבען דער אנדערער. די קלאסענגעגענזאצען צווישען זיי ווערען אָבער וואָס ווייטער אלץ מעהר אָבגעווישט: די פריצים נעמען זיך אלץ מעהר צו פאבריקאציע, און די בור־זשואזע מאגנאטען שפּיעלען אלץ אָפטער די ראָלע פון פריצים.

די קולטור פון יעדער נאציאָן, פון יעדער שטאאט ווערט בכלל דיקטירט פון די הערשענדע קלאסען. זיי שאפען זי אָבער

---

*) די אָפּהאנדלונג איז געשריבען אין די ערשטע חדשים נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון פריהלינג 1917.

ניט דירעקט. די אַרבייטער שאַפען די מאַטעריעלע קולטור און די פיינערע פאָרמען פון דער גייסטיגער קולטור שאַפען פאַכלייט פון דער אינטעליגענץ.

די אינטעליגענץ אָבער פאַרנעמט אַ מאָדנעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. דירעקט באַזיצט זי ניט קיין מאַכט. עקאָנאָמיש איז זי אינגאַנצען אָבהענגיג פון די הערשענדע קלאַסען. איהרע איינציגע מיטגלידער שטעהען אויף פאַרשיעדענע שטופען פון'ם געזעלשאַפטליכען לייטער. אַט די לאַגע פון דער אינטעליגענץ שפּיגעלט זיך, נאַטירליך אָב אויף דער קולטור. ספּעציעל איז דאָס קענטליך אויף דער קונסט, וואָס שטעהט אַמווייטסטען פון'ם דירעקטען קאַמף. און אינטערעסאַנט דערביי איז, וואָס די אינטעליגענץ שטרענגט אָן אַלע איהרע כחות צו שאַפען זעלבסטשטענדיג. יעדער פאַרזוך איהרער ווערט אָבער צוקלאַפּט פון דער הערשענדער קולטור. אמת, עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ אינטעליגענט ווערט זעלבסטשטענדיג און אפילו מעכטיג. אָבער אַזאַ פאַל פּאַסירט נאָר דעמאָלט, ווען דער אינטעליגענט איז גייסטיג פאַרבונדען מיט'ן וואַקסענדען און אונטערדריקטען קלאַס. אַלא ניט, איז די מאַכט נאָר אַ רעזולטאַט פון רעמאַנאַניע — אַ נעגאַטיווע און אומבאַדייטענדע ערשיינונג.

ביז צו אַ געוויסען גראַד זיינען די אונטערדריקטע אויך נהנה פון דער פריצישער קולטור. אָבער זיי קוויקען זיך נאָר מיט די ביינער און ברעקלאַך, וואָס בלייבען פון דער סעודה. דאָס זיינען אָבער צרה'דיגע ברעקלאַך. דאָס פאָלק פאַרשטעהט קיינמאָל ניט זייער מהות, און האָט זיי פשוט פיינט.

כל־זמן אַ קלאַס מוז האָרעווען פאַר'ן טרוקען שטיקעל ברויט, נאָר כדי צו דערהאַלטען זיין לעבען — איז זיין קולטור אָרעם. נעבעכדיגע לעבענספאָרמען, דער אויסדרוק פון וועה, האָפענונג און האַס אין ליעדער, לעגענדען און מעשה'לעך, אַ פּרימיטיווע קונסט אין האַנדווערק — דאָס טאַקע, און מעהר ניט. אויב מיר באַגעגנען אַמאָל, אפילו אויף דער שטופע, פאָרמען און סימבאָלען, וואָס איבערראַשען אונז מיט זייער וואונדערבאַרער טיעפקייט און פרישקייט, זיינען זיי אָבער בשום־אופן ניט קיין פועל־

יוצא פון דער אונטערדריקונגס־צייט, נאר פשוט'ע עראינערונגען פון די אמאליגע פרייע דעמאקראטישע לעבענס־פארמען.

די אונטערדריקונג פונ'ם פויערים־שטאנד, וואס איז געווען אונטעריאכט ביי פארשיידענע פעלקער און אין פארשיידענע יאהר־הונדערטע, שפיעגעלט זיך אפ אויפ'ן געביעט פון דער קולטור דורך א מורא'דינער ארעמקייט פון דער פאלקס־קונסט.

אין נאך אן ערגערע לאגע איז געווען דער פראלעטאריאט: אפגעריסען פון דער נאטור, צוגעשמידט צו דער טויטער מאשין, בארויבט פון דער פרייער צייט איז ער געווען פאר'משפט צו אן איינטאניגער און קלעגליכער עקזיסטענץ. עס וועהט אויף אייך א קעלט, ווען איהר לעזט אין אויספארשונגען פון דער ערש־טער ענטוויקלונגס־צייט פון גרויס־קאפיטאל וועגען דעם לעבען און נשמה־צושטאנד פונ'ם פאבריק־ארבייטער.

דער פראלעטאריאט איז אבער די צווייטע זייט פון דעם קא־פיטאליסטישען מעדאל. ער איז שטענדיג אנגעבונדען אן דעם אינדוסטריעלען קלאס, אן דעם וועלט־מארק און אן דער וויסענ־שאפטליכער טעכניק. און טאקע דערפאר, און אויך ווייל ער איז שטענדיג צוזאמען און דיסציפלינירט האט ער זיך אלץ וויי־טער שטארקער ענטוויקעלט.

אקוראט ווי זיינע פארגעננער, די אויפגעקומענע קלאסען, פאנגט דער פראלעטאריאט אן מיט זיין וואוקס, מיט דער פאר־שטארקונג פון זיין איינפלוס — א פיעל־געשטאלטיג שאפען אויפ'ן קולטורעלען געביעט. נאך אינ'ם קעלער פון די קאפיטאליסטי־שע פאלאצען פאנגט דער ארבייטער־קלאס אן צו שמידען זיין קול־טור: פריהער אלס שווערד, די קולטור פון קאמף נעגען זיינע אונטער־דריקער און שפעטער אויך די קולטור אלס טרוים, די קולטור אלס ציעל פון זיינע שטרעבונגען, אלס זיין קלאסען־אידעאל פון אמת און שעהנקייט.

אפט באגעגענט מען קולטור־סטראפטשעס וואס פאנגען אן צו רעדען וועגען פראלעטאריאט און זיינע אויפגאבען, וועגען דעם קומענדען סאציאליזם מיט א מין, „שמשון, פלישתים עליך", דער „המון" געהט! ביי זיי איז די ארבייטער־באוועגונג — אן אויפ־שטאנד פונ'ם פארגראבטען און נידעריגען פאלק, וואס שעצט

א פּאָר שטיוועל העכער פון שעקספּיר'ס ווערק. ביי זיי הייסט דאָס די קומענדע הערשאַפט פון דער מיאוסער, שרייענדער און געשמאַקלאָזער גאַס, וואָס דאַרף גאָר קיין קונסט ניט, אָדער אפשר נאָך ערגער — וואָס ברייינגט מיט זיך איהר אייגענע „קונץ", דעם שרעקליכען גאַסען־שונד, וואָס טרעפט אויף דער האָר צו דעם געשמאַק פונ'ם „ווערטען פּובליקום".

האַס און פּאַניק — דאָס איז דער ענטפער פון אַט די קולטור־מענשען אויפ'ן ערפאָלג פון דער ארבייטער־באַוועגונג. שוין איצ־טער קעכלען זיי מיט צערטליכקייט די „פליישטעפּ פון מצרים" און טרייבען פון זיי אוועק דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך א לאַנג געטאָן אין דער מדבר זוכען דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד כנען. זיי באַמערקען אָבער ניט דאָס שוידערליכע, וואָס ליעגט אינ'ם טויט פון דער פאָלקס־קונסט, אין דער פּראָדוקציע פאַר'ן מאַרק. זיי פאַרזעהען אַלע אייטערדיגע וואונדען פון דער קאַפּיטאַליסטישער קינסטלערישער קולטור, וואָס ברייינגט אום אזוי פיעל גאונים וואָס קומען פון דעם פאָלק, וואָס הרג'עט פשוט אוועק יעדען, וואָס וויל דיענען דער אמת'ער מוזע. אפילו די וואָס באַפרידיגען דעם מאַרק, די נאָכפראָגע האָבען זיך פריהער אויך פאַרשאַלטען זייערע יאָהר און טעג ביז זיי האָבען, מיט טעמפּער גלייכגילטיגקייט, פאַר־שוועכט זייער באַרוף און פּראָסטיטואירט די קונסט.

די בעסטע פון אַט די קולטור־מענשען זיינען געוואָרען קול־טור־טרעגער. דער פּראָלעטאַרישער שטורם איז דאָך געוואָרען אַלץ ראַשינער און שטאַרקער. עס איז דערפאַר בעסער געוועזען אַנטקעגען צו געהן דער טונקעלער מאַסע און אריינברייינגען צו זיי, אַם ווינציגסטען, א שטראַהל, א טראָפּען פון עלעמענטאַרער בילדונג.

אַט די גוטמיינענדע מיסיאָנערען פון שעהנקייט און אמת, וואָס זיינען אוועק צו די ווילדע פון דאָרף אין שטאָדט, זיינען גע־וועזען אויף אַן אמת אויפריכטיג. זייער ארבייט איז טאַקע גע־ווען א נוצליכע. זיי האָבען צווישען די מאַסען פאַרשפּרייט יענע אוצרות פון דער מענשהייט, וואָס דיענען אַלס יסוד פאַר יעדער קולטור.

האָבען זיי אָבער פאַרגעסען, אַז די טרעגער פון די אומבאַ־

שטרימענע אמת׳ן און אוצרות, אז דער פראלעטאריאט פארמאגט אליין א סך אוצרות, נאך ניט קיין ענטוויקעלטע, און עס איז זיי קיינמאל אפילו אין געדאנק ניט אריין, אז מען דארף ניט נאר ברענגען, נאר מען קאן אויך נעמען א סך, מען קאן זיך פיעל לערנען ביים ארבייטערקלאס.

אמת, די פראלעטארישע קולטור, וואס איז איצטער נאר קענטיג אויף דעם פאליטישען און עקאנאמישען געביט אין קאמפפ־פארמען און ארגאניזאציאן, איז נאך אין די וויקעלעך, אבער אין אט די וויקעלעך זעהט מען א ריעזען־קינד.

פונדעסטוועגען איז ניט אמת, אז אויב די ארבייטער־מאסען און זייערע פריינד וועלען פאלשטענדיג באגרייפען די שייכות צווישען דער קלאסען־קולטור און דער אלגעמיין־מענשליכער קול־טור, וועט דערפון חלילה עפעס געשעהן. אדרבא, איצטער קאן מען באגעגענען ארבייטער, וואס טראגען זיך ארום מיט די וויל־דעסטע פארשטעלונגען וועגען דער שייכות. איך אליין לייקען אפילו ניט, אז צווישען די סאציאליסטען שטויסט מען זיך אמאל אן אויף יונגע לייט, ניט אבסאלוט קיין אומגעבילדעטע, וואס נעבען אייך פרעך א זאג: „צו אלדי רוחות מיט דער בירגערליכער קולטור!“

צווישען אט די בעשטימטע שונאים פון דער פארגאנגענ־הייט באמערקט מען צוויי טיפען. עס זיינען דא צווישען זיי אסקעטען, פוריטאנער — נאך היינע׳ס טערמינאלאגיע — א אידישער טיפ; זיי האלטען, אז די צוקונפט דארף זיך באגעהן אהן „לוקסוס“. די ערנסטע ארבייטער וועלען באזונדערס אין דעם קאמף־פעריאד ניט וועלען און ניט קיין צייט האבען אפצור־געבען זיך מיט דער קונסט. אזוי זאגען זיי. דער בעסטער פאר־טרעטער פון אט דער ריכטונג אין דער ליטעראטור איז דער סינדיקאליסט געארג סארעל. ער שטעלט זיך פאר די קומענדע סאציאליסטישע ארדנונג אזוי ניכטער און פראקטיש, אז זי וואלט זיך געפאסט פאר א קוואקער (אמעריקאנער רעליגיעזע סעקטע).

מען באגעגענט אבער אויך אן אנדער טיפ, דעם העלענישען טיפ, נאכ׳ן זעלביגען היינע׳ס טערמינאלאגיע. דאס איז א טיפ, וואס האפט, אז מיט׳ן סאציאליזם וועט אנקומען דער גרויסער

שטראָם פון לעבענס־פרייד, וואָס איז גרייט איינצופיהרען מיט אַלע פיווטשעווקעס דאָס לוסטיגע לעבען פון די אמאָליגע גריי־כען. זעהר אָפט זיינען אָט די סאָציאַליסטען געניינט צו זאָגען, אַז דער סאָציאַליזם דאַרף מעהר ניט האָבען ווי 3 טעג כּדי צו צושטערען דעם אַלטען טעמפּעל און אַ נייעם אויפבויען אויף זיין פּלאַץ.

מען קאָן ניט נענוג פּראָטעסטירען געגען אָט די איבער־טרייבונגען. די ערשטע פון זיי שטאַמען פונ׳ם באַגרענעצטען באַוואוסטזיין פון די צוריקשטעהענדע פּראָלעטאַרישע עלעמענטען. אָט די איבערטרייבונגען שמייכלען זיי. די אנדערע — זיינען ניט מעהר ווי אַ מין ראָמאַנטישער אויפשוואונג און זעלבסטפּאַר־טרויען פון אַ געוויסען פּאַרטשריטליכען פּראָלעטאַרישען עלעמענט. אָט דער עלעמענט שוימט מיט ענערגיע און מוטה, אָבער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון דער ירושה פון אמאָליגע דורות. און אין אָט דער ירושה באַהעפטען זיך אויף אַ וואונדערבאַרען אופן דאָס שעהנע און מיאוסע.

אונזער ענטפער אויף די אַלע מיספערשטענדניסען איז קורץ און שאַרף. דער פּראָלעטאַריאַט איז לויט זיין עצם אַ קולטור־קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט גופא, זיין אָרגאַניזאַציע, זיין פּראָג־ראַם, זיין צוקונפט, דאָס אַלעס — איז אַ רעזולטאַט פון אַ הויכ־ענטוויקעלטען ווירטשאַפטליכען מעכאַניזם, אויפגעבויט פונ׳ם קאַ־פּיטאַליזם. דעם פּראָלעטאַריאַט האַלט מען אָפּ אויף אַ קינסט־ליכען אופן פון דער וויסענשאַפט און קונסט; אָבער דער פּראָ־לעטאַריאַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מעהרהייט פון דער שטאָדטישער באַפעלקערונג, שטרעבט איבעראַל אָהן אָן אָבהאַלט צום וויסען און צו שעהנהייט.

אקוראַט ווי די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז אַ פּועל־יוצא פון דער קאַפּיטאַליסטישער, נאָר פונדעסטוועגען מאָדיפי־צירט זי איהר און פאַרבעסערט איהר, אזוי איז די גאַנצע סאָ־ציאַליסטישע קולטור אַ נייער ערשט־צובליהטער, שעהנער צווייג פון דעם גרויסען בוים, פון דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור.

די קולטור פון דעם נייעם קלאַס איז אַ מין „תחית המתים“,

אן אָרגאַנישע אומגעשטאַלטונג פון דער איינהייטליכער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור.

דער פּראָלעטאַריאַט מוז אין זיך אַריינציהען אַלע זאַפטען פון׳ם באָדען, וואָס איז דורות־לאַנג באַאַרבייט געוואָרען פאַר איהם, אַלעם געדולדיג אָפּהיטען ווי מען היט אָפּ אַ ליעבענדען זוהן. עס איז אָבער שווער צו גלויבען, אַז דער יורש זאָל זיך נוהג זיין מיט אָט דער ירושה זיינער ווי זיינע עלטערן. זיין באַוואוסטזיין איז באַלויכטען מיט אַ גאַנץ נייער ליכט; זיין הארץ קלאַפּט לכתחילה אַנדערש. ער קאָן שוין ניט זיין געבונדען צו די אַלטע אָרדנונגס־פאָרמען. זיין אויפטוה וועט זיין אַ נייער, אַ גרעסער, אַ שעהנער.

* *

*

ווען מען רעדט פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור פאַרבייט מען זי אָפט מיט דער סאָציאַליסטישער קולטור. דערפון קומט אַרויס אַ פּלאָנטער אין די באַגריפען. די סאָציאַליסטישע קולטור אין די קומענדע — די פּראָלעטאַרישע קולטור איז די, וואָס ווערט שוין איצטער געשאַפען, אינ׳ם קאַמף, און טאַקע אינ׳ם שוים פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דער גרויסער טעאָלאָג טאָמאַס פון אַקווינאַ האָט אָנגעוואָר־פען אַ בילד, וואָס האָט געצייגט אַ די עהנליכקייט, אַ דעם חלום צווישען דער טריאומפירענדער קירכע, די קדושים, און דער קעמ־פענדער קירכע, די מאַרטירער און גלויבענס־לעהרער.

די ערשטע — די טריאומפירענדע קירכע — איז באַשטראַלט פון׳ם טריאומפירענדען ליכט פון זיעג, פון פרידען, איז שטענדיג נהנה מזיו השכינה. די קעמפענדע קירכע ווידער איז אינגאַנצען אינ׳ם צוואַנג פון׳ם שיקזאַל, אונטער שווערע קלעפּ פון איינציגע נידערלאַגעס, פול מיט קנאות פאַר דער אמונה. איהר וועג איז ול מיט צרות און דאגות. דאָרט איז דאָס „קעניגרייך פון גאָט" דערגרייכט, דאָ זוכט מען זי ערשט. דאָרט איז אַלעס שוין פאַר־ווירקליכט, דאָ קוקט מען דארויף ערשט אַרויס. דאָרט איז די ווירקליכקייט, דאָ נאָר דער גלויבען און די האָפנונג.

אָט אַזאַ איינטיילונג פּאַסט זיך גראַד צו, ניט נאָר צו דער דער קירכע אַליין. מען קען זי אָנווענדען צו יעדער באַוועגונג וואָס קעמפט פאַר אַ אידעאַל. אינ'ם סאָציאַליזם זעהען מיר גאַנץ קלאָר די בלום, וואָס וועט זיך שפּעטער צועפּענען און אויך דאָס שטענגעל וואָס שפּאַרט אָב די בלום אַלץ העכער. די סאָציאַליס־טישע קולטור פון דער צוקונפט איז די אַלגעמיין־מענשליכע קול־טור און שטעהט איבער אַלע קלאַסען. דאָס איז אַ האַרמאָנישע און, לויט איהר עצם, אַ קלאַסישע קולטור. דער אינהאַלט איהרער און די פאָרם פּאַסען זיך איין איינע אין דער אַנדערער.

די קולטור פונ'ם קעמפּענדען פּראָלעטאַריאַט איז אַ שאַרפע, אָפּגעזונדערטע קלאַסען־קולטור. זי איז דער רעזולטאַט פון קאַמף און, לויט איהר עצם, אַ ראָמאַנטישע קולטור. דער אינהאַלט האָט אַ סך אַריבערגעיאָגט איהר פאָרם, ווייל עס איז, פּשוט, אַן עבירה די צייט צו זוכען באַשטימטע פאָרמען פאַר אָט דעם שטורמישען און טראַגישען אינהאַלט.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז ווייל די קולטורען זיינען זיך סותר איינע די אַנדערע, זיינען זיי פרעמד צווישען זיך. אדרבא, זיי זיינען זעהר גרויסע מחותנים.

מען קעמפט דאָך פאַר'ן אידעאַל פון אַ ברידערליכער קולטור, פאַר פאָלשטענדיגער פרייהייט. דער אידעאַל איז דאָך צו באַ־זיעגען דעם אינדיווידואַליזם, וואָס מזיק'ט דעם מענשען, און איינפיהרען דעם קאָלעקטיווען מאַסען־לעבען ניט דורך צוואַנג נאָר דורך אַן אָרגאַנישער פרייער צוזאַמענשמעלצונג, אָדער בעסער גע־זאָגט, דורך אַן איבעראָרגאַנישער צוזאַמענשמעלצונג פון איינציגע אין איבער־פּערזענליכע איינהייטען. ניט נאָר דער אידעאַל שאַפט אינ'ם ברען פונ'ם קאַמף באַשטימטע פאָרמען פון טהעטיגקייט. פיעל מעהר פאָרמען וואַקסען ארויס פון דער באַזונדערער לאַגע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און זיי טאַקע מאַכען דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר'ן אָרגאַניזירטעסטען און איינ־הייטליכסטען קלאַס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט.

דער אידעאַל וואַקסט ניט אויף אַ באָדען, וואָס איז איהם לחלוטין פרעמד, ער וואַקסט ניט אָהן זריעה.

די מעטאָדען און וואפען, וואָס מען באַנוצט אינ׳ם קאַמף פאר׳ן אידעאַל, טאָרען איהם ניט סותר זיין.

מיר האָבען אָבער ניט קיין רעכט צו פארלאנגען פונ׳ם קעמפענדען פראָלעטאַריאט די שעהנע פרוכט, די פאָלקאָמענהייט אין פאָרמען, וואָס וועלען זיך ארויסווייזען אין דער צוקונפט. דאָך זיינען דאָ גענוג אורזאכען צו דענקען, אז די פראָלעטארישע קולטור דוקא אלס קעמפענדע, ליידענדע און שטרעבענדע, באזיצט פיעל מעלות, וואָס געהערען לויט זייער עצם צו דער קולטור פונ׳ם טריאומפירענדען פראָלעטאריאט.

אָבער, פאר אלעמען, האָט דען אָט דער קעמפענדער פראָלעטאַריאַט אַ קולטור?

נעווים האָט ער אַ קולטור. ראשית פארמאָגט ער אינ׳ם מארקסיזם כמעט דאָס וויכטיגסטע — אַ שעהנע און מעכטיגע אונטערזוכונגס־מעטאָדע פון סאָציאלע ערשיינונגען, דעם פונדאַמענט פון סאָציאָלאָגיע און פאָליטישער עקאָנאָמיע, דעם עמוד התוך פון אַן איינהייטליכער פילאָזאָפישער וועלט־אנשויאונג. אין זין באזיצט דער פראָלעטאריאט שוין איצטער אויפ׳ן גייסטיגען געביעט אזא רייכטום וואָס קאָן זיך פארגלייכען מיט די גלענצענדסטע אוצרות פונ׳ם מענשליכען פארשטאַנד.

אחוץ דעם האָט דער פראָלעטאריאט אין אַ סך לענדער אַן אומגעהויער גרויסען אָרגאַניזאַציאָנס־כח אויפ׳ן פאָליטישען פעלד. עס איז אמת, דער טויט האַלט נאָך אַלץ דעם לעבעדיגען אין זיינע אָרעמס. דער בירגערליכער פארלאמענטאַריזם, דער בירגערליכער נאציאָנאַליזם פליסט אין די אָדערן פונ׳ם יונגען פאָליטישען אָרגאַניזם פון די פראָלעטארישע פארטייען, אפלו פונ׳ם אינטערנאציאָנאַל גופא. אָבער ווי שארף עס איז דער היינטיגער קריזיס, ווי שרעקליך עס איז די קרענק, געגען וועלכער מיר די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען נאָך ביים סאַמע אָנפאַנג געוואָרענט, ווי נאָהענט עס איז שוין געוועזען דער געראַנק, אז דאָס איז אַ מסוכנ׳ע און טויטליכע קרענק, קאָן מען שוין איצט זאָגען, אז מען איז זי, ב״ה, איבערגעקומען, אז מען האָט זי מנצח געוועזען און אפילו אויסגענוצט. די פאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פונ׳ם פראָלעטאַריאַט זיינען ארויסגעקומען פון אָט די אלע שרעקליכע

גסיונות שטאַרק און וועלן נאָך ווערן איינפלוסרייכער ווי פריי־
הער. אויפ'ן ווירטשאַפטליכען געביעט זיינען די אַרבייטער אוועק
נאָך ווייטער.

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט צייגט אָן
דער געווערקשאַפטס־באַוועגונג די סאָציאַליסטישע ציעלען. אין
דער באַריהמטער רעזאָלוציע, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען
שטעלט ער די באַוועגונג אויף איין שטופע מיט די פּאָליטישע סאָ־
ציאַליסטישע פּאַרטייען.

דער קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען טוט כמעט דאָס זעלביגע מיט
דער גענאָסענשאַפטליכער באַוועגונג און מען האָט געקאָנט האָפען,
אַז דער קאָנגרעס אין וויען וועט אונטערשטרייכען די אומגעהויערע
וויכטיגקייט פון דער 4טער פּראָלעטאַרישער קולטור־פאָרם.

עס וואַקסען אויס פּראָלעטאַרישע גימנאַזיעס ביי פיעלע סאָ־
ציאַליסטישע פּאַרטייען. עס געהט איבער אַ גאַנצע רייע פון
זונטאַג־פאָלקס־גימנאַזיעס אין די הענד פון סאָציאַליסטישע אָר־
גאַניזאַציעס. עס וואַקסט אַלץ גרעסער די צאָהל פון פאַרשיידענע
אַרבייטער קלובען, מיט וויסענשאַפטליכע און עסטעטישע אַבזיכ־
טען. די יוגענד־און־קינדער־באַוועגונג רוקט אַרויס אַלץ שאַרפער די
פראַגען וועגען עלעמענטאַרע שולען. עס בעטען זיך ענדערונגען אין
דער פּראָלעטאַרישער פאַמיליע און אין דער פּראָלעטאַרישער קיך כדי
צו באַפרייען פון דאַרטען די פרוי. און וועגען פּראָלעטאַרישע קינ־
דער־הייזער — מכח דער פראַגע האָט מען נאָך ביז איצט, ליידער,
גאָר נישט געטאָן. דאָס זיינען, אין אַלגעמיינע שטריכען, די
פראַגען, אויף וועלכע דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט האָט
שוין אָנגעפאַנגען צו ענטפערען אי טעאָרעטיש אי פּראַקטיש. פאַר
דער מלחמה האָבען ווייניג סאָציאַליסטען געוואוסט פונ'ם אמת,
וואָס ספּענסער האָט אַזוי קרעפטיג אַרויסגעפיהרט: „אפילו די
בעסטע גייסטיגע בילדונג האָט אַ קנאַפּע ווירקונג אויפ'ן מענשענ'ס
ווילען, די הויפּט זאַך איז דערביי אַז די אָרגאַניזאַציע פונ'ם גע־
הילפס־לעבען". די עטישע און עסטעטישע ערציהונג פונ'ם יונגען
פּראָלעטאַרישען דור אינ'ם גייסט פונ'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל
איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט. ראָזאַ לוקסעמבורג איז זעהר
נערעכט בעת זי זאָגט, אַז מיר וועלען זיך אפילו פון אָרט ניט

ריהרען, אויב מיר וועלען ניט קלאָר פארשטעהן די אויפגאבען פון פראָלעטארישער זעלבסט־ערציהונג.

אויף דעם געביעט פון אויפקלערונג און אויף דעם שעפערישען געביעט, וואָס מוז באזונדערס העל זיך ארויסווייזען, איז נאָך פארהעלטניסמעסיג ווייניג אויפגעטאָן געוואָרען. די שטרעבונג דערצו איז שוין אָבער געווען און, נאָך פאר דער מלחמה, האָט מען שוין אָנגעפאנגען צו ארבייטען אין דער ריכטונג. די מלחמה האָט אזוי קלאָר און דייטליך אָנגעוויזען דעם פראָלעטאריאט אויף אָט דעם מאנגעל אין זיין קולטור, אז מיר קאָנען זיכער ערווארטען אין דער נאָהענטער צוקונפט אן אומגעהויערען אויפשוואונג אין דער ריכטונג. אפילו דער גרויסער חורבן, דער רעזולטאט פון דער מלחמה, וועט ניט זיין בכח אפצוהאלטען דעם פראָלעטאריאט אין אָט די שטרעבונגען.

די מלחמה און די אלגעמיינע אויפרודערונג האָבען רוסלאנד אוועקגעשטעלט אין א טראגישער לאגע. מיר אלע זיינען דורכ'ן גרויסען אומגליק אין א זעהר געדריקטער שטימונג. אלע פלאג פון דער וועלט הענגען איבער אונזערע קעפ. היינט רעדט מען פון א ברויט־מאנגעל, מאָרגען — פון ארבייטסלאָזיגקייט, שפעטער פון דער אָפענסיווע א. ז. וו. מען דארף פשוט זיין א משוגענער אויף די אלע סכנות די אויגען צו פארמאכען. פונדעסטוועגען איילט זיך אונטער דער ערוואכטער פראָלעטאריאט צו געניסען די גייסטיגע פרוכט. די גרויסע סכנה האלט איהם גאָר ניט אָפ. אין דעם צייגט זיך ארויס די שטרעבונג, ניט צו כאפען א נאש כל־זמן מען לעבט, נאָר טאקע צו שטילען זיין אומגעהויער גרויסען גייסטיגען הונגער, און טאקע אָפט דער קלאָרער באוואוסטזיין, אז אין דעם וויסען גופא שטעקט א גוואלדיגער כח.

די קונסט אָרגאניזירט פריהער פון אלעם די שטימונגען פונ'ם יחיד, פון גרופען, קלאסען, גאנצע נאציאָנען א. ז. וו. די פראָלעטא־רישע קונסט איז דער אויסדרוק פון דעם אָרגאניזאציאָנס־פראָצעס פון זיין געמיט.

דארף די פראָלעטארישע קונסט זיין טענדענציעז?

וואָס הייסט דען טענדענציעז? געדיינקט איהר נאָך אנטאָן טשעכאָוו'ס בריעף? ער שניידט זיך דאָרט פשוט מיט מעסערס

און פּלאָגט זיך אַליין אָהן אַן אויפהער, דערפאר ווייל עס פעהלט א גאַט אין די ווערק פון די היינטיגע קינסטלער, וואָס שטעהען כלומר׳שט איבער די קלאַסען. עס איז אָבער אונמעגליך, אז ביי די קינסטלער, וואָס שטאַמען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט אָדער וואָס זייגען דורכגעדרונגען מיט זיין גייסט, זאָל פעהלען א גאָט. דער לעבענס-קאַמף, דער צאָרן און די סאַטירע געגען די אונטערדריקער, די הייסע עקשנות׳דיגע האָפנונג אויף דער צוקונפט, די ברידער־ליכקייט און סאָלידאַריטעט פון מיט־אַרבייטער אויף איין־און־דעמזעלבען ווערק, דער באַוואוסטזיין אז דאָס ווערק איז ערהאַבען, האָט אַן אַלגעמיין־מענשליכע באַדייטונג, דאָס אידעאַלע שאַפען, דאָס עטהישע שאַפען — דאָס אַלעס שטראָמט שטורמיש אריין אין די נשמות פון אַט די אַלע קינסטלער און פילט אָן זייערע ווערק מיט א גייסטיגען אינהאַלט. אָהן אידעען קען שוין אזא קונסט ניט זיין. צוליעב וואָס דאַרף זי דען זוכען א טענדענץ? א טענדענץ איז א קינסטליך אויפגעבלאָזען ווערק — קאַלט און פרעמד, אויסגעזמאַקעט פונ׳ם פינגער.

אזא טענדענץ האָט ניט קיין פּלאַץ אין קיין קונסט, און די פּראָלעטאַרישע קונסט אונטערשיידעט זיך ניט אין דעם פון קיין אַנדער קונסט. אין די יאָהרען 1905—1906 האָט מען אין רוס־לאַנד באַמערקט ערנסטע שטרעמונגען אין אַט דער ריכטונג צווישען דעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבען שוין דעמאָלט פיעל ערוואַרטעט פון אַט דער באַוועגונג. וועט איהר דאָך מן הסתם זאָגען, אז די ערוואַרטונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען. איך וועל אָבער דאַרויף ענטפערען, אז די געשיכטע האָט דעמאָלט, אָהן רחמנות, איבערגעריסען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער פרייער קולטור־אַרבייט אין רוסלאַנד. ערשט די פעברואַר־טעג פון 1917 האָבען אויפ׳ס ניי צונויפגעקניפט אַט די פאָדים, און די געזעל־שאַפטליכע כוחות שפּינען אַט דעם גאָלדענעם שנור ווייטער. מיר וועלען זיי העלפען! מיר וועלען ווייטער פאָרזעצען די ארבייט, דאָס געוועב, וואָס די ריאַקציע האָט מיט מעסערס צושניטען. לאָמיר טיע־פער באַגרייפען, וועלכע ווירקליכע אויפגאַבען מיר קענען ערפילען — אויף דעם געביט פון די קולטור אויפגאַבען פונ׳ם אַרבייטער קלאַס. לאָמיר דאָס אַלע טאָן, פּראָלעטאַריער און פריינד פונ׳ם פּראָלעטאַ־

ריאט. מיר זיינען פארפליכטעט דאס צו טאן צוליעב רוסלאנד, צוליעב דעם סאציאליזם, צוליעב דער גאנצער מענשהייט.

עס איז אונמעגליך אין דעם עסעי אלעס ארומרעדען באריכות. עס איז אבער דאך נויטיג באריהרען נאך איין זייט פון דער פראגע, נעמליך: ווער זיינען דאס די פראלעטארישע קולטורשאפער? ספעציעל, ווער שאפט איהרע פיינערע פארמען, וואס זיינען אם־ווייטסטען פונ'ם טעגליכען קאמף?

נאטירליך, פאר אלעמען דער פראלעטאריאט גופא.

מיר שרעקען זיך ניט אפ פאר'ן מאנגעל אין צייט אדער אין אנדערע מיטלען, פאר דער אונגעניגענדער פארבערייטונג, וואס בארויבען אונז פון דער מעגליכקייט ארויסצוקומען פון דער פינ־סטערניש און ארויסהייבען דעם קאפ אין דער פרייער אטמאספערע פון שאפען.

ווייל נאך אלעמען מוז מען דאך געדיינקען, אז אחוץ צייט און מיטלען דארף מען נאך האבען טאלאנט אויך, כדי צו ווערען א קינסטלער. עס איז ניטא קיין גרונד צוצולאזען דעם געדאנק, אז דער פראלעטאריאט דארף האבען א קלענערען פראצענט טא־לאנטען ווי אנדערע קלאסען. געוויס קען א גוטער טאלאנט, וואס איז געבארען געווארען ערגעץ אין א פויערים פאמיליע פון א פאר־ווארפען דערפעל אדער גאר ערגעץ אין אן אינדוסטריעלען צענטער נאר ביי ארעמע עלטערן, ניכער צוגרונד געהן איידער א פארהעלט־ניסמעסיג קלענערער טאלאנט, וואס לעבט אונטער בעסערע באדינגונגען. בלייבט אזא טאלאנט אבער ביים לעבען, ווערט ער אנגעשטאהלט, נאכדעם ווי ער געהט דורך דורכ'ן פייער פון יסורים, ער ווערט געלייטערט און באקומט א מין בראנפענדיגע שטארקייט און א טיעפערע בארמהערציגקייט, ווי די גרעסטע פיאנערען פונ'ם פאלק, ווי, למשל, אונזערע צייט גענאסען מאקסים גארקי און מאר־טין אנדערסאן נעקסא.

אחוץ דעם, דער וואקסענדער איינפלוס פונ'ם פראלעטאריאט לעגט אויס נייע וועגען פאר זייערע באגאבטע פערטרעטער. אויב היינט נאך קלינגען די ווערטער, אז דער טאלאנט קען זיך ארויס־שלאגען אויפ'ן וועג, ווי א חוזק, קען מען אבער באין אופן ניט לייי־קענען, אז א דאנק דעם ברייטען עפענטליכען לעבען פונ'ם אר־

בייטער קלאַס, אַ דאַנק זיינע אָרגאַניזאַציעס, פּרעסע און קולטורעלע בילדונגס־פאַראיינען, קען אַ באַגאַבטער אַרבייטער זיך לאָזען הערען, קען געפינען גענוג שטיצע זיך צו ענטוויקלען.

דאָ שטויסען מיר זיך אָבער אָן אויף אַן אַנדער „ורימיניה“. מען זאָגט אונז, אַז וויבאַלד דער אַרבייטער האָט זיך, דורך זיינע פעהיגקייטען און טאַלאַנט, אויפגעהויבען און געוואָרען אַ פאַכמאַן, איז ער שוין אָפּגעריסען פון זיין קלאַס. מען קען איהם שוין מעהר ניט באַטראַכטען פאַר אַן אַרבייטער. ער איז אין גרונד גענומען אַן אינטעליגענט פון אַרבייטער־יחוס.

דער אָנוועגד האָט אָבער קיין האַפט ניט. געוויס, ווען אַ באַגאַבטער אַרבייטער פאַרגעסט די אידעע פון זיין קלאַס און, אין זיין יאָגעניש נאָך עולם־הזה, פאַרקויפט ער זיך צו הערשער — ווערט ער אויסגעשטראָכען פון דער אַרבייטער אַרמיי. ווען אָבער זיין הארץ קלאַפּט אין אַנקלאַנג מיט'ן הארץ פון זיין קלאַס, מאַכט דער איבערגאַנג פון דער מאַשין צום שרייב־טיש, אַ קנאַפּען חלוק, ער דערהוייטערט זיך ניט דערמיט אַליין פון זיין קלאַס. דער שטאַב פון אַן אַרמיי שטעהט זעלטען אין קאַמף מאַן געגען מאַן, פונדעסטוועגען איז ער דער וויכטיגסטער אָרגאַן פון דער אַרמיי. דער אַרבייטער קלאַס נויטיגט זיך, זעלבסטפאַרשטענדליך אין פאַכלייטע, אין קולטורעלע אַרבייטער, ער מוז האָבען זיין שטאַב — אָבער דאָס וועט ניט ברייגגען צו קיין סתירה צווישען זיינע אינטעליגענטען און זיינע איינפאַכע מיטגלידער.

אמת, אין דער געווערקשאַפטס־באַוועגונג און אין דער גענאָסענשאַפטליכער באַוועגונג זיינען פיעל פון די פיהרער אַראָפּ פונ'ם דרך הישר. מען האָט אויף זיי געטייטעלט מיט די פינגער. מען פלעגט זיי רופען אַרבייטער־אַריסטאָקראַטען, אָפּיצערען. אָבער דאָ האָבען געווירקט באַזונדערע אומשטאַנדען, וואָס האָבען די שוואַכערע פון די פיהרער געשפּאַרט צום אָפּאָרטוניזם. די ערשיינונג זעהט מען שוין וויניגער אויפ'ן געביט פונ'ם פּאָליטישען קאַמף אָדער צווישען יענע סינדיקאַטען, וואָס זיינען רעוואָלוציאָנער, און כמעט גאָר ניט אויפ'ן געביט פון קולטורעלער בילדונגס־אַרבייט. דאָ געהען זיי אויף אמת פּראָלעטאַרישע וועגען. אַלענפאַלס דיענט דער וואָוילזיין ביי אַ טאַלאַנט אַלס געגען־מיטעל צו אָפּשוואַכען די

קליין־בורזשואזע צוציהונגס־קראפט. דער טאלאנט וועט ניט פארגעסען זיינען ערשטע איינדריקע פון דער קינדהייט און וועט זיי ניט מוחל זיין, דער טאלאנט וועט ניט פארשווייגען דאס קרעכצען און זיפצען פון זיינע ברידער, ער וועט ניט פארלעשען דאס פייער פונ׳ם קינסטלערישען קלאסענבאוואוסטזיין.

נאך מעהר, דער טאלאנט קאוועט צו די אינטעליגענץ פון אנדערע קלאסען צום פראלעטאריאט.

א גאנצע רייהע פון גרעסערע און מיטעלערע שריפטשטעלער און קינסטלער וואס שטאמען, לויט זייער יחוס און בילדונג, פון דער גרויס־בורזשואזייע אדער פונ׳ם קליינבירגערטום, האבען אינגאנצען אפגעבראכען מיט זייערע קלאסען־קרובים, האבען געליטען עניום קשים פאר אזא שריט, און שטעהן איצטער מיט׳ן פראלעטאריאט.

וואס ווייטער אלץ אפטער שטויסט מען זיך אן אויף אזעלכע פעלע, און מען קען זאגען, אז אין דער לעצטער צייט איז שוין ניטא קיין איין ווייטגעבילדעטער טאלאנט וואס זאל זיין פרעמד דער סאציאליסטישער באוועגונג און דעם פראלעטאריאט.

געווים דער אינדיווידואליזם פון דער אינטעליגענץ און אפט אויך דאס אונגעבילדעטקייט אין א סך קרייזען פונ׳ם פראלעטאריאט און אנדערע אורזאכען, פאר וועלכע איך האב דא ניט קיין פלאץ, לאזען ניט צו קיין פארשטענדניש צווישען דעם בעסטען טהייל פון דער אינטעליגענץ — יענע וואס זיינען טאקע ערנסט און ווילען דיענען דער מענשהייט — און דעם פראלעטאריאט. אבער אט די פארשטענדניש מוז קומען. שוין איצטער ווערט דער באנד צווישען זיי אלץ שטארקער און פעסטער. און וועט שוין אן אויפריכטיגער טאלאנט קומען צום פראלעטאריאט וועט ער זיכער דורכגעדרונגען ווערען מיט זיין גייסט און וועט וויסען ווי ארום ארויסצוהעלפען דעם ארבייטער־קלאס ביי זיין נייעם בנין.

די אונטערשטע קלאסען קריגען אריין אין דער צייט פון זייער רעוואלוציאנערען אויפשוואונג אלץ מעהר איבערלויפער פון אנדערע קלאסען. אויך אויף דעם געביט פון קונסט וועט דער פראלעטאריאט סוף כל סוף געפינען זיין מארקס.

צו אַלע לעהרער

די ווענדונג „צו אַלע לעהרער“ איז געשריבען פון א. וו. לונאַטשאַרסקי'ן גלייך נאָך דעם אָקטאָבער (נאָוועמבער נאָך'ן אויסלענדישן קאַלענדאַר) רעוואָלוציע. די לעהרער זיינען געווען אין אַ באָיקאָט־שטרייק געגען דער רעוואָלוציאָנערער רעגיערונג פון דעם אַרבייטער קלאַס. זיי האָבען ניט אנערקענט די מאַכט פון די סאָוועטען. לונאַטשאַרסקי'ס ווענדונג האָט געהאַט די נויטיגע ווירקונג. די לעהרער האָבען דערפיהלט דעם אמת פון זיין רוף, און זיי האָבען זיך געשטעלט אין דיענסט פון דעם פּראָלעטאַרישען רעזשים.

צו אַלע לעהרער

חברים!

אינ'ם משך פון צעהנדליגע יאָהרען האָט די רוסישע אינטעלי־גענציע געדינט דאָס פאָלק און גרויסגעהאַלטען זיך מיט דיזער דינסט.

פאַר באַזונדערס וויכטיג האָט די אינטעליגענציע גערעכענט די ארבייט פון בילדונג, פון אויפוועקען דעם באַוואוסטזיין פון די פאָלקס־מאַסען.

די בעסערע פאַרשטעהער פון דער אינטעליגענציע האָבען דער־ביי ניט געקוקט אויף זיך, אַלס אויף אויסערוועהלטע, געלעהרטע און טרעגער פון אַ העכערער קולטור, וועמענס באַרוף איז צו פריי־דיגען אַ נייעם עוואַנגעליום צו די „באַרבאַרען".

פאַרקעהרט, זיי האָבען ערוואַרטעט פון די ערוואַכטע מאַסען נייע שאַפענדע כחות, די פולסטע זעלבסטשטענדיגקייט, די גרינ־דונג פון אַ נייער געזעלשאַפטליכער, מאָראַלער און קינסטלערי־שער וועלט.

ניט קליין איז געווען די ווירקונג פון דער אינטעליגענציע אויף די ערוואַכונג פון פאָלק, אויפ'ן פראָצעס, דורך וועלכען דער אינ־סטינקטיווער דורשט נאָך גערעכטיגקייט פאַר די אונטערדריקטע האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין רעוואָלוציאָנערען באַוואוסטזיין, אין אַ פלאַמענדע סאָציאַלע אַקטיוויטעט.

אין פעברואַר 1917, האָט דאָס פאָלק געצוואונגען דורך דער נויט, אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם צופוילטען טראָן, און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער האַלב־פאַרשלאָפענער גיגאַנט, ניט וויסענדיג, וואָס צו טאָן ווייטער.

זיין גורל, זיין זיעג האָט דאָס פאָלק אָנפערטרויט די, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען גרויסע פאַרדינסטען אַלס קעמפער פון דער רעוואָלוציע, דעם בלאָק פון די גרעסטע נעמען אין דער רעוואָלוציאָ־נערער וועלט.

אָבער צווישען אַט די פאַרשטעהער פון דער אינטעליגענציע

זיינען געווען פאַרשפּרייט צוויי אידעען: די נויטווענדיגקייט פאַרט־צוזעצען די מלחמה מיט׳ן אויסוועניגסטען שונא און די נויטווענ־דיגקייט אָנהאַלטען דעם סאָציאַלען פרידען מיט דער אייגענער בורזשואַזיע.

אָט דיביידע אידעען זיינען געווען טיעף ניט־פאָלקסטימליך. אָבער די אינטעליגענציע האָט איינגעשטילט דאָס פאָלק, ניט נע־מענדיג אין אכט די דערווייליגע נאָך שוואכע ווארנונגען פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין דאַן אונטערגעכאַפּט דעם זין פון די געשעהעניש־ען, זייער ווייטערדיגע ענטוויקלונג, די פאַרבאָרגענע ער־ווארטונגען פון דער פאָלק נשמה.

די אינטעליגענציע, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַלס א פּאַרטיי־רוגנגס פּאַרטיי, איז אַוועק, צוזאַמען מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערער בורזשואַזיע, אויף א וועג, וועלכער האָט געבראַכט רוסלאַנד אויפ׳ן ברעג פון אָפּגרונט. די מאַסען האָבען געמאַכט א קאָנוואול־סיווע אָנשטרענגונג צו ראַטעווען זיך, צו ראַטעווען רוסלאַנד און צו ראַטעווען די רעוואָלוציע.

אָבער ניט דער באַוואוסטזיין פון געפאַהר, וועלכע די נייע לאַגע האָט באַשאַפען — ניט דאָס אַליין האָט געשטויסען די מאַסען צו דער דריטער רעוואָלוציע, צום אויפשטאַנד פון 25טען אָקטאָבער, וועלכער האָט אַרונטערגעוואָרפען די קאָאַליציע־מאַכט. אויך דער שטאַרקער דורשט נאָך סאָציאַלע גערעכטיגקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין שטרעבונג צו גרינדליכע סאָציאַלע רעפאָרמען, צום באַלדיגען דורכפיהר פון אייניגע גרונדלאַגען פון א שטופענווייזער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם האָט געפיהרט צום 25טען אָקטאָבער.

דאָס איז דער ערשטער מאָל, ווען די מאַסען אין רוסלאַנד זיי־נען אַרויסגעטראָטען אינגאַנצען זעלבסטשטענדיג, מיט אַן אייגענער פּראָגראַם און מיט׳ן פאַרלאַנג אַריינצונעמען די מאַכט אין זייערע אייגענע הענט.

ווי זשע האָט באַגעגענט די אינטעליגענציע דעם הערָאָישען פּאַרזוך פון פּראָלעטאַריאַט צו באַשאַפען א שטאַרקע פאָלקס־רעגי־רונג, אָרגאַניזירען דאָס לאַנד און ענדיגען די מלחמה?

זי האָט באַגעגענט דיזען פאַרזוך מיט שנאה. ניט נאָר זי זאָגט זיך אָפּ פון העלפען דעם פּראָלעטאַריאַט — זי פּרעהט זיך

נאָך מיט יעדע פארשווערונג געגען איהם. איהר פארדריסט, ווען זי זעהט, ווי דער יונגער גיגאנט צוטרעט מיט זיינע זיעגרייכע פיס דעם קאָפּ פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען שלאַנג. מיט גיפטיגען פרייד באטאָנט די אינטעליגענציע דעם פאקט, אז דער שטאַב פון דעם אַמאָל פארשקלאפטען קלאַס איז שוואַך, אז אויף אַלע געביטען האָט ער אזוי ווענינ אָפיצירען.

מיט אונגעדולד האָט זי ערווארט אומגליקען. צוזאמען מיט מיליוקאָוו'ן האָט זי געגארט א נידערלאגע בעסער איידער די פאַרטזעצונג פון דער גרויסער פאָלקס רעוואָלוציע. צוזאמען מיט ריאבושינסקי'ן האָט זי אומגעדולדיג געגארט די ביינערדיגע האנט פון הונגער, וועלכע האָט שוין ארומגעכאפט דאָס פאָלקס האלז.

זי, די אַמאָל אזוי שטאָלצע אויף איהרע פרינציפען, די פאָלקסליעבענדע, סאָציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע, האָט זיך אומבאוואוסטזיניג געווענדעט צו דער פארשלומפערטער טעאָריע, מיט וועלכער עס האָט זיך אַמאָל געהאט באנוצט די זעלבסטהערשונג געגען אָט דערזעלבער אינטעליגענציע מיט איהרע פאָדערונגען. זי זאָגט, אז די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט איבערגעגעבען אין די הענט פון די סאָוועטען א האלב רוסלאנד אָדער מעהר, איז ניט קיין פאָלקס רעוואָלוציע — דאָס איז די ארבייט פון די גרויזאמע באָלשעוויקעס.

אַלץ ווערט פארענטפערט, ווי אין די אַמאָליגע צייטען: פארפיהרער, טומעל־מאַכער, דעמאגאָגען.

נאָר די באָלשעוויקעס אליין זיינען געבליבען מיט'ן פראָלעטאריאט. אויף זיי איז געלעגען די אומגעהויערע אויפגאבע אויסצופילען די גאנצע אינטעליגענציע אין דער נייער פאָלקסרעגירונג. טעות'ען געמאכט? — געוויס. אָבער אויב עס ווערען באגאנגען פעהלערען, אויב די לאגע אין לאנד ווערט וואָס ווייטער אַלץ ערגער, טאָ ווארום זאָלט איהר, אינטעליגענטען, ניט פארריכטען די פעהלערען, ניט העלפען דאָס לאנד?

איהר זייט ניט איינשטימיג מיט דער פאָליטיק פון פראָלעטאריאט? זעהר גוט. קריטיקירט. עס איז דאָך ניט אמת, אז מען האָט פון אייך אוועקגערויבט די פרייהייט פון פראָפּאגאנדא: די סאָציאליסטישע צייטונגען, וועלכע זיינען פאר וועהרען זיך,

רופֿען אָפּען צום קאַמף מיט געוועהר אין האַנט געגען דאָס פֿאָלק פֿאַרשטעהערשאַפט, און דאָך געהען זיי אַרוים, קיינער האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט.

קיין שוואַרץ־מאה'דיגע צייטונג האָט קיינמאָל ניט געשריבען אין אַזאַ ווילדען טאָן, ווי דאָס טוען די צייטונגען פֿון די רעכטע סאָציאַליסטען, און ריידען וועגען דער אונמעגליכקייט פֿון אַ מעסי־גער און זאַכליכער קריטיק קאָן נאָר אַ באַוואוסטזיניג געווויסענלאָ־זער מענש.

נאָר זאָל שוין זיין, אַז אויפ'ן פּאָליטישען געביט קען די אינ־טעליגענציע גאָרנישט געבען דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין רעגירונג, אויסער קאַמף און פֿאַראורטיילונג. פֿאַרוואָס אָבער באָיקאָטירען זיי אויך דעם פֿינאַנציעלען און נאַהרונגס סיסטעם פֿון לאַנד?

אבי נאָר אַראָפּרייסען די באָלשעוויקעס. זאָל אונטערגעהן די גאַנצע וועלט, אבי נאָר אונטער זיינע רואינען זאָלען זיין באַגראָ־בען די פֿאַרהאַסטע העמאַגאָגען.

מיר זיינען אָבער געוואוינט איבערצוזעצען אַזוינע אַנטיפּאַ־טיעס אויפ'ן קלאַסען־שפּראַך. די אינטעליגענציע, וועלכע האָט גע־קענט אַרבייטען אויף די נייטראַלע געביטען מיט די הענקער מיט די ראָמאַנאָווס, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַליסטען ענער־גיש געפֿיהרט דאָס לאַנד צום אונטערגאַנג דורך דעם פֿאַרצויגענעם קריעג און בורזשואַזער ספּעקולאַציע, האָט אָבער צוזאַמען מיט'ן פּראָלעטאַריאַט שוין ניט געקענט מיטאַרבייטען!

איז עס מעגליך, אַז בלויז ווען איהר האָט געקוקט אויף זיך אַלס אויף אַפּעקונעס פֿון פֿאָלק, האָט איהר געקענט אָוועקגעבען פֿאַר איהם אייער אַרבייט, אייערע געדאַנקען און אייער לעבען, אָבער אין דער קריטישער צייט פֿון זיין ריזיקאַלישען און געצוואונ־גענעם אויפֿשטאַנד אום דעם ערשטען מאָל אין רוסלאַנד איבערנע־מען די מאַכט, זיינען ביי אייך פֿאַר'ן פּראָלעטאַריאַט געבליבען בלויז בייזהאַפֿטע סאַפּיזמען?

וואָס איז דאָס? איז עס דער אומפֿאַרמיידליכער געגענזאַץ צווישען דער קליין־בורזשואַזיע און די אַרבייטער־מאַסען? זיינען דאָס די וועגען און מיטלען, וועלכע מאַכען די אינטעליגענציע

וואָס האָט זיך ערקלערט סאָציאַליסטיש, פּאַקטיש מעהר גענייגט צו די עקספּלואַטאַטאָרען איידער צו די עקספּלואַטירטע?

יע, דאָס איז עס. אויפ׳ן וועג פון איהר ענטוויקלונג איז די אינטעליגענטע מאַסען קליין־בורזשואַזיש. זי איז דאָך אָבער אויך די טרעגערין פון באַזונדערע געזעלשאַפטליכע פונקציעס, די דינערען און דער אָרגאַן פון געזעלשאַפטליכע אַנערקענונג און געפיהלען. לויט לאַסאַל׳ס אויסדרוק, איז דער פאַרבאַנד צווישען דער וויסענשאַפט און דעם אַרבייטער קלאַס אַ נאַטירליכע זאַך. אַן אמת׳ער קינסטלער דאַרף דאָך זיין מעהר עמפּינדליך צום אמת, צו דער שענקייט פון העראָיזם און פון שטרעבען צו פרייהייט. אַ לעהרער, אַ ריכטיגער לעהרער, אַ לעהרער ווי ער באַדאַרף צו זיין — מוז דאָך זיין פריהער פון אַלע מיט׳ן פאָלק, אין אַלע זיינע איבערלעבונגען, אין אַלע טעות׳ן.

איז טאַקע ניטאָ קיין האָפענונג? וועט איהר טאַקע ניט פאַנאַנדער רייסען דעם טיוועלשען כּסוף? דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּחות, אַראָפּגעוואָרפען די אַלטע אָרדנונג, האָט ווייט פאַרשליידערט די ווילדע בורזשואַזיע, און איצטער ווען ער שטעהט אויפ׳ן ברעג פון אָפּגרונט, ווילען איהם אָנכאַפּען פאַר׳ן האַלז דער פאָלקס־אינטעליגענט, דער מענשעוויסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַלע צוזאַמען אַריינפאַלען אין אַ קבר, וואו עס וועלען זיין באַגראָבען זיי אַלע צוזאַמען און זייערע געמיינשאַפטליכע האָפענונגען?

איהר, לעהרער און לערערינס, ווייזט אַ ביישפּיעל. נידער מיט׳ן באָיקאָט. לאָמיר אַרבייטען, לאָמיר בויען די נייע פאָלקס שול. איך, דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג, וויל קיין זאַך ניט אַרויפצווינגען אויף אייך, איך וויל גאָרניט אַרויפצווינגען אויף דער שול. איך זאָג אָט וואָס: נידער מיט דער ביוראָקראַטיע. זי דאַרף זיין אונטערגעוואָרפען צו אייך. זאָל דער מיניסטעריום יין פון היינט אָן בלויז אַן אויספיהרענדער אָרגאַן. לאָמיר אויסבויען אונזער בילדונגס־פּאַרלאַמענט, אַלס אַ פאַרברייטערטער רעגירונגס־קאָמיטעט פאַר פאָלקס־בילדונג, לאָמיר מיט אַלע כּוחות באַשאַפען אַנשטאַט אַ מיניסטער אַ קאָמיסיע, וועלכע וועט ניט פאַרוואַלטען, וועט ניט אַרויסגעבען קיין פאַראָרדנונגען, נאָר וועט

גרינגער מאכען די ארבייט און וועט העלפען יעדער געזונטער איניציאטיווע. לאמיר פארענדיגען דעם פראצעס פון דעצענטראליזירונג פון דער שול, און איבערגעבען די פארוואלטונג פון שול אין די הענט פון די ארטיגע זעלבסטפארוואלטונגען. פיעל אויפגאבען עס שטעהען פאר! קען מען זיי אלע אויסרעכענען? און זיי אלע דארפען געלעזט ווערען נאר אויף איין וועג — די פעדאגאגען זאלען זיך שטענדיג מישב זיין וועגען אלץ מיט די פארשטעהער פון דער געזעלשאפט און הויפטזעכליך מיט די פארשטעהער פון די ארגאניזירטע ארבייטער מאסען.

איך האב פארעפענטליכט א סארט ערקלערונג וועגען די גרונד פרינציפען פון בילדונג אין רוסלאנד און ניט לאנג צוריק האב איך באקאנט געמאכט דעם באפעהל פון צענטראלען עקזעקוטיוו קאמיטעט וועגען גרינדען א קאמיסיע פאר פאלקס-בילדונג.

מעגליך — און טאקע זיכער — זיי באפרידיגען ניט אלעמען. אבער די ערקלערונג איז נאר מיין פערזענליכע מיינונג, וועלכע איך וויל דורכפיהרען אין לעבען ניט אלס אנפיהרער, נאר אלס מיטארבייטער, און דער באפעהל טראגט נאר א פארבערייטונגס כאראקטער, ווייל מ'מוז דאך באשאפען א וועלכען עס איז אפאראט, מיט וועלכען מ'זאל קענען אנהויבען צו ארבייטען.

פאר מיר מאלט זיך אזא פערספעקטיווע. דער רעגירונגס קאמיטעט וועגען פאלקס בילדונג קלייבט זיך צונויף אויף אן עקסטרא-זיצונג, ער ארבייט אויס דעמאקראטישסטע גרונד-לאגען פאר דער צונויפרופונג פון א בילדונגס-צוזאמענפאהר פון פעדאגאגען און געזעלשאטליכע פארשטעהער, הויפטזעכליך פון די ארגאניזירטע ארבייטענדע מאסען. דארטען אין פריינדליכער צוזאמענארבייטען, דורך א פרייער דיסקוסיע וועלען מיר אויסארבייטען די גרונד-פרינציפען פון דער נייער פאלקס-שול אין רוסלאנד און מיר וועלען עס פארשלאגען דער גרינדונגס-פארזאמלונג פאר דער ענטגילטיגער באשטעטיגונג.

לאמיר באשאפען אויפ'ן געביט פון בילדונג, אויפ'ן הייליגסטען געביט, די אטמאספערע פון מיטארבייטערשאפט. דא זיינען די קלאסען-פארשיידענהייטען ניט אזוי שרעקליך. יעדער ערנסטער און געבילדעטער פעדאגאג דורשט נאך א פאלקאמענער שול,

אַזאַ, וועלכע זאָל פאַרוואַנדלען דעם גרעסטען צאָהל בירגער אין גאַנצע, פולשטענדיג ענטוויקעלטע מענשען, נאָך דאָס זעלבע דורשט אויך דער פראָלעטאַריאַט.

ווען די אינזשענערען און די ארבייטער זאָלען זוכען פאַרפאָלקאָמענסטע און פראָדוקטיווע מאַשינען, ניט פיהלענדיג אויף זיך דעם דרוק פון דעם אונטערנעמערס חשבונות, נאָכפאָלגענדיג בלויז דעם איינציגען סימן פון געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט — צו מאַכען די ארבייט מעהר פראָדוקטיוו — דאַן וואָלטען זיי געקענט ארבייטען צוזאַמען און צווישען זיי וואָלטען די קלענסטע רייבענישען ניט פאָרגעקומען.

דאָס זעלבע איז מיט דער שול.

דאָס פאָלק האָט זיך באַפרייט. דאָס פאָלק איז געוואָרען דער בעל־הבית פון לאַנד. דאָס פאָלק פאַרלאַנגט מעהרער ליכט — מעהרער ליכט פאַר זיך און פאַר די קינדער. דער צוזאַמענפאָהר פון די סאָוועטען, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט 15 מיליאָן פאָרטגעשריטענע בירגער, האָט מיך גערופען צו זיין דער קאָמיסאַר פון פאָלקס־בילדונג. אָהן פרעטענזיעס, אָהן גאוה, מיט א שרעקען־געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט, מיט יראת הכבוד, גרייט צו פאַרלאָזען מיין פאָסטען און שטעלען זיך אין די רייהען ווי א פראָסטער סאָלדאַט, ווי נאָר דאָס פאָלק וועט עס פון מיר פאַרלאַנגען, האָב איך אויף זיך גענומען די פליכט און ווענדע זיך איצטער צו אייך, לעהרער און לעהרערינס פון רוסלאַנד: וואַרפט אוועק דעם אומווירדיגען באָיקאָט און לאָמיר דערווייל ארבייטען צוזאַמען, ביז וואַנען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט איינפיהרען א שטענדיגע אָרדנונג אויפ'ן געביט פון פאָלקס־בילדונג.

איך רוף אייך אויסצופיהלען דאָס פאָלגענדע פראָגראַם: צוגרייטען אומגעזאַמט א בילדונגס־צוזאַמענפאָהר אויף די דעמאָקראַטישסטע פרינציפען, און ביי דער ערשטער מעגליכקייט זאָל דער צוזאַמענפאָהר ווערען א ווירקליכקייט. פאַראייניגטע ארבייט פון פראָלעטאַריאַט און פון דעם בעסטען טייל פון דער אינטעליגענציע צו באַשאַפען אַן איינהייטליכע, פרייע פאָלקס שול, אין ברייטעסטען זינען פון דעם וואָרט.

בעת איך שרייב צו אייך, לעהרער און לעהרערינס, דיזען אויפ־רוף, פיהרט מיט מיין האַנט דער נייער בעל־הבית פון לאַנד — א יונגער, אומערפאַהרענער, אָבער א שטאַרקער: דאָס ארבייטענדע פּאָלק, וועמען איהר האָט שטענדיג געוואָלט דינען.

געהט צו איהם און העלפט איהם. ער האָט געזיעגט, ער איז אָבער איינזאַם. ער איז פול מיט כוחות, ער איז אָבער ארומגע־רינגעלט מיט אומגליקען. עהרע צו דעם, וואָס אין א שווערער צייט פון געבראַטענע נסיונות שטעהט מיט'ן פּאָלק, ווי ער איז.

שאַנדע צו די יעניגע, וועלכע פאַרלאָזען איהם. און זייט וויסען — דער עקעלהאַפטער בונט, דער בונט פון דער אינטעליגענציע געגען דאָס ארבייטענדע פּאָלק, אויב ער זאָל זיך פאַרציהען, וועט פאַרזעען דעם וועג פון זיינע ליידען מיט נייע דערנער — דאָס וועט אָבער ניט אָפּשטעלען זיין רייטוואָגען. דאָס פּאָלק רופט אייך ארבייטען צוזאַמען, בויען צוזאַמען די נייע שול. אויב איהר וועט זיך אָפּזאָגען, וועט ער פאָרטזעצען זיין ארבייט אליין מיט דער הילף פון זיינע טרייע, איבערגעגעבענע און פריינדליכע כוחות.

דער וועג צו דער פאַרגאַנגענהייט איז אָפּגעשניטען!

פּאָלקס קאָמיסאַר פאַר בילדונג,

א. וו. לונאַטשאַרסקי.

ערקלערונג פון אומבאקאנטע ווערטער

א

אַדיסעע — אַ העלדען־געדיכט פון דעם באַריהמטען גריכישען דיכ־טער האמער, וועגען דעם צוריקקומען פון דעם טראַיאַנישען העלד אַדיסעי (אוליסעס), וועלכער האָט געוואַנדערט 10 יאָהר צו געפינען דעם וועג צו זיין היימאַט.

אוניווערזום — דער וועלט־אַל, די גאַנצע וועלט.

אטהענע — אַ געטין אין דער גריכישער מיטאלאָגיע. לויט דער לעגענדע איז זי געבוירען געוואָרען פון דעם קאָפּ פון איהר פאָטער, דעם מעכטיגען גאָט זעאוס.

אילאָט — אַ שקלאַף אין אַלטען גריכענלאַנד.

אינטואיציע — אַ גייסטיגע פעהיגקייט צו באַגרייפען זאַכען אָהן דער הילף פון באַווייזען, אַ פעהיגקייט צו „דערפיהלען" אמת'ען.

אינטעגראַציע — דער פּראָצעס פון צוזאַמענשטעלען אַ גאַנצעס פון פאַרשיעדענע טיילען.

איראַציאָנאַליזם — אונפערנינפטיגקייט; אַפּלייקענען די פעהיג־קייט פון שכל צו אורטיילען וועגען זאַכען.

אַסאָציאַטיוו — פאַרבונדען (אין ערינערונג) מיט אַנאַנדער זאַך.

אַפּריאָרי — אָנצונעהמען אַ מיינונג אָדער אַ געדאַנק אַ פּ ר י אָ ר י מיינט אָנצונעהמען עס א י י ד ע ר עס איז באַשטעטיגט געוואָרען דורך באַווייזען.

אַסקעט — נזיר, איינער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלע תאוות עולם הזה, פון וועלטליכע פאַרגעניגענס.

אָרגיע — אַן אויסגעלאַסענע זויפעריי ביי די אַלט־גריכען לכבוד באַקכוס, דעם גאָט פון וויין.

נ

נאַלאַטעאַ — אין דער אַלט־גריכישער מיטאָלאָגיע — אַ נימפע, אַ וואַסער־געטין, וואָס פּערזאָניפיצירט דעם שטילען רוהיגען ים.

ד

דיפערענציאַציע — אין ביאָלאָגיע — אַ שטופענווייזע ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפּער; אין לאָגיק — דאָס אונטערשיידען לויט כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען.

דעקאַדענץ — דאָס אונטערגעהן, דאָס זינקען; אַ ריכטונג אין קונסט, וועלכע באַהויפּטעט אַז לאָגישער זין און רעאַליזם איז ניט דער עיקר פון פּאָעזיע און קונסט.

ה

העגעמאָניע — אויבערהערשאַפט, פיהרערשאַפט.

העראָסטראַט — נאָמען פון אַ גריך, וועלכער האָט אונטערגעצונדען אַ טעמפּעל כדי זיך באַריהמט צו מאַכען. דערנאָמען ווערט באַנוצט צו כאַראַקטעריזירען איינעם, וואָס באַגעהט אַ משוגענע טאַט כדי זיך צו מאַכען „באַריהמט“.

ו

וואָלטעריאַנסטוואָ — די לעהרע, פּרינציפּען אָדער האַנדלונגען פון וואָלטער, דעם באַריהמטען פראַנצויזישען דענקער און שרייבער, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון די פריי־הייטס־אידעען אַם ענד פון 18טען יאהרהונדערט.

וואַקכאַנאַליע — שכרות, הולטאַיסטווע; אַ טרינק־יום־טוב אין אַלטען גריכענלאַנד לכבוד באַקכוס, דעם גאָט פון וויין.

ז

זעאוס — דער הויפּט פון דער גריכישער געטליכער משפחה.

זעפיר — אַ לייכטער ווינטעלע.

ט

טעאָלאָגיע — די וויסענשאַפט וואָס גיט זיך אָפּ מיט שטודירען און פאַרשען רעליגיעס.

טיראַליאַר — אַ יעגער, וואָס פאָהרט פאָרויס, אַן דער שפּיץ פון דער יעגער־גרופּ.

מ

מאָלעקול — דער קלענסטער טייל פון אַ שטאָף, וואָס קען עקזיסטירען באַזונדער און אַנהאַלטען די כעמישע אייגענשאַפטען פון דעם שטאָף.

מאָניזם — אַ פילאָזאָפישע לעהרע לויט וועלכער אַלע ערשיינונגען, גייסטיגע און פיזישע, האָבען איין אורזאַכע און זיינען פון זעלבען וועזען. אַלס די איינציגע אורזאַכע ווערט אָנגעגעבען אָדער דער גייסט (אידעאַליסטישער מאָניזם) אָדער דער שטאָף (מאַטעריאַליסטישער מאָניזם).

מיזאַנטראָפּיע — מענשען־האַס, פיינדשאַפט צו מענשען.

מיסטיפיצירען — אָפּנאַרען, פאַרבלענדען, פאַרטומלען; איינהילען געוועהנליכע זאַכען אין אַ געהיימניס כדי צו פאַרבלענדען.

מעטאַפיזיק — די וויסענשאַפט איבער זאַכען און פּרינציפּען אין דער פיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קענען באַגריפען ווערען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט דורך די חושים און ערפאַהרונג.

נ

נאַטוראַליזם — אין ליטעראַטור און קונסט — אַ שול וואָס באַהויפּטעט, אַז אַ קינסטלער דאַרף שילדערען זיין געגענשטאַנד מיט אַלע איינצעלהייטען און אַז אין אַזאַ פּינקטליכער שילדערונג פון זאַכען באַשטעהט די הויפּט־אויפגאַבע פון קונסט.

נירוואַנאַ — אַ צושטאַנד פון פאַלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען. לויט דער בודיסטישער רעליגיע דאַרף דער מענש טויטען אין זיך אַלע געפיהלען און ליידענשאַפטען און שטרעבען צו נירוואַנאַ.

ר

רענעסאַנס — די עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די אייראָפּעאישע פעלקער צום ענד פון מיטעלאַלטער (פון 14טען ביז 17טען יאהרהונדערט) וועלכע כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער ווידעראויפלעבונג פון דער קלאַסישער ליטעראַטור און קונסט. — ווידערגעבורט, ווידעראויפלעבען.

ס

סאָפיזם — אַ פאַלשער שלוס, אַ פּלפול, אַ שיינבאַרער, אָבער אין עצם פאַלשער לאָגישער באַווייז.

סאַנטשאָ־פּאַנסאָ — דער וואָפען־טרעגער פון דעם ריטער דאָן קיכאָט, דעם הויפּט העלד פון דעם באַריהמטען ראָמאַן „דאָן קיכאָט“ פון דעם שפּאַנישען שרייבער סערוואַנטעס.

סטאָיקער — איינער וואָס באַציהט זיך רוהיג און גלייכגילטיג צו פריידען און ליידען; אַ שטרענגער מאָראַליסט.

סילאָגיזם — אַ לאָגישע שלוספאָלגערונג וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דריי זאַצען, וואו דער לעצטער זאַץ איז דער נויטיגער שלוס פון די ערשטע צוויי. צום ביישפּיעל: 1) יעדער מענש מוז שטאַרבען; 2) חיים איז אַ מענש; 3) פאָלגליך, חיים מוז שטאַרבען.

סינטעטיש — פון סינטעז. דאָס לעצטע מיינט אַ פאַראייניגונג פון באַזונדערע עלעמענטען אין איין נייער פאָרם; אין לאָגיק — די פאַראייניגונג פון איינפאַכע באַגריפען אין אַ העכערען באַגריף; אין כעמיע — צוזאַמענשטעלען אַ שטאָף פון די עלעמענטען.

סיקאָפאַנט — אַ שמייכלער, אַ חונף, אַ טעלערלעקער, אַ מוסר.

ע

עמאָציע — געפיהל, אויפרעגונג פון געפיהלען, ריהרונג.

עקלעקטיק(ער) — איינער וואָס נעהמט ניט אָן קיין פעסט באַשטימטע סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט, נאָר ער נעהמט אָן פאַרשיעדענע טיילען פון פאַרשיעדענע סיסטעמען.

עסעי — אַ קורצע נישט סיסטעמאַטישע אָפּהאַנדלונג.

פ

פאַראַפראַזירען—איבערגעבען איינעמס טעקסט מיט אייגענע ווערטער כדי צו מאַכען איהם קלאָר און פאַרשטענדליך.

פאַראָקסיזם — אַ פעריאָדישער אויסברוך פון אַ קראַנקהייט, אַ ספּאַזמע, אַ קאָנוואולסיע.

פאַריסעי — איינער וואָס היט אָפּ שטרענג די אויסערליכע פאָרמען פון רעליגיע; אַ היפּאָקריט, אַ צבוע׳ק.

פיליסטער — אַ שמאָלקעפּיגער מענש; אַ מענש מיט אַ שמאָלען און אויבערפלעכליכען בליק אויפ׳ן לעבען.

פלאַסטיק — די פלאַסטישע קונסט, אַרכיטעקטור אָדער סקולפּטור; אַ זאַך איז פלאַסטיש ווען זי לאָזט זיך פאָרמירען און בילדען ווי מען וויל, ווען זי לאָזט זיך קנעטען.

פּראָטאָטיפּ — אַן אָריגינאַל, פון וועלכען עטוואָס ווערט נאָכגעמאַכט; אַ מוסטער.

פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיש — גייסטיג קראַנק.

צ

ציניקער — איינער פון דער פילאָזאָפישער סעקטע אין אַלט־גריכענלאַנד, וועלכע האָט געלערענט, אַז דער העכסטער ציעל אין לעבען איז טוגענד. אין דעם געוועהנליכען געברויך איז אַ ציניקער דער, וואָס לאַכט אָפּ פון אַלעם וואָס איז טייער און הייליג.

ק

קריטעריום — אַ פּרוביר־שטיין; די מאָס דורך וועלכער מען שאַצט אָפּ אַ זאַך.

אינהאלט:

פאָרוואָרט צו דער אידישער אויסגאַבע — — — — — — — 7

א ויכוח וועגען קונסט — — — — — — — — — — — — — — 15

די פילאָזאָפיע און דאָס לעבען — — — — — — — — — — — 61

וועגען לעאָניד אנדרעיעוו — — — — — — — — — — — — 83

וועגען מאקסים גאָרקי — — — — — — — — — — — — 103

די פילאָזאָפיע פון דער טראַגעדיע — — — — — — — — — 133

וועגען טעאטער — — — — — — — — — — — — — — 217

די קולטור־אויפגאַבען פון ארבייטער קלאַס — — — — — — 247

צו אלע לעהרער — — — — — — — — — — — — — 273

ערקלעהרונג פון פרעמדע ווערטער און נעמען — — — — — 281